STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05540

ON A FORHANG

Hanan J. Ayalti

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Rose Paul
in memory of
Jacob & Katie Paul

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביכער פון חנן אַיאַלטי:

במחילות — ראָמאַן, העברעאיש
טאַטע און זון — ראָמאַן, פּרעמירט פון לואיס לאַמעד פאָנד, 1943
דער האָטעל וואָס עקזיסטירט ניט — ראָמאַן אין צוויי בענד
אידישע שפּריכווערטער — זאַמלונג, אידיש און ענגליש
דער טשעק און די אייביקייט — דערציילונגען
ווייטער פון ברוקלין — ראָמאַן, פּרעמירט מיטן בימקאָ־פּרייז
פון אידישן קולטור־קאָנגרעס, 1959

העברעאיש:

כי תמול אנחנו
(איבערזעצונג פון „טאַטע און זון")

אין מנוס מברוקלין
(איבערזעצונג פון „ווייטער פון ברוקלין")

שפּאַניש:

Padre e Hijo
(איבערזעצונג פון „טאַטע און זון")

אָן אַ פֿאָרהאַנג

די נאָטיצן און רעפּאָרטאַזשן, וואָס דערשיינען אין בוך „אָן אַ פּאַרהאַנג", זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פאָלגנדיקע צייטונגען און צייטשריפטן:

„אידישער קעמפער", ניו־יאָרק (פאַראייניקטע שטאַטן)
„אונזער וואָרט", פּאַריז (פראַנקרייך)
„די פּרעסע", בוענאָס־איירעס (אַרגענטינע)
„פאָלקסבלאַט", מאָנטעווידעאָ (אורוגוואַי)
„אידישע פּרעסע", ריאָ דע זשאַניירא (בראַזיל)
„דער וועג", מעקסיקע ד. פ. (מעקסיקע)
„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל (קאַנאַדע)

עטלעכע פון די רעפּאָרטאַזשן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין:

„יידישע צייטונג", תל־אָביב (מדינת־ישראל)
„די אידישע שטימע", לאָנדאָן (ענגלאַנד)
„נייע יידישע צייטונג", מינכען (דייטשלאַנד)
„מעקסיקאַנער לעבן", מעקסיקע ד. פ. (מעקסיקע)
„אויסטראַלישע יידישע נייעס", מעלבורן (אויסטראַליע)
„די יידישע פּאָסט", סידני (אויסטראַליע)

העברעאיש:

„דבר", תל־אביב (מדינת־ישראל)
„על המשמר", תל־אביב (מדינת־ישראל)

ענגליש:

“Commentary,” *New York*
“Jewish Frontier,” *New York*
“Midstream,” *New York*
“The Pioneer Woman,” *New York*
“The Synagogue Review,” *London*

חנן אַיאַלטי

אָן אַ פּאָרהאַנג

(נאָטיצן פון אַ רייזע-טאָגבוך)

פאַרלאַג „אכסניא"
ניו-יאָרק ה'תשכ"ג
1962

ON A FORHANG

(WITHOUT A CURTAIN)

By Hanan J. Ayalti

Copyright, 1962
by Hanan J. Ayalti
New York, N. Y.

Published by

FARLAG "ACHSANYA"

New York

U. S. A.

1962

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

אינהאַלט

וואָס הערט מען אין מאָסקווע ?	9
פוןביידע זייטן פאַרהאַנג	18
טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן	28
וואָס מער עס ענדערט זיך —	37
צווישן מענטשן	45
ריטואַל און רוטין	54
אויפן וועג צו אידישע שרייבער אין מאָסקווע	62
מיט אידישע שרייבער אין מאָסקווע, 1961	69
אַ יונגערמאַן פון ערגיץ־וואו	78
אַלערליי באַגעגענישן	88
דער חידוש	97
אויף אַ היימישער שמחה אין אַ מאָסקווער פאַרשטאָט	102
מיניאַטורן	119
צווישן קרעמלין און דער מאָסקווער סינאַגאָגע	125
אַ סידור נוסח סיביר	139
טעאָריעס, ווירקלעכקייט און סתירות	148
קאַטיאַ איוואַנאָוואַ — אַ סאָוועטישע וועגווייזערין	159
בילדער און באַמערקונגען	169
אויפן וועג צו אַ סאַטעליט	177
אַן אויגנבליק אין וואַרשע	181
צווישן אידן אין וואַרשע	189
יאַנינאַ	197

וואָס הערט מען אין מאָסקווע?

דער ערפּלאַן האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט, זיך אונטערגעהוידעט און זיך געגליטשט דורך דער פינסטערניש פון דער נאַכט. אונטן, אין דער ווייט, האָבן אויפגעטויכט ליכטער: געפינקלט, געוואונקען, זיך פאַרמערט — אַ ריזיקע שטאָט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ברייט און ווייט. אַ שטימע האָט אויפגעפאָדערט די פּאַסאַזשירן — צוערשט אויף דייטש, דאַן אויף רוסיש און ענגליש — אַז זיי זאָלן פאַרשניורעווען די גאַרטלען און אויפהערן רויכערן:

— אין עטלעכע מינוט אַרום וועלן מיר לאַנדן אין מאָסקווע!

מיר קוקן אַראָפּ אונטן: מאָסקווע!... דער צענטער פון דער וועלט-רעוואָלוציע; די הויפּט-שטאָט צו וועלכער עס האָבן זיך אין משך פון צענדליקער יאָרן געהויבן די אויגן פון פּראָגרעסיווע אינטעלעקטואַלן און רעבעלישע אַרבעטער; דאָס פאָטערלאַנד פון די אונטערדריקטע איבער גאָר דער וועלט; דער ברען-פּונקט פון די געשעענישן, וואָס האָבן געזאָלט ענדערן די אַלטע געזעלשאַפט... די שטאָט, וואו עס האָט געלעבט — איזאָלירט צווישן די מויערן פון קרעמל — דער מאַן מיט דער גערדיכטער וואָנצע, וועלכער האָט יאָראַין יאָר-אויס, טיילמאָל טאָג-טעגלעך כמעט, געמאָרדעט זיינע קאָנקורענטן: קעגנער און פריינט צוגלייך; וואו עס פלעגט מיט איין פעדער-שטריך פאַר׳חתמ׳עט ווערן דער גורל פון צענדליקער טויזנטער מענטשן; וואו עס זיינען אונטערגעשריבן געוואָרן דעקרעטן, וואָס האָבן פאַרשיקט הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען, אין די קעלטן פון סיביר, צום ווייסן ים, אין די טונדרעס און טאַיגעס, אויף שקלאַפןאַרבעט, ליידן, אומקום; די הויפּט-שטאָט פון יענער זייט „אייזערנעם פאָרהאַנג״, פון וואַנען עס ציען זיך די פעדים פון אויפשטאַנדן און איבערקערענישן, עכטע און געמאַכטע, צו פאַרוואָרפענע ווינקלעך פון דער וועלט: ערגיץ אין אַזיע, אַפריקע, דרום-אַמעריקע...

ווי זעט עס דאָרט אויס אַצינד? האָט זיך עפּעס געענדערט? צום שלעכטן? צום גוטן?

— די פּאַסאַזשירן ווערן געבעטן צו בלייבן אויף זייערע פּלעצער, ביז דער עראָפּלאַן וועט בלייבן שטיין און אַלע מאָטאָרן וועלן אויסגע־לאָשן ווערן.

מיר זיינען בלויז געציילטע פּאַסאַזשירן אין עראָפּלאַן. כ׳בין גע־פלויגן קיין מאָסקווע פון תל־אביב, און מיין וועג האָט געפירט איבער ווין — די הויפּטשטאָט פון עסטרייך. פון ווין קיין מאָסקווע פליען אַ טאָג איבער אַ טאָג אַן עסטרייכישער און אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן. כ׳וואָלט ליבערשט געפלויגן — צוליב נייגיר — מיט אַ סאָוועטישער מאַשין, אָבער די אַריינפאָר־וויזע אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז באַגרע־ניצט אויף אַ באַשטימטער דאַטע (אין משך פון דריי טעג פאַר אַ טור־ריסט) און אין יענעם טאָג איז געפלויגן אַן עסטרייכישע מאַשין.

אין ווין זיינען אין עראָפּלאַן איינגעשטיגן אויך עטלעכע דייטשן, קענטיק ביזנעס־לייט פון מערב־דייטשלאַנד. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, זיינען געזעסן אַרום טישלעך ביים אַריינגאַנג אין עראָפּלאַן, האָבן געטרונקען שנאַפּס און געשפּילט אין קאָרטן. זיי זיינען אויסגע־שטיגן אין וואַרשע, בעת מיר האָבן דאָרט געלאַנדעט אין משך פון אַ שעה־צייט. ווען כ׳האָב באַזוכט וואַרשע, אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָב איך דאָרט געזען פיל דייטשן, וואָס זיינען געקומען מאַכן גע־שעפטן מיטן „אָסטן".

אויך עטלעכע סאָוועטישע מענטשן זיינען מיטגעפאָרן פון ווין אַהיים: אַ פאַמיליע (אַ פאָטער, אַ מוטער און אַ קליין מיידעלע) און אַן איינצלנער רוס, דער פאָטער, אַ יונגער מענטש, אין די דרייסיקער, איז קענטיק צוריקגעקומען פון אַ שליחות אין אויסלאַנד. כ׳האָב זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז ער איז אַ איד. ער האָט אויסגעזען אַ ביסל אַנדערש ווי אַ רוסישער איד פון אַלטן דור, פונקט ווי אַן אַמעריקאַנער־געבאָרענער איד פון צווייטן אָדער דריטן דור זעט־אויס אַנדערש ווי דער אימיגראַנטישער זיידע — ס׳הייסט די זעלביקע שטריכן, נאָר אַ ביסל פאַלירט, גלאַטיקער. אפילו אין זיין אופן פון רעדן איז קענ־טיק געווען דער אידישער אָפּשטאַם. די פרוי, אַ בלאָנדע, אַ העל־הויטיקע, איז וואַרשיינלעך געווען אַ נישט־אידישע. דאָס מיידעלע האָט מיטגעפירט אַ שלל מיט צאַצקעס, בעיקר אויסגעפּאַקטע חיות, אַ לאַנגן קראָקאָדיל פון פּלאַסטיק, און אַ קליין בערעלע פון שטאָף, וועגן וועלכן זי האָט כסדר איבערגע׳חזר׳ט צו דער מאַמען:

— „מאַלענקי דאַ אודאַלענקי...״ (אַ קליינינקער אָבער אַ גע־ראַטענער).

פון די עטלעכע ווערטער אירע האָט אַ ווייע געטאָן מיט ווייטע, פון־לאַנג פאַרלאָפענע קינדער־יאָרן און ערשטע לעקציעס אין דער ערשטער גוי׳אישער שפּראַך. דער זעלביקער פאָלקסטימלעכער אויס־דרוק — ווי ס׳וואָלטן נישט פאַרגעקומען קיין מלחמות און רעוואָלו־ציעס, ווי אַלץ וואָלט געבליבן ביים אַלטן. און אפשר איז, אין תוך גענומען, טאַקע אַלץ געבליבן ביים אַלטן?

די סאָוועטישע בירגער האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. ווי דורך אַ צופאַל זיינען זיי געזעסן אויף דעם קעגנאיבערדיקן פליגל פון האַלב־ליידיקן עראָפּלאַן. די משפחה־לייט האָבן גערעדט צווישן זיך, אָבער מיט דעם איינצלנעם רוס האָבן זיי כמעט קיין מגע־ומשא נישט גע־האַט. ער איז געזעסן די גאַנצע צייט פאַרטיפט אין צייטשריפטן, ס׳רוב ענגלישע: „רידערס דאַידזשעסט״, „נ. י. העראַלד טריביון״ א. אַ. נאָר איינמאָל האָב איך אויפגעכאַפּט אַ קוים־באַמערקבאַרן שמייכל פון דעם סאָוועטישן איד אין מיין זייט.

כ׳האָב זיי באַטראַכט מיט נייגיר, און בשעת־מעשה בין איך זיך אַליין פאַרגעקומען ווי עפּעס אַן „אַסטראָנאָט״ (אַ זייער פּאָפּולער וואָרט אין סאָוועטנפאַרבאַנד), וואָס איז מגולגל געוואָרן אויף אַ וויטן פּלאַ־נעט און האָט נאָכגעפאָלגט יעדע קלייניקייט אין דער פירונג פון די מענטשן, וואָס ער האָט דאָרט אַנטדעקט.

* * *

דער עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביים אַרויסגאַנג איז גע־שטאַנען אַ מיליציאַנער אין אַ מונדיר מיט אַ רויטן שטערן אויפן היטל. ער האָט גענומען מיין פּאַספּאָרט, האָט אַריינגעקוקט און האָט סאַלוטירט מיליטעריש. „דעם פּאַס וועל איך צוריק באַקומען אונטן״ — האָט מען מיר געזאָגט. מיר זיינען אויסגעשטיגן און זיך געלאָזט גיין צו דער געביידע פון צאָל־און פּאַס־קאָנטראָל — אַ לאַנגער הילצערנער באַראַק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַרצייטיקער וואָקזאַל אין אַ פּראָווינץ־שטאָט (למען ה׳אָביעקטיוויטעט וויל איך דאָ צוגעבן, אַז שפּעטער, ביים אַרויספאָרן פון לאַנד, האָט מען אונז אָפּגעפאַרטיקט אין אַ רחבות׳דיקער, מאָדערן־אויסגעשטאַטעטער געביידע).

אויף דער אַנדער זייט פון אַ פּאַרקאַן פון שטאַכעטן זיינען געשטאַנען עטלעכע צענדליק מענטשן: בירגער וואָס האָבן משמעות אָפּגעוואַרט זייערע פריינט אָדער קרובים, טעקסי־שאָפערן, אפשר סתם נייגעריקע.

אין האַלב־טונקל האָבן זיי אויסגעזען ווי אויפגעטויכט פון שאַגאַל׳ס אַ בילד פון אַ קליין שטעטל — ווי פון שאַגאַל׳ס אַ בילד אָדער ווי אַ געזעמל אין אַ מאַרק פון אַ פּראָווינץ־שטאָט אין פּאָדאָל אָדער ליטע: היטלען מיט לאַנגע דאַשקעס, לאַנגע, אַלטמאָדישע און פאַרעלטערטע סורדוטן, דאָ און דאָרט אַ פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, עטלעכע בעסער־געקליידטע בעלי־בתים, און די מערהייט — ווי איזוואָשטשיקעס אין אָפּגעבליאַקעוועטע לעדערנע קורטקעס, טרעגערס אין נאָך־דער־אַרבעט מלבושים, סתם „עמך״.

אין משך פון די קומענדיקע עטלעכע טעג האָבן די מלבושים פון די מאָסקאָוויטן צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. אויך די אָרטיקע מענטשן, סאָוועטישע, וואָס זיינען אַביסל באַקאַנט מיט דעם לעבן אין די מערב־לענדער — פון זען אָדער נאָר פון הערן (און עס זיינען אַצינד פאַראַן אַ סך אַזעלכע) — פאַרטראַכטן זיך וועגן דער קליידונג פון ביידע זייטן פון „אייזערנעם פאָרהאַנג״, וואָס איז אין אַ געוויסן זינען ווי אַ סימבאָל פאַרן אונטערשיד אין לעבנס־סטאַנדאַרט. ס׳איז מיר אַפילו אויסגעקומען צו פירן וועגן דעם אַ לענגערן שמועס מיט אַ רעדאַקטאָר פון אַ רוסיש־סאָוועטישער צייטונג, וועלכן כ׳האָב צופעליק באַגעגנט. ערשט פאַר מיין אָפּפאָר האָב איך זיך געהאַט צוגעוואוינט צום אָרטיקן „הילוך״ און ער האָט אָנגעהויבן אויסזען נאָרמאַל אין מיינע אויגן.

אין באַראַק האָט שוין אויף מיר געוואַרט אַן אָנגעשטעלטער פון „אינטוריסט״. ער האָט געהאַט מיין נאָמען אויף זיין ליסטע. די צאָל־באַאַמטע האָבן באַוואונדערט דעם פּלאַסטיק־קראַקאָדיל, וואָס דאָס מיידעלע האָט מיטגעבראַכט פון מערב. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ קרייז און אים באַטאַפּט. מיין פּאַס־קאָנטראָל האָט מען אָפּגע־פאַרטיקט איינס און צוויי, העפלעך און אָן לאַנגע שהיות. כ׳האָב צוריק באַקומען מיין דאָקומענט.

אונזער מיטרייזנדער, דער משפחה־פאָטער, איז טאַקע געווען אַ איד. ער איז אָפּגעוואָרט געוואָרן דורך אַ סימפּאַטישער, עלטערער פרוי, מיט אַ פּנים פון אַ אידישער מאַמען, אָנגעטאָן אין אַ גאַנץ עלעגאַנטן פעלץ. מאַמע און זון און שנור און אייניקל זיינען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. מען האָט, פאַרשטייט זיך, זיך באַגריסט אויף רוסיש. די עלטערע פרוי האָט אויך אויף מיר געוואָרפן אַ בליק — און זי האָט משמעות גלייך דערקענט, אַז כ׳בין אַ איד פון ווייטן, לעגענדאַרן אויסלאַנד (אין סאָוועטנפאַרבאַנד דערקענט מען אַ טוריסט אויף צען מייל — שוין בלויז לויט זיין קראַוואַט). זי האָט מיר געשענקט

אַ האַרציקן שמייכל — דער ערשטער שמייכל אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכן כ׳האָב ניט פאַרגעסן עד היום, כאָטש כ׳האָב אין די שפּעטער־דיקע טעג זיך אָנגעטראָפן אויף אַ סך פריינטשאַפט און האַרציקייט, סיי צווישן באַקאַנטע, סיי צווישן לחלוטין פרעמדע מענטשן.

מיינע וואַליזעס האָט מען אַפילו ניט געעפנט. דער אָנגעשטעלטער פון „אינטוריסט" האָט צוגערופן אַ טרעגער און יענער האָט אַרויס־געטראָגן מיין געפּעק אין אַן אויטאָ, וואָס האָט געוואַרט אין דרויסן. אויסער דעם „אינטוריסט"־מאַן איז אין דער מאַשין מיטגעפאָרן נאָך אַ טוריסט — אַ מיסטער גאָטליב אָדער בורשטין — וועלכער איז גע־קומען פון לאָנדאָן אויף אַ ביזנעס־רייזע. ערשט איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין מאָסקווע וועל איך איינשטיין אין דער „גאָסטיניצאַ אוקראַאינאַ".

דעם רייזנדן פון מערב איז, פאַרשטייט זיך, לחלוטין פרעמד די סיסטעם — און ס׳איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע, כאָטש טיילווייז אויך זייער אַ באַקוועמע סיסטעם — פון וואוינען און אַרומפאָרן ווי אַן אויסלענדער, באַזונדערס ווי אַ טוריסט — אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַלע הוצאות ווערן באַצאָלט אין פאָראויס. איז וועגן האָטעל, קופּאָנעס פאַר מאָלצייטן, טורן און באַזוכן (טיילמאָל מיט אַ באַגלייטער און די מערסטע צייט — אויב מען וויל — אויך אָן אַ באַגלייטער) וועל איך דערציילן ערגעץ אַנדערש. דאָ בלויז וועגן רייזעס. אַ מענטש פון מערב שטעלט זיך אַוודאי פאָר, אַז מען נעמט און מען קויפט אַ בילעט און מען פאָרט. ניט ביי מאָטיען! ווי אַ כאַראַקטעריסטישןביישפּיל וועל איך דאָ שילדערן בקיצור די „אָרגאַניזאַציע" פון מיין רייזע פון מאָסקווע קיין לענינגראַד, וואָס איך האָב געמאַכט עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אַ טאָג פאַר דער רייזע האָב איך געמעלדעט אין „אינטוריסט", אַז איך וועל צומאָרגנס פאָרן קיין לענינגראַד. זיי האָבן שוין געוואוסט וועגן דעם, וואָרים זיי גופא האָבן דאָך אָרגאַניזירט די נסיעה. מען האָט מיר געגעבן מיין בילעט און באַשטעלט אַן אויטאָ. צומאָרגנס זעקס באַגינען האָט שוין געוואַרט אַן אויטאָ ביי דער טיר פון האָטעל. אַ מאַן פון „אינטוריסט" איז איינגעשטיגן מיט מיר און מיך געבראַכט צום לופט־פעלד. דאָרט האָט מיך איבערגענומען אַן אָרטיקער „אינ־טוריסט"־פאָרשטייער. ער האָט אָפּגעפּראַוועט מיינע פּעקלעך, האָט מיך באַגלייט ביז די טרעפּלעך פון עראָפּלאַן און זיך האַרציק געזעגנט.

ווען איך בין אויסגעשטיגן אין לענינגראַד, האָט שוין אַ פאָר־שטייער פון „אינטוריסט" געוואַרט ביי די טרעפּלעך פון עראָפּלאַן. ער האָט זיך האַרציק באַגריסט מיט מיר, גענומען די „קוויטאַנציעס" פון

מיינע וואַליזעס, האָט באַזאָרגט מיין געפּעק אין אַ מאַשין, איז אַליין איינגעשטיגן מיט מיר אין דער מאַשין, האָט מיר באַגלייט אין „גאָס־טיניצאַ יעווראָפּאַ" און מיך איבערגעגעבן צום אויפזעער פון האָטעל, וועלכער האָט שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ צימער ס'איז פאַר מיר רעזערווירט.

און פונקט אַזוי בין איך אויך געפאָרן צוריק פון לענינגראַד אין מאָסקווע.

נאָכדעם ווי כ'בין אַזוי אַרומגעפאָרן אַ צענדליק טעג און דער „אינטוריסט" האָט מיך סוף־סוף אַרויסבאַגלייט צום לופט־פעלד, ביים אַרויספאָר פון לאַנד, און זיך מיט מיר אָפּגעזעגנט, בין איך דאָרט שטיין געבליבן אַ פאַרלאָרענער, ווי אַ יתום, רחמנא ליצלן, און ניט געוואוסט ווי זיך צו קערן און וואוהין זיך צו ווענדן. כ'האָב זיך פאַר דער צייט פשוט צוגעוואוינט, אַז מען זאָל מיך פירן פאַר דער האַנט. ס'האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצער טאָג ביז איך האָב צוריק געוואונען מיין רייזע־דערפאַרונג פון יאָרן.

דער מענטש פון מערב איבערטרייבט אויך, פון דער אַנדער זייט, בנוגע דער קאָנטראָל איבער דעם טוריסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ער מיינט, אַז דער טוריסט ווערט קאָנטראָלירט 24 שעה אַ מעת־לעת, און אַז די אויבנדערמאָנטע רייזע־סיסטעם עקזיסטירט בלויז, כדי מען זאָל כסדר, און אָן אויפהער, האַלטן אַן אויג אויפן אויסלענדער — אַ פּאָליציייאישע אויג הייסט עס.

איז עס אפשר טיילווייז אמת, און מיט אַ צענדליק יאָר צוריק איז עס מסתמא געווען אינגאַנצן ריכטיק. אָבער ניט אַצינד. וואָרים אויסער די עטלעכע שעה יעדן טאָג, וואָס איך בין אַרומגעפאָרן מיט אַ באַגלייטערין, בין איך געווען אינגאַנצן פריי זיך צו באַוועגן איבער די שטעט וואוהין כ'האָב געהאַט אַ וויזע (מען קריגט אַ וויזע פאַר באַשטימטע שטעט און ניט פאַר דעם סאָוועטנפאַרבאַנד ווי אַ גאַנצן) און כ'האָב געקענט אַרומפאָרן פראַנק און פריי און באַזוכן וועמען כ'האָב געוואָלט.

ס'איז אין אַ גרויסער מאָס אַן ענין פון אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום אַלע געביטן פון לעבן אין לאַנד. און אין אָט־דער איבער־אָרגאַניזאַציע ליגט אַוודאי סיי די שטאַרקייט און סיי די שוואַכקייט פון דער אינדוסטריעלער סיסטעם, אַ שטייגער. זי קען טיילמאָל זיין טיכטיק („עפישנט") און אין אַ סך פאַלן פּאַראַליזירט זי די איניציאַטיוו פון יחיד.

דעם דורכשניטלעכן סאָוועטישן מענטש איז משמעות פונקט אַזוי

פרעמד דער דרך פון מערב. אויפן וועג צום לופט־פעלד קיין לעניג־גראַד, בעת יענער רייזע, האָט מיך דער באַגלייטער אויסגעפרעגט, צי אין אַמעריקע פאַרט מען אויך אַרום דורך אַ מין „אינטוריסט״.

— ניין — האָב איך אים דערציילט — אַז מען גייט אַראָפּ פון שיף אָדער פון עראָפּלאַן, גייט מען דורך די פּאַס־און־צאָל־קאָנטראָל, און דערנאָך בלייבט מען אויפן אייגענעם באַראָט.

— איז ווי פאָרט מען? — האָט ער זיך געוואונדערט — און אַז מען קען ניט די שפּראַך? און וואו נעמט מען אַ האָטעל? און אַז מען קריגט ניט קיין טעקסי?

און איינמאָל, ווען איך בין געזעסן אין אַ קאַפע־הויז פון מאָסקווע (איינס פון די געציילטע אין שטאָט), האָט זיך צו מיר צוגעזעצט אַ יונגער רוס, וואָס איז געקומען ערגעץ פון דער פּראָווינץ צו דערפילן עפּעס אַ שליחות אין מאָסקווע. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און ער דער־לאַנגט מיר אַ פרעג:

— איז ווי זיינט איר געקומען אַהערצו פון אַמעריקע?

— מיטן עראָפּלאַן.

— כ׳מיין, אין אַ דעלעגאַציע מסתמא? — האָט ער ווייטער גע־פרעגט (ס׳איז געווען ערב דעם ערשטן מאַי און אין מאָסקווע האָבן געשטראָמט דעלעגאַציעס פון אַלע עקן וועלט).

— ניין, ניט מיט קיין דעלעגאַציע — האָב איך אים אינפאָרמירט.

— אַה, אויף אַ קאָמאַנדיראָווקע?

— ניין, ניט קיין קאָמאַנדיראָווקע.

— אַ פּוטיאָווקע?

— ניט קיין פּוטיאָווקע.

ער האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט און האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: אַ מאָדנער פאַרשוין עפּעס, הויבט זיך אויף און פאָרט; ניט קיין דעלעגאַציע, ניט קיין קאָמאַנדיראָווקע, ניט אַפילו קיין פּוטיאָווקע, גאָרניט, סתם מען פאָרט, הפקר אַ וועלט!

ווען ניט דער נייער פרייערער רעזשים וואָלט איך אים מן־הסתם פאַרגעקומען שטאַרק פאַרדעכטיקט. אפשר בין איך סיי־ווי פאַרגעקומען פאַרדעכטיקט. אָבער צייטן בייטן זיך. מיר האָבן נאָך געשמועסט וועגן אַנדערע — אויך פריילעכע — ענינים, וואָס מיר וועלן אייך בשעתו איבערגעבן וואָרט ביי וואָרט.

לאָמיר דאָ גלייך צוגעבן, אַז מענטשן מיט אַזאַ באַגרענעצטן האָרי־זאָנט האָב איך זעלטן געטראָפן אין מאָסקווע. דער עולם ווייסט וואָס עס טוט זיך אין מערב און ווי מען לעבט אין אַמעריקע. אָבער וואָס

שייך אָרגאַניזאַציע, זיינען אַלע געביטן אין לאַנד שטרענג אָרגאַניזירט, און דער טוריזם בתוכם.

* * *

אָבער לאָמיר ניט כאַפּן די פיש פאַרן נעץ. מיר האַלטן ערשט ביים מאָסקווער אַעראָדראָם. די מאַשין האָט זיך געלאָזט אין וועג. אַ לענגערע ווײַלע זיינען מיר געפאָרן אין דער פינסטער, איבער אַן אויסער־שטאָטישן שאָסיי. באַלד האָבן אויפגעטויכט די פאָרשטעט: נייע ריזיקע הייזער־בלאָקן מיט באַלויכטענע פענסטער. אָט זיינען מיר שוין אין דער שטאָט גופא: אַלטע, נידעריקע הייזער, ברייטע גאַסן וואָס זינקען אין שטילקייט. די קראָמען זיינען געשלאָסן. מען זעט ניט קיין קאַפע־הויז, קיין רעסטאָראַן. נאָר דאָ און דאָרט לייכט אַראָפּ אַ שילד איבער אַ מואווי־הויז. דער זייגער איז אַרום צען אין אָוונט. כ׳דערמאָן זיך, וואָס אַ באַקאַנטער, אַ קאָמוניסט דווקא, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אין פּאַריז:

„אין אָוונט איז מאָסקווע אַ גרויסער דאָרף״.

— מאָסקווע גייט פרי שלאָפן — זאָגט מיין מיטרייזנדער, דער מיסטער בורשטין (אָדער מר. גאָטליב) פון לאָנדאָן, וואָס איז געקו־מען מאַכן ביזנעס אין מאָסקווע.

— דער עולם שטייט אויף פרי צו דער אַרבעט — זאָגט דער רייזע־פירער פון „אינטוריסט״.

דער האָטעל „אוקראַאינאַ״ איז איינער פון די העכסטע געביידעס אין מאָסקווע, אַ „וואָלקן־קראַצער״ פון אַרום דרייסיק גאָרנס מיט מאָדערנע איינריכטונגען. ער איז משמעות דאָ נישט לאַנג פאַרענ־דיקט געוואָרן. ביז מיר זיינען דערפאָרן אַהינצו — דער האָטעל גע־פינט זיך אויף דער אַנדערער זייט שטאָט, אַ מינוט 20 פון צענטער — און ביז מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דער רעגיסטראַציע און די קופאָנעס פאַר אַ מאָלצייט, איז שוין דער זייגער געווען נאָך עלף. ביי דער טיר זיינען געשטאַנען פאַרטיערס אין פאַרביקע ליווריעס. אין דער גאַרדעראָבע טוט מען אייך אָן דעם מאַנטל — ווי אין די אַמאָליקע „גוטע צייטן״. אין רחבות׳דיקן רעסטאָראַן ביי דער זייט פון „לאָבי״ האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער. פון די טישן האָבן אַראָפּגע־שיינט ווייסע טישטעכער און פלעשער וויין.

מה נשתנה... מיט וואָס איז דער האָטעל געווען אַנדערש פון ענלעכע האָטעלן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? — געוויסע קליי־ניקייטן אין דער אָרדענונג האָבן אים געגעבן אַן אייגנאַרטיקן כאַ־

ראַקטער. און אפשר איז עס אונזער פאַנטאַזיע — מיר זעען גע־שפּענסטער, ווען מיר טרעטן אַריבער דעם שוועל פון סאָוועטנפאַרבאַנד?

מיר האָבן נישט געקראָגן קיין וויעטשערע, ווייל דער רעסטאָ־ראַן שליסט זיך האַלב נאָך עלף. מאָסקווע איז זייער באַשיידן אין איר נאַכט־לעבן. מיין צימער איז געווען אויפן 18טן גאָרן — אַ רחבות׳דיק מאָדערן צימער, זייער זויבער, מיט באַקוועמע — כאָטש אַ ביסל אַלטמאָדישע אין סטיל — מעבל, מיט אַן אייגענעם באָד־צימער מיט אַ וואַנע, אַ דוש, הייסן וואַסער. די פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ ברייטן סקווער און אויף דער „מאָסקוואַ ריעקאַ״ (דער טייך מאָסקוואַ).

כ׳האָב באַלד אַנטדעקט, אַז אין דער „טאַילעט״ ליגן אַלערליי פּאַפּירן: צייטונגען, זשורנאַלן א. ד. גל. דאָס האָט זיי דער פריער־דיקער שכן איבערגעלאָזט. סאָבאָטאַזש? ניין, גיכער איז ער געווען אַ דעלעגאַט פון עפּעס אַ פאַרוואָרפענעם קאָלכאָז אין אַ ווייטער רע־פּובליק אין צענטראַל־אַזיע. ס׳איז לייכטער אויפצובויען אַ דרייסיק־גאָרנדיקן מאָדערנעם האָטעל איידער אויסצולערנען הונדערט מיליאָן פּויערים די פונקציעס און די פונקציאָנירונג פון אַ מאָדערנעם בית־הכסא. אין מדינת־ישראל האָבן מיר דאָך ענלעכע פּראָבלעמען מיט די ניי־געקומענע אָריענטאַלע אידן.

אָבער וויפל איז דער שיעור אַרויסצוקוקן אין דער נאַכט אויף אַ ראָמאַנטישן טייך און טראַכטן וועגן ערנסטע פּראָבלעמען? — גיין שלאָפן? — ס׳איז נאָך צו פרי. כ׳בין דאָך נישט געקומען קיין מאָס־קווע שלאָפן! כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דער „לאָבי״ אויפן אונטערשטן גאָרן. די „לאָבי״ איז געוויינטלעך דער אינטערעסאַנטסטער ווינקל פון אַ האָטעל: מען כאַפּט דאָרט אַ דרימל אין אַ ווייכן פאָטעל און מען באַגעגנט אינטערעסאַנטע טיפּן — מכל מאמינים שהוא.

און כאָטש איך האָב זיך שפּעטער אַרומגעזען, אַז אַ סאָוועטישע „לאָבי״ איז אַנדערש פון אַ קאַפּיטאַליסטישער „לאָבי״, האָב איך אין יענעם ערשטן אָוונט מיינעם אין מאָסקווע געהאַט מזל: אין דער „לאָבי״ טאַקע האָב איך געשלאָסן מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד — און דווקא מיט אַ זייער אויסטערלישן און לפי־ערך אינטערעסאַנטן טיפּ.

פון ביידע זייטן פאָרהאַנג

ס׳איז געווען נאָך עלף אין אָונט — מיין ערשטער אָוונט אין מאָס־קווע — ווען כ׳האָב זיך געלאָזט גיין אין דער „לאָבי״ פון האָטעל. דעם שליסל פון מיין צימער האָב איך ניט אָראָפּגעטראָגן אונטן — ווי עס פירט זיך אין מערב — נאָר אים אָפּגעגעבן דער אויפזעערין פון 18טן גאָרן, וואו כ׳האָב געוואוינט. אין ס.ס.ס.ר. זיינען די האָ־טעלן (בכל אופן די גרעסערע, פאַר אויסלענדער) דעצענטראַליזירט — יעדער שטאָק איז אַ מלוכה פאַר זיך, וואו אַן אויפזעערין זיצט ביי אַ טישל אויף אַ „סטראַטעגישן״ פּונקט.

פאַר איין וועג האָבן מיר שוין געכאַפּט אַ קורצן שמועס. צוליב „דיפּלאָמאַטישע״ סיבות האָב איך פּרובירט רעדן ענגליש. זי האָט נישט פאַרשטאַנען; פראַנצויזיש — אויך נישט. פאַרפאַלן, כ׳האָב זיך צערעדט אויף רוסיש און געפרעגט, ביז וויפל אַ זייגער איך קען קו־מען צוריק אין מיין צימער. — די גאַנצע נאַכט, ווען איר ווילט — האָט זי געזאָגט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און זי האָט מיך געפרעגט, פון וואַנען איך — אַ טוריסט פון אַמעריקע — קען רעדן אַזאַ גוטן רוסיש.

כ׳האָב איר דערציילט, אַז כ׳שטאַם פון פוילן, און אַז מיט יאָרן צוריק בין איך פון דאָרטן פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און אַז מיר האָבן געלעבט אין משך פון אַ לענגערער צייט, ווי „ביעזשענצעס״ (פּליטים) אין טיף ראַסעי, ביי דעם דאָן.

— אַה, בעת דעם ערשטן אימפּעריאַליסטישן קריג? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ — האָב איך זי אָנגעקוקט מיט לייכטער באַוואונדערונג. אין ניו־יאָרק, אָדער אפילו אין פאַריז וועט איר אַזאַ פּאָליטישן אויס־דרוק נישט הערן פון אַ פּשוט׳ער האָטעל־פּרוי. זי האָט, קענטיק, גוט געקענט איר „פּאָליט־גראַמאַטע״.

— שוין אַ יאָר פערציק נישט גערעדט קיין רוסיש — האָב איך זיך אַנטשולדיקט פאַר מיין שלעכטן אַקצענט.
— אָבער די „ראַדינע" (דאָס היימלאַנד) וועט איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ.
ביז צו דעם דאָזיקן שמועס מיינעם, אין האָטעל, האָב איך אין מאָסקווע גערעדט בלויז ענגליש. כ'האָב געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי כ'וואָלט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט רוסיש, וואָרים אַזוי האָט מיר גע'עצה'ט די חברה אסתר אין ארץ־ישראל.
— אַז דו וועסט קומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָלסטו זיך פאַר־פוצן אין שענסטן אָנצוג, און רעדן זאָלסטו בלויז ענגליש, אָדער פראַנ־צויזיש — האָט זי מיר געראָטן.

* * *

און חברה אסתר ב' האָט גוט געקענט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ערשט מיט אַ יאָר פינף צוריק איז זי פון דאָרט געקומען קיין ארץ־ישראל. זי האָט געוואוינט אין מאָסקווע זינט ערב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און 22 יאָר פון די דאָזיקע יאָרן — בימי סטאַלין — האָט זי געוואַרט אויף איר מאַן, וועלכער איז געווען פאַרשיקט אין סיביר — סתם אויף „ווּיסילקע" און אַ היפּשע צאָל יאָרן אין די פאַרשידענע לאַגערן פון קאַלטן צפון.
איר מאַן, יוסף, איז אין די צוואַנציקער יאָרן געווען איינער פון די מנהיגים און טעאָרעטיקער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ארץ־ישראל (אָדער אין „פּאַלעסטינע", ווי דאָס לאַנד איז פּרינציפּיעל אָנגערופן געוואָרן אין די לינקע קרייזן). ער איז געווען אַ טוער אין „קאָמאינטערן" און אויף איינער פון זיינע רייזעס קיין מאָסקווע האָט ער זיך באַקאַנט מיט אסתר'ן. זיי האָבן חתונה געהאַט און זי איז מיט־געפאָרן מיט אים קיין „פּאַלעסטינע", וואו זי האָט געהאַט אַ טייל פון איר משפחה — דרך־אגב, וויכטיקע ציוניסטישע טוער נאָך פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן.
יוסף ב' איז אין יענע יאָרן אַ סך אַרומגעפאָרן אין אַלערליי שליחות'ן און האָט באַזוכט די הויפּט־שטעט פון מערב־אייראָפּע. אין שייכות מיט יענע נסיעות זיינע האָט ער מיר דערציילט דעם פאָלגנ־דיקן אַנעקדאָט:
ווען ער איז לעצטנס געקומען צום בריטישן קאָנסולאַט אין ישראל צו באַקומען אַ וויזע קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט זיך געדאַרפט באַ־טייליקן אין אַ אידישער — אָדער סאָציאַליסטישער — קאָנפערענץ, האָט דער קאָנסול אים געמאַכט שוועריקייטן. יוסף האָט צו אים גע־זאָגט: אַ מאָדנע מעשה, אַזוי־לאַנג ווי איך בין געפאָרן קיין ענגלאַנד

ווי אַ געהיימער קאָמוניסטישער שליח, האָט איר מיר גלייך געגעבן די וויזע (ער איז, פאַרשטייט זיך, דעמאָלט געפאָרן אויף פאַלשע פאַפירן...), און איצט, ווען איך פאָר ווי אַ כשר׳ער ישראל־בירגער פאַר אַ כשר׳ן צוועק, מיט אַ כשר׳ן פאַספאָרט, שטעלט איר מיר אָן אַ שיעור קלאָץ־קשיות...

בײַם סוף פון די 20ער און אָנהויב פון 30ער יאָרן — די צייטן פון שאַרפן אַלוועלטלעכן קריזיס און אויפשוואונג פון קאָמוניזם איבער גאָר דער וועלט — איז יוסף געווען ממש אַ לעגענדע אין די לינקע קרייזן פון ארץ־ישראל. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד און האָט דאָרט געאַרבעט אין „קאָמאינטערן״. אַרום 1936 האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער אין סיביר. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן ווי אַ צענדליק אַנדערע קאָמוניסטן פון ארץ־ישראל, ווי הונדערטער און טויזנטער קאָמוניסטן פון אַנדערע לענדער, וואָס זיינען אַריבערגעפאָרן אין לאַנד פון זייערע טרוימען.

בעת מיינע רייזעס אין מדינת־ישראל, אין די לעצטע יאָרן, האָב איך אָפט באַזוכט די משפחה ב׳. אסתר האָט קיינמאָל נישט דערציילט וועגן די שווערע יאָרן, ווען איר מאַן איז געווען אַ „קאַטאָרזשניק״. זי האָט זיך זעלטן באַקלאָגט מיט אַ וואָרט. ערשט אין מאָסקווע האָט זייערע אַ פריינדין — זי איז פאַר דער צייט געשטאָרבן — מיר דערציילט וועגן יענע יאָרן. אסתר׳ן האָט מען גלייך נאָך איר מאַנ׳ס אַרעסט אַרויסגעוואָרפן פון איר דירה. זי האָט געוואוינט ערגיץ אין אַ קאַלטער ענגער כאַלופּע, הינטער דער שטאָט. מיט שוועריקייטן האָט זי באַקומען אַ שלעכט־באַצאָלטע אַרבעט אין אַ קינדער־גאָרטן.

און דער עיקר — זי איז גלייך געוואָרן איזאָלירט, ווי אַן אָנשטעקנדיק־קראַנקע. נעכטיקע גוטע פריינט האָבן מורא געהאַט אויסצורעדן מיט איר אַ וואָרט, איר זאָגן „גוט מאָרגן״. ווען מען האָט זי דערזען פון דערווייטנס, איז מען אַריבער אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר. זייער זון, וועלכער האָט געדאַרפט אָנקומען אויף דער אוניווערזיטעט, האָט אָנגעגעבן אין די אַנקעטעס — און אין סאָוועטנפאַרבאַנד פילט מען אָפט אויס אַנקעטעס — אַז ער האָט נישט קיין טאַטן... נאָר צוויי אַלטע אידישע גוטע־פריינט האָבן ריזיקירט און זיך מיט איר געטראָפן אין משך פון די אַלע יאָרן.

יוסף איז על־פּי נס לעבן געבליבן נאָך די שווערע יאָרן אין די סיבירער לאַגערן. נאָך סטאַלינ׳ס טויט, אין דער צייט פון דער אַמנעסטיע, האָט מען אים באַפרייט. מען האָט אים אפילו צוריקגעגעבן זיין פּאַרטיי־ביכל און ווידער איינגעשטעלט אין זיין סטאַזש אין דער פּאַרטיי. אָבער ווי אַ געבוירענער אין פּוילן האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש צוריקצופאָרן אַהינצו. אין פּוילן האָט ער באַקומען אַ וויכ־

טיקן פאַסטן אין אַ פאַרש־אינסטיטוט. ער איז אָבער פון דאָרט עולה געווען און זיך באַזעצט אין ישראל.

אַ זייער באַגאַבטער מענטש (ער שרייבט אויף עטלעכע שפּראַכן) מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, האָט ער אין משך פון די לאַגער־יאָרן אַ סך געלערנט, געפאָרשט און געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט אין די לאַגערן און אויף דער פריי, און וועגן וועלכע ער האָט געהערט פון באַגלויבטע קוועלן. אין די לאַגערן — האָט ער מיר דערציילט — האָט מען געוואוסט פיל מער וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי מען האָט געוואוסט אין מאָסקווע. וואָרים „סוף פאַרטיי־טוער ל׳סיביר״: פריער אָדער שפּעטער איז דאָך, אין יענע צייטן, כמעט יעדער וויכטיקער קאָמוניסט פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. און אין די לאַגערן האָבן די מענטשן זיך געפילט „פרייער״ און האָבן מער דערציילט.

נאָך דער רעוואָלוציע, אין 1918, זיינען אין רוסלאַנד פאַרבליבן טויזנטער אידישע קולטור־טוער, שרייבער, פאַרטיי־עסקנים א. אַז. וו. מערערע פון זיי זיינען אַריבער צו די קאָמוניסטן. אַנדערע זיינען ווי אין וואַסער אַריין — מען האָט ווייניק געוואוסט וועגן זייער גורל. קומענדיק קיין מדינת־ישראל, האָט יוסף איבערגעגעבן אינפאָרמאַציע וועגן הונדערטער פון זיי — אַלערליי פּרטים, וואָס ער האָט באַהאַלטן אין זיין זכרון. ער האָט אין די לעצטע פאַר יאָר פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין דער ישראל־פרעסע, ווי אויך אין ענגלישע זשורנאַלן, און אין גיכן דאַרף דערשיינען (אין „עם עובד״) זיינס אַ בוך אויף דער טעמע „מסירת־נפש און קידוש־השם אין סאָוועטנפאַרבאַנד״. דרך אגב, אין משך פון די אַלע יאָרן אין סיביר האָט ער כסדר געלערנט העברעאיש און ער האַלט, אַז העברעאיש האָט אים אויפגעהאַלטן ביים לעבן.

מען דאַרף צוגעבן, אַז אין קעגנזאַץ צו די מערסטע „געוועזענע״ רעדט ער נישט מיט קיין סתם בלינדער שנאה וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד. דער עקספּערימענט איז, אין אַ געוויסער מאָס, זיין אייגענער עקספּע־רימענט, און די דורכפאַלן — זיינע אייגענע דורכפאַלן. זיין קריטיק איז בדרך כלל אַ זאַכלעכע און ניכטערע.

ווען זיין פרוי, אסתר, האָט מיך געראָטן, ערב מיין נסיעה, אַז איך זאָל מאַכן אַן אָנשטעל פון נישט קענען קיין וואָרט רוסיש, האָט ער פּראָטעסטירט:

— און ווי וועט ער דאָרט רעדן מיט סתם אַ מענטשן פון גאַס?

זי האָט מיך פאַרהערט און האָט גע׳פסק׳נט, אַז „מיין רוסיש״ מעג איך רעדן: ער איז גענוג שלעכט, אַז אַלע זאָלן דערקענען, אַז איך בין אַ טוריסט.

אויסגעפּוצט אין מיין שענסטן אַנצוג און באַוואָפנט מיט אַ געננג שלעכטן אַקצענט, בין איך אַראָפּגעפאָרן אין דער „לאַבי" פון האָטעל „אוקראַאינאַ".

כמעט ווי „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"

אין דער גרויסער „לאַבי" איז געווען פּוסט. נאָר הינטן, ביים בופעט, האָבן זיך געדרייט עטלעכע מענטשן. אין קאָנטראַסט צום עלעגאַנטן רעסטאָראַן, וועלכער איז שוין געווען געשלאָסן, האָט דער בופעט אויסגעזען ווי עפּעס אַ „טשאַינע" אָדער ווי אַ בופעט אין אַ פּראָווינץ־שטעטל: פון איין זייט האָט מען פאַרקויפט קאַפע „עקס־פּרעסאָ" און לימאָנאַד, און פון דער אַנדערער זייט האָבן פון אונטער גלעזערנע פּאַליצעס אַרויסגעקוקט סענדוויטשעס און קליינע פּליטקעס שאָקאָלאַד.

ביי אַ רונדן טיש אין אַ ווינקל זיינען געזעסן צוויי מענטשן — איינער פון זיי האָט אויסגעזען פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, און דער צווייטער, אַן עלטערער, האָט אויסגעזען ווי אַן ענגלענדער און איז געווען פאַרטיפט אין אַ בוך. כ׳האָב זיך צוגעזעצט צו זיי. באַלד האָב איך פאַרפירט אַ שמועס מיטן יונגען בחור. כ׳האָב אים אָנגעבאָטן אַן אַמעריקאַנער סיגאַרעט. ער האָט וואויליונגעריש אַ וואָרף געטאָן זיין רוסישן פּאַפּיראָס אין אַ האַלבן בויגן, פאַרויכערט דעם אַמעריקאַנער און געפרעגט אויף ענגליש, צי איך בין אַ טוריסט. כ׳האָב אים געפרעגט, אויף רוסיש, צי ער איז אַ היגער. יאָ, ער איז געווען אַ סאָוועטישער, פון מאָסקווע, אָבער גערעדט האָט ער צו מיר עקשנות׳דיק נאָר ענגליש. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער מיך איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר.

— וואוהין קען מען איצט גיין? — האָב איך געפרעגט, ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס.

— מאָסקווע איז אַ לאַנגווייליקע שטאָט, נישטאָ וואו אויסצוגיין אין אָוונט — האָט ער זיך באַקלאָגט.

מיר זיינען אַריבער די בריק איבער דער „מאָסקוואַ". אַרום האָט מען זעלטן געזען אַ מענטש. וואָלאָדיאַ — אַזוי האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט — האָט זיך אָנגעבאָטן מיר צו ווייזן צומאָרגנס מאָסקווע. „אויף די אָפיציעלע טורן וועט מען אייך נאָר ווייזן שיינע זאַכן, ספּע־ציעל פאַר טוריסטן..." — האָט ער מיט מיר איינגעטענה׳ט.

באַלד האָט ער אָנגעהויבן אויסרעדן כל דבר אסור אויפן רעזשים: אַז ס׳איז נישטאָ קיין פרייהייט, אַז מענטשן האָבן מורא אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג, אַז די לוינען פון די אַרבעטער קלעקן בלויז אויף וואַ־סער אויף קאַשע, אַז פינף פאַמיליעס וואוינען אין איין דירה, אַז די

צייטונגען זיינען פול מיט פּראָפּאַגאַנדע און דערציילן נישט דעם אמת וועגן לעבן אין אויסלאַנד.

— און קיין אויסלענדישע צייטונגען קען מען דאָ נישט לייענען?

— ניין.

— כ'האָב דאָך געזען, ווי אַ סאָוועטישער, וואָס איז געקומען מיט מיר אין עראָפּלאַן, האָט געלייענט אַמעריקאַנער ליטעראַטור — האָב איך געזאָגט.

— אַזאַ איינער, וואָס פאָרט אויף אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין אויסלאַנד, מעג לייענען. פאַראַן אויך אַמעריקאַנער צייטונגען אין „לענין אינסטיטוט״. מען דאַרף אָבער האָבן אַ דערלויבעניש זיי צו לייענען. און אַז איך וועל בעטן אַ דערלויבעניש, וועט מען מיך פרעגן: „און דו, צו וואָס דאַרפסטו עס לייענען?״

אינמיטן פּאָליטישן שמועס האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן, צי איך האָב אַמעריקאַנער ציגאַרעטן צו פאַרקויפן.

— אַז מען פאָרט אין די „סאָציאַליסטישע לענדער״ דאַרף מען נישט מיטנעמען קיין דאָלאַרן — האָט ער מיר דערקלערט — נאָר סחורה דאַרף מען מיטנעמען: ראַדיאָס, קאַמעראַס, זייגערס...

כ'האָב אים דערקלערט, אַז כ'האָב ציגאַרעטן, נאָר איך בין נישט געקומען מאַכן קיין ביזנעס אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— אויב איר קענט זיך וואַרפן מיט דאָלאַרן — האָט ער אַ לאַך געטאָן.

„איז ער אַ שפּעקולאַנט? אַן אונטערוועלט־מענטש? אָדער... אפשר אַן אונטערגעשטעלטער אַגענט?״ — האָב איך געטראַכט.

ער האָט זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין פּאָליטיק:

— מיר וואָלט נישט געאַרט, אַז אין רוסלאַנד וואָלט געהערשט אַ קעניג.

— איר מוזט דאָך אָבער צוגעבן, אַז די לאַגע פון די מערסטע איינוואוינער אין לאַנד איז היינט־צו־טאָג בעסער ווי אונטער דעם צאַר — האָב איך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן דעם רעזשים — די קאַפּיטאַליסטן אָדער אַריסטאָקראַטן איז אפשר דעמאָלט געגאַנגען בעסער, אָבער דעם פּשוט'ן אַרבעטער, דעם פּויער...

ער איז קענטיק געווען פּאָליטיש געשולט און דערצו נישט קיין נאַר:

— וואָס הייסט בעסער? — האָט ער געזאָגט — איר פאַרגעסט אָבער אײן קלייניקייט: אַז די צייט שטייט נישט אויף אַן אָרט. זינט דער רעוואָלוציע זיינען אַריבער העכער פערציק יאָר. ווען עס וואָלט דאָ געהערשט אַן אַנדער רעזשים וואָלט די לאַגע אויך געוואָרן בעסער;

עס וואָלט אפילו פֿאַרגעקומען אַ פיל שטאַרקערע אַנטוויקלונג ווי אונ־טער די באָלשעוויקעס. און פרייהייט וואָלטן מיר אויך געהאַט פיל מער.

— אויב ס׳איז באמת אַזוי, איז פֿאַרוואָס רעוואָלטירט קיינער נישט?

— ווער זאָל רעוואָלטירן? דער רוסישער פּויער איז געבליבן דער זעלביקער מוזשיק. דער מוזשיק האָט שטענדיק געמאַכט אַ פייג און האָט... אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע.

— און די יוגנט? די סטודענטן?

— די יוגנט יאָגט זיך נאָך קאַריערעס: ענדיקן אַן אוניווערזי־טעט, אַן אינסטיטוט, קריגן אַ וואָס בעסערע שטעלע, פֿאַרדינען מער, דאָס אַלץ.

מיר האָבן שוין געהאַט אַרומגעשפּאַצירט עטלעכע שעה. ער האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק און זיך צוריקגעקערט צום ענין סיגאַרעטן. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אַז כ׳האָב נישט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר אים: ער איז אַן עכטער בלאַטער חברה־מאַן — נישט קיין ען. קאַ. ווע. דע.־אַגענט. די סאָוועטישע צייטונגען גופא האָבן דאָך לעצטנס אַלאַרמירט וועגן אַזעלכע יוגנטלעכע, וואָס זיי האָבן באַצייכנט ווי „גאָלדענע יוגנט״ און ווי כוליגאַנעס: זיי אימיטירן דעם מערב, קוקן אַרויף צו דער דעקאַדענטישער קאַפּיטאַליסטישער קולטור, רויכערן אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, מאַכן אַ לייכט לעבן.

אַ בלאַטער חברה־מאַן מיט רעבעלישע טענדענצן און פעסטע פּאָליטישע איבערצייגונגען!... ס׳איז מעגלעך, אַז אונטער אַזאַ אַלץ־קאָנטראָלירנדיקן רעזשים ווי אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד קען דער רעוואָלט פון אַ יוגנטלעכן באַקומען נאָר אַזאַ קרומען אויסדרוק ווי ביי וואָלאָדיאַ׳ן.

— כ׳האָב געהערט, אַז מען קען דאָ פריי שמועסן בלויז אויף דער גאַס — האָב איך געזאָגט — אַז אין די האָטעל־צימערן זיינען איינגעבויט מיקראָפאָנען...

— ניין, דאָס איז נישט אמת! — האָט ער מיר פֿאַרזיכערט — ס׳וואָלט געוועזן צו טייער.

— איר האָט געהערט וועגן די לאַגערן פֿאַר פּאָליטישע אין סיביר?

— יאָ, אָבער די פּאָליטישע האָט מען באַפרייט.

— אַלעמען?

— יאָ, אַלע פּאָליטישע האָט מען באַפרייט.

— און וואָס איז געשען מיט די לאַגערן?

— איצט זיצן דאָרט בלויז קרימינעלע. אָבער וואָס הייסט קרימי־נעלע? אַ היימלאָז אינגל האָט עפּעס גע׳גנב׳עט, האָט מען אים פֿאַר־שיקט אויף אַכט יאָר אין אַ לאַגער. נאָכן אָפּזיצן דעם טערמין האָט מען אים באַפרייט. ס׳איז אים שווער צו קריגן אַרבעט. ער מאַכט אַ

כוסה און צעקריגט זיך מיט אַ פּאָליציאַנט. מען אַרעסטירט אים פאַר כוליגאַניזם, און ער קריגט ווידער צוויי יאָר אין צפון...

ער האָט מיר ווידער אָנגעבאָטן מיך אַרומצופירן צומאָרגנס איבער מאָסקווע. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וואָלט אייגנטלעך געוואָלט אָנקוקן אַ קאָלכאָז (ווייל כ׳האָב געצווייפלט. צי אויף די אָפיציעלע „טורן" וועט מען מיר ווייזן אַ סאָוועטיש דאָרף).

— גוט, מיר׳ן אַרויספאָרן — האָט ער געזאָגט — ס׳איז אינגאַנצן אַ 50־60 קילאָמעטער פון שטאָט.

— אָבער איך מעג בלויז פאָרן אַ 30 קילאָמעטער אַרום שטאָט...

— איז וואָס? קיינער וועט נישט וויסן.

— ניין, כ׳וויל זיך האַלטן אין די לעגאַלע גרעניצן. נישטאָ קיין נעענטערע קאָלכאָזן?

— פאַראַן אויך קאָלכאָזן גאָר נאָענט לעבן מאָסקווע, אָבער דאָס זיינען שוין גיכער פאַרשטעט. „זיי" וועלן אייך אפשר פירן אַהינצו. דאָס זיינען אָבער „צוגעפיקסטע" קאָלכאָזן...

וואָלאָדיאַ (ער איז, דרך־אגב, נישט געווען קיין איד) האָט מיר דערציילט, אַז זיין פאָטער איז אַרעסטירט געוואָרן אין דער צייט פון „טעראָר" (אַזוי רופט מען, צווישן עולם אין סאָוועטנפאַרבאַנד, די יאָרן פון סטאַלינ׳ס ממשלה — פון 1937 ביז זיין טויט) און אַז טראָץ אַלע באַמיאונגען קען מען נישט דערגיין וואָס ס׳איז מיט אים געשען.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט ווידער צו טרעפן אין דער „לאָבי" צומאָרגנס צען אַ זייגער אין אָוונט. ווען איך בין צוריק געקומען אין מיין צימער, איז שוין דער זייגער געווען דריי נאָך חצות.

* * *

צומאָרגנס נאָכמיטאָג האָב איך זיך געטראָפן מיט דער ערשטער סאָוועטישער פאַמיליע. מיר האָבן זיך שנעל באַפריינדעט. זיי האָבן געוואָלט וויסן הונדערטער זאַכן וועגן דעם וייטן אויסלאַנד. צווישן אַנדערן האָב איך זיי דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט וואָלאָדיאַ׳ן.

זיי האָבן מיך געראָטן זיך מער נישט צו טרעפן מיט אים: ס׳איז געפערלעך! נישט ווייל ער איז אפשר אַן „אַגענט", נאָר ווייל אַזאַ איינער קען לייכט אַרעסטירט ווערן צוליב זיינע טונקעלע געשעפטן, און יעדער איינער, וואָס טרעפט זיך מיט אים, אפילו צוליב נייגעריקייט, קען מיטגעשלעפּט ווערן.

אָנשטאָט צען אין אָוונט האָב איך זיך צומאָרגנס צוריקגעקערט אין האָטעל אַרום צוועלף ביינאַכט. אָבער וואָלאָדיאַ האָט נאָך געוואַרט אין דער „לאָבי". ער איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען:

— אַ שאָד וואָס איר זיינט געקומען אַזוי שפּעט! — האָט ער געזאָגט.

— וואָסי?

— כ'האָב דאָ היינט געגעסן אָוונטברויט אין האָטעל צוזאַמען מיט מיין „גוירל־פרענד" און אירער אַ חבר'טאָרין. זיי זיינען ספּעציעל גע־קומען.

— וואָס טוען זיי?

— זיי זיינען אַרטיסטקעס.

— און זיי שפּילן נישט ביינאַכט אין טעאַטער?

— דערוויילע... מאַכן זיי נאָר רעפּעטיציעס... אינדערפרי...

— האָט ער געזאָגט. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרמישט אין אַלערליי „ביזנעס": נישט בלויז מיט סיגאַרעטן און טראַנזיסטאָר־ראַדיאָס.

מיר האָבן נאָך אַ ווילע געשמועסט. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף צוויי מענער, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער „לאָבי":

— דאָס זיינען פּאָליציי־אַגענטן!... אָבער שרעקט זיך נישט: זיי זיינען בלויז פון דער קרימינאַל־פּאָליציי...

ער האָט מיר געגעבן אַ צעטעלע מיט זיין אַדרעס און טעלעפאָן־נומער. דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן און זיך מער נישט גע־וויזן. כ'בין אַרויף אין מיין צימער און צעריסן דאָס צעטעלע אויף פּיץ־פּיצעלעך.

* * *

וואָלאָדיאַ איז זיכער נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יוגנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד — וויט דערפון! כ'בין אָבער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער באַגעגעניש צוליב כמה טעמים, דהיינו: אין משך פון יאָרן האָט זיך ביי אונז געשאַפן אַ קלישעי־און שאַבלאָן בילד, אַ כמעט „טאָטאַליטאַרע" פאַרשטעלונג וועגן דעם מענטש אויף דער אַנדערער זייט פון „אייזערנעם פאָרהאַנג" — ווי אַלע מענטשן וואָלטן דאָרט גע־ווען פון איין הויט (פונקט ווי ס'איז פאַראַן, אין אויסלאַנד, אַ באַ־שטימט פיקסירט שאַבלאָן־בילד פון „דעם אַמעריקאַנער" און דעם לעבן אין אַמעריקע). די באַגעגעניש מיט וואָלאָדיאַ'ן גלייך ביים ערשטן אַריינפאָר אין מאָסקווע האָט צעטרייסלט די דאָזיקע פאַרשטע־לונג מיינע.

און אויסערדעם: כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען וועט מיך דאָרטן כסדר נאָכפאָלגן, מיר נאָכגיין אויף שריט און טריט. נאָך דעם לאַנגן און זייער נישט־אָרטאָדאָקסן שמועס אין דער ערשטער נאַכט בין איך ווי באַהערשט געוואָרן פון אַ געפיל פון פרייהייט. אין די

וויטערדיקע טעג האָב איך זיך געפירט כמעט אַזוי פריי ווי אין וועל־בער־ס׳איז מערב׳דיקער גרויס־שטאָט, כמעט ווי אין פּאַריז אָדער תל־אביב; כ׳האָב דיסקוטירט אפילו מיט פרעמדע מענטשן און כמעט פריי אַרויסגעזאָגט מיינע מיינונגען.

טאָג־טעגלעכע קליינקייטן

ס'איז געווען זייער שפּעט, לאַנג נאָך חצות, ווען כ'בין צוריקגעקומען אין האָטעל. די אויפזעערין האָט האַלב־געדרימלט הינטער איר טישל אין דער קליינער „לאַבי" פון 18טן גאָרן, ביים אַריינגאַנג פון דער ווינדע. זי האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן און מיר דערלאַנגט דעם שליסל. כ'האָב זיך געלאָזט צו מיין צימער און זיך גענומען אויפשליסן די טיר. אָבער די טיר האָט זיך נישט געעפנט. דער שליסל האָט זיך נישט געדרייט און די טיר איז געבליבן פאַרהאַקט. כ'האָב דערפילט אַ ציטער אין די קני:

— אַה־אַה, די גע. פּע. או!...

— די עז־קאַ־ווע־דע!

כ'האָב אויפגעהערט. פון אינעווייניק איז נישט דערגאַנגען קיין שום גערויש. ווידער האָב איך פּרובירט דעם שלאָס. איצט האָט די טיר זיך צעעפנט און כ'האָב אָנגעצונדן דאָס ליכט אין צימער. די געשפּענסטער זיינען זיך צעשוואומען.

וואָס איז עס געווען? אַ שלעכטער געוויסן?... אין משך פון מיין באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד בין איך נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, נישט פּאָליטיש און נישט קרימינעל; כ'האָב נישט גע־פירט קיין פּראָפּאַגאַנדע, אפילו אין דיסקוסיעס, און נישט געשמוגלט (אויסער וואָס איך האָב מיטגענומען אויף דער רייזע אַ טלית, אַ יאַר־מעלקע און אַ לוח, און כ'האָב זיי געשענקט אין מאָסקווע איינעם אַ אידן אין די הויכע זיבעציקער. כ'מיין, אַז דער איצטיקער רעזשים וואָלט עס מיר נישט גענומען פאַר אומגוט, ווען ער וואָלט אפילו גע־וואוסט וועגן דעם: וואָרים דעם זקנ'ס אַלטער טלית איז שוין געווען צעריסן און צעשמאָדערט — כ'האָב אפילו מורא, אַז זיינע ציצית זיי־נען שוין געווען פּסול).

און ס'איז נישט געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס די געשפּענסטער

האָבן אויפגעטויכט אין מיין פֿאַנטאַזיע; ס'איז געווען ווי מיט די רוחות און נישט־גוטע פֿאַרצייטנס: ווי נאָר עפּעס זיינען איינעם געקומען אויפן זינען שדים און לאַפּיטוטן. טיילמאָל בין איך גאָר אַליין געווען אַ „געשפּענסט" — אין די אויגן פון עמיצן אַנדערש; אַ שטייגער, די צוויי יונגטלעכע, וואָס כ'האָב באַגעגנט אין פּאָליש פון דער מאָסקווער סינאַגאָגע. איך בין אַרויס נאָך קבלת־שבת און זיי זיינען פּונקט אַריין פון גאַס און האָבן — אין פּאָליש — אויסגעשפּרייט צייטונגען איבער די קעפּ (אין מאָסקווער סינאַגאָגע טיילט מען נישט קיין יאַרמעלקעס ביים אַריינגאַנג). כ'האָב זיי אָנגעקוקט נייגעריק, מיט אַ צו־שאַרפן בליק, משמעות: וואָס טוען אַזעלכע יונגע חברה־לייט פּרייטיק־צו־נאַכט אין שול? און זיי האָבן אויף מיר צוריק געקוקט מיט... פאַרדאַכט: וואָס קוקט ער עפּעס אַזוי? זיי זיינען אַריין אין בית־התפילה און איך האָב געמאַכט השיבנו נאַזאַד, בין זיי נאָכגעגאַנגען, און זיך געשטעלט גאָר נאָענט לעבן זיי. איצט זיינען זיי שוין געווען זיכער ווער איך בין און פֿאַרוואָס איך גיי זיי נאָך... (בפרט אַז איך האָב געטראָגן אויפן קאָפּ עפּעס אַ משונה'דיק היטל מיט אַ לאַנגן דאַשעק, וואָס כ'האָב אויסגעליען ביי אַ סאָוועטישן בירגער).

כ'האָב שוין מיט זיי נישט געשמועסט, און ס'אַ שאָד — כ'בין נאָך עד־היום נייגעריק צו וויסן, וואָס עס האָט זיי געבראַכט אין שול: נייגיר? צוריק צו אידישקייט? נאָסטאַלגיע?... און אפשר זיינען זיי גאָר געווען יונגע טוריסטן, וואָס אין דער היים זייערער — אין אַמעריקע צי אין ענגלאַנד — גייען זיי גאָר קיינמאָל נישט אין שול.

אייגנטלעך קען מען אַציגד גיין פריי דאַוונען אין שול (די שול איז, דאַכט זיך, שטענדיק געווען אָפן). מען אָטעמט בכלל פרייער. זיינען עס געשפּענסטער פון נעכטן? די אומזיכערקייט לגבי דעם מאָרגן? מען הערט זיך אָן מיט אַזויפיל זאַכן, ווען מען קלייבט זיך פאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד — אַ שטייגער, אַז ווען איר גייט אַוועק אין גאַס, גייט „מען" אַריין אין אייער צימער און „מען" קוקט אַריין אין אייערע וואַליזעס; אַז מען איז בודק יעדער פּאַפּירל אין אייער טעקע.

כ'האָב זיך דעריבער געפירט ווי ר' יהודה פון דער הגדה: פאַרן אַוועקגיין האָב איך יעדער מאָל געמאַכט סימנים אויף מיינע וואַליזעס, און ספּעציעל אויף מיין טעקע מיט פּאַפּירן („ר' יהודה היה נותן בהם סימנים"). די צייכנס זיינען געבליבן אומבאַרירט.

באַלד האָב איך אפילו אָנגעהויבן מאַכן נאָטיצן פון מיינע איינדרוקן אין לאַנד און פון באַגעגענישן און שמועסן מיט מענטשן — צוערשט פאַרזיכטיק: אויף די בלעטלעך פון די פאַרלאָפענע חדשים אין מיין קאַלענדאַר, צווישן מיינע פאַרשידענע אַלטע „אַפּאָינטמענטס"

אין ניו־יאָרק, געשריבן האַלב־אידיש האַלב־לשון קודש (ווי מיין טאַטע ע״ה), בלשון רמז. דערנאָך האָב איך שוין אָנגעהויבן פאַרצייכענען קלאָרער, אויף סתם שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס איך פלעג באַהאַלטן (מישטיינס געזאָגט) אין מיין בוזים־קעשענע. צום סוף, ווען כ׳האָב געוואוינט אין גרויסן האָטעל „פּעקינג״, פלעג איך שוין (אפשר צוליבן כבוד פון כינעזישן פירער מאַאָ־צע־טונג) פשוט איבערלאָזן די נאָטיצן פראַנק און פריי אויפן שרייב־טיש.

קען מען דערפון עפּעס דרינגען? — כ׳מיין, אַז זייער ווייניק. כ׳בין בכלל נישט אויסן צו פאַראַלגעמיינערן אָדער זיך אַריינצולאָזן אין טעאָרעטיש־אידעאָלאָגישע אַנאַליזן (וואָס זיינען, אמת, וויכטיק פאַר זיך גופא). כ׳האָב בדעה צו שילדערן בלויז דירעקטע דערפאַרונגען און באַגרעניצטע פּרטים, וואָס כ׳האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו באַאָבאַכטן, אָדער וועגן וועלכע כ׳האָב געהערט פון אָרטיקע תושבים. בכל־אופן, אויב ס׳האָט זיך באמת עפּעס געענדערט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אויפן געביט פון פרייהייט, צום גוטן, וועט נאָך נעמען צייט ביז דער עולם וועט זיך דערצו צוגעוואוינען און וועט קריגן צוטרוי, אַז ער מעג טאַקע דערפון געניסן.

* * *

גלייך צומאָרגנס נאָך מיין אָנקומען אין מאָסקווע האָב איך פּרובירט זיך פאַרבינדן מיט אַ סאָוועטיש־אידישער משפחה, פאַר וועלכער כ׳האָב געהאַט גרוסן פון קרובים ערגיץ אין אויסלאַנד. כ׳האָב אפילו געהאַט דעם טעלעפאָן־נומער פון דער פאַמיליע. אָבער פון האָטעל איז אפשר אומזיכער אָפּצורופן. ווער ווייסט? פון טעלעפאָן אין צימער איז דאָך שוין אָפּגערעדט; אמת, אונטן אין „אינטוריסט״־ביוראָ זיינען פאַראַן עפנטלעכע טעלעפאָנען, וואָס שטייען פריי צו דער דיספּאָזיציע פון אַלע טוריסטן. אָבער ווער קען וויסן?... אָן עפנטלעכע טעלעפאָן־בודקע ערגיץ אין גאַס איז זיכערער (אויב איך בין געווען אַ חושד־בכשרים, זאָל מיר דער אויבערשטער מוחל זיין פאַר דעם חטא).

דער איינציקער עפנטלעכער אַדרעס אין מאָסקווע, וואָס איז שטעקן געבליבן אין מיין זכרון פון די אַמאָליקע צייטן — און וואָס איר אַלע קענט — איז, פאַרשטייט זיך, די „קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד״, דער „רויטער פּלאַץ״ לעבן קרעמל און לעבן דעם לענין־מוזאָלעאום, דער פּלאַץ וואָס איז געשילדערט געוואָרן מיט אַזויפיל האַרץ און רעוואָלוציאָנערער התלהבות אין אַן אַ שיעור סאָוועטישע ראָמאַנען. טאַקע פון דאָרטן איז אַמזיכערסטן צום טעלעפאָנירן! כ׳בין איינגעשטיגן אין אַן אויטאָבוס און זיך גענומען אויספרעגן ביי אַ פּאַסאַזשיר ווי מען פאָרט צום „רויטן סקווער״ און וואו מען דאַרף אויסשטייגן. לויטן אַקצענט

האָט מען געקענט דערקענען, אַז איך בין נישט קיין „היגער״; אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיינען אָבער פאַראַן אַ סך פעלקער, וואָס רעדן אַ שלעכטן רוסיש. אָבער לויט מיינע בגדים האָט מען געקענט דערקענען, אַז איך קום פון לעגענדאַרן אויסלאַנד, וואָס אויף דער אַנדערער זייט פּאַרהאַנג. באַלד האָט מיך עמיצער אַ פרעג געטאָן, פון וואַנען איך קום.

— פון ניו־יאָרק... אַמעריקע...

עטלעכע קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן און אויגן האָבן מיך אָנגעקוקט מיט פריינטלעכער נייגעריקייט. מערערע פּאַסאַזשירן האָבן מיר דערקלערט געגנוי ווי צו פאָרן. מיינע שכנים זיינען געווען באַזונדערס העפלעך. ביים אויסשטייגן האָט אַ בחור׳ל מיך צוגעפירט אַ שטיקל וועג, אַז איך זאָל נישט פאַרבלאָנדזשען. פאַר איין וועג האָט ער מיך שוין אויסגעפרעגט עטלעכע קלייניקייטן וועגן אַמעריקע.

אין די ווייטערדיקע טעג האָב איך כמעט אומעטום באַמערקט אַ טיפן רעספּעקט און באַוואונדערונג פאַר אַמעריקע — פיל מער ווי אין דער איצטיקער מערב־אייראָפּע. אַמעריקע (די מאַטעריעלע דערגרייכונגען אין אַמעריקע) איז אייגנטלעך דער אידעאַל און דער טרוים — און מען וויל ווערן מיט „אַמעריקע צוגלייך״. דער עולם ווייסט, אַז אין אַמעריקע גייט מען גוט אָנגעטאָן און אַז „יעדער איינער האָט דאָרט אַן אויטאָ״. מערערע מאָל האָב איך געהערט די פראַגע (פון צופעליק באַגעגנטע מענטשן):

— ס׳איז טאַקע אמת, אַז אין אַמעריקע וואוינט יעדער משפחה אין אַ באַזונדערער דירה?

— יאָ.

— און יעדע פאַמיליע האָט אַ באַזונדערע קיך?

— יאָ — האָב איך געזאָגט. כ׳האָב אָבער געוואָלט זיין סופּער־אָביעקטיוו און כ׳האָב צוגעגעבן, אַז צווישן די פּאָרטאָריקאַנער אין ניו־יאָרק וואוינען אָפט מערערע פאַמיליעס אין איין דירה און באַנוצן געמיינזאַם איין קיך. ס׳איז געווען אַ שטיקל טרייסט פאַר די מאָסקאָוויטן, אָבער מיין באַמערקונג איז נישט געווען אָביעקטיוו, וואָרים בנוגע די פּאָרטאָריקאַנער האַנדלט זיך עס דאָך וועגן ניי־געקומענע אימיגראַנטן, וואָס מאַכן געוויינלעך דורך שווערע צייטן, און דער פאַרגלייך מיט די וואוינונגס־באַדינגונגען אין מאָסקווע איז נישט קיין ריכטיקער.

אַ צופעליקער באַגלייטער פון „אינטוריסט״ (נישט מיין שטענדיקע באַגלייטערין) האָט מיך איינמאָל אויסגעפרעגט וועגן די לוינען פון אַרבעטער אין אַמעריקע. כ׳האָב אָנגעגעבן אַ נידעריקן דורכשניט.

סיי דעם באַגלייטער און סיי דעם שאָפער זיינען די צאָלן פאַרגעקומען פאַנטאַסטיש. זיי האָבן שוויגנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ (אָבער מיין איינדרוק איז געווען אַז זיי האָבן מיר געגלויבט).

אַוודאי דערציילן די סאָוועטישע צייטונגען פון צייט צו צייט וועגן „דער ריזיקער אַרבעטסלאָזיקייט אין אַמעריקע און וועגן די לאַנגע רייען אַרבעטלאָזע, וואָס שטייען אין אַטשערעד נאָך אַ שטיקל ברויט״; מיר דאַכט זיך אָבער, אַז די „לעגענדע אַמעריקע״ איז אַזוי שטאַרק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז אַ סך רוסן גלויבן בכלל נישט, אַז אין אַמע־ריקע איז פאַראַן אפילו אַ קליינע צאָל אַרבעטלאָזע. מען האָט מיך פון צייט צו צייט געפרעגט וועגן דעם.

— יאָ, פאַראַן מערערע מיליאָנען אַרבעטלאָזע — האָב איך באַ־שטעטיקט.

— ס׳איז, הייסט עס, אמת?

— יאָ, אָבער אַן אַרבעטלאָזער באַקומט אין דורכשניט אַרום 30 דאָלאַר אַ וואָך אונטערשטיצונג.

ווידער אַמאָל איז זיי די צאָל פאַרגעקומען פאַנטאַסטיש; וואָרים די אונטערשטיצונג, וואָס אַן אַרבעטלאָזער באַקומט אין אַמעריקע, איז פיל העכער ווי דער דורכשניט־לוין פון אַ באַשעפטיקטן אַרבעטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד — אפילו אין אַזאַ שטאָט ווי מאָסקווע, פון דער פּראָווינץ איז שוין אָפּגערעדט (און זי איז העכער סיי אין רובלס, לויטן אָפיציעלן קורס, סיי אין קויף־קראַפט).

וואָדקאַ און קאַוויאַר

עס זיינען נאָך זיכער פאַראַן אַ סך סאָוועטישע בירגער, וואָס האַלטן נאָך אַלץ, אַז „נאַשע לוטשע״, אונזערס איז בעסער, ווי סאָווע־טישע מענטשן פלעגן זיך אַמאָל אויסדריקן וועגן זאַכן וואָס זיי האָבן געזען אין אויסלאַנד. דער זעלביקער יונגער רוס, וואָס האָט זיך גע־וואונדערט וויאַזוי איך בין געקומען קיין רוסלאַנד „אָן אַ דעלעגאַציע און אָן אַ קאָמאַנדיראָווקע״, האָט מיר דערקלערט אין קאַפע־רעסטאָראַן, אַז:

— די אַמעריקאַנער, וואָס קומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, עסן כסדר שוואַרץ ברויט... אָן אַ שיעור שוואַרץ ברויט... וואָרים אין אַמע־ריקע איז נישטאָ קיין שוואַרץ ברויט.

— ביי אונז אין ברוקלין קריגט מען שוואַרץ ברויט — האָב איך דערקלערט אָפיציעל — וויפל מען וויל. און ברוקלין איז נאָך אויך אין אַמעריקע.

ער האָט געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע. ס׳טייטש, אין אַמעריקע איז אויך פאַראַן שוואַרץ ברויט?... אַזוי־ווי איך בין געזעסן מיט

עטלעכע סאָוועטישע פריינט און כ׳האָב זיי נישט געוואָלט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט, האָב איך זיך באַמיט אים מפצה־צו־זיין:

— אין אַמעריקע טרינקט מען אָבער אַ סך רוסישע וואָדקאַ...

נישט ווילנדיק האָב איך אים ווידער אָנגעטראָטן אויף די הינער־אויגן; ווארים שכרות איז אַ מכה אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס די פּאַר־טיי און די רעגירונג קעמפן קעגן איר. און אַט, נאַ־דיר, דאָס איינצי־קע וואָס די אַמעריקאַנער נעמען ביי די רוסן...

— און מיר עסן זייער אַ סך רוסישן קאַוויאַר אין אַמעריקע — האָב איך זיך געאיילט צוצוגעבן (מפני דרכי־שלום האָב איך געזאָגט אַ ליגן, ווארים איך עס גאָר קיינמאָל נישט קיין קאַוויאַר). מיין לעצטע דערקלערונג האָט פאַרגיטיקט זיין אייגן־ליבע. ער האָט אַ שמייכל גע־טאָן און דער „קאַלטער קריג״ צווישן אונז איז פאַרענדיקט געוואָרן (הלוואי אויף אמת׳ן „קאַלטן קריג״ געזאָגט געוואָרן).

דער אינטעליגענטער סאָוועטישער מענטש, אפילו דער אָפיציע־לער — און אפשר נאָך גיכער דער אָפיציעלער — ווייסט אַ סך מער וועגן אויסלאַנד און וועגן אַמעריקע. אַ יונגער רעדאַקטאָר פון אַ וויכ־טיקער סאָוועטישער צייטונג האָט צו מיר איינמאָל אַ זאָג געטאָן אין אַ שמועס וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד און אַמעריקע:

— אַזוי לאַנג ווי די מענטשן אין דער מערב־וועלט וועלן זיין בעסער געקליידעט ווי ביי אונז, וועלן מיר נישט האָבן קיין באַוויז, אַז אונזער סיסטעם איז אַ בעסערע.

אויף אַט־דעם געביט האָט זיך זיכער פיל געענדערט זינט סטאַ־לינ׳ס צייטן, ווען דאָס לאַנד (און אין אַ געוויסן זינען: אויך יעדער מענטש) איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ כינעזישער מויער. פּשוט׳ע סאָוועטישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַקענט מיט די לענדער אויף יענער זייט גרעניץ בעת זייער פאָראויס־מאַרש איבער אייראָפּע ביים סוף פון דער מלחמה; אויך די פרייערע אַטמאָספער אין לאַנד האָט זיכער גורם געווען, אַז מענטשן זאָלן זיך גיכער דערציילן וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין דער „קאַפּיטאַליסטישער וועלט״. ווי דער שטייגער, ווערן אַזעלכע שילדערונגען אפילו איבערטריבן, בפרט אַז דער עולם איז מיד פון דער יאָרן־לאַנגער געשפּאַנטקייט (עקאָנאָמישער ווי גייס־טיקער) און טרוימט וועגן אַ ביסל אַ לייכטער לעבן און אַ ביסל באַ־קוועמלעכקייט. דווקא אַ סאָוועטיש־אידישער יונגערמאַן, וועלכער האָט בדרך־כלל גערעדט זייער ניכטער (כאָטש נישט קעגנעריש) וועגן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד (בפרט וועגן אַנטיסעמיטיזם און דער אידן־פראַגע), האָט מיר געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, אַז מען איבערטרייבט שוין ביי אונז אין לאַנד אַ ביסל וועגן דעם גן־עדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע...

ווי בינדט זיך אַזאַ פאַרשטעלונג וועגן אַמעריקע (ביי גרויסע טיילן פון פאָלק) מיט דער אָפיציעלער שאַרף אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער — און אָפטמאָל אַנטי־אַמעריקאַנער — פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליטיק פון רעזשים? — דאָס האָט שוין צו טאָן מיט דעם פּאָליטישן געפיל פון פאָלק לגבי דעם קעגנערישן בלאָק. אַ שטיקל אויסדרוק דערפון האָט מען געקענט פילן אין די „קובאַ־טעג" אין מאָסקווע. דרך־אגב, דאָס אַרויפקוקן צו אַמעריקע ווערט בעיקר אויסגעדריקט אין דער באַציאונג צו דער אַמעריקאַנער רחבות און מאַטעריעלן לעבנס־סטאַנדאַרט, אָבער נישט לגבי דעם רעזשים, נישט לגבי אַזעלכע ענינים ווי פריי־הייט, דעמאָקראַטיע א. ד. גל. (אָט־די זאַכן זיינען אפשר אַן ענין פאַר געוויסע „קאָסמאָפּאָליטן" אָדער סתם „זאַפּאַדניקעס").

* * *

אין די ערשטע טעג האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט דער עולם אין אויטאָבוס: די פּאַסאַזשירן זעען־אויס אָנגעשטרענגט, ערנסט, פאַר׳דאגה׳ט. פון די אויגן קוקט־אַרויס מידקייט און זאָרג. זיי דער־מאָנען אייך אין די סאָבוועי־פאָרער בעת דער „ראַש־שעה" נאָך דער אַרבעט אין ניו־יאָרק. אָבער אין מאָסקווע מאַכט דער עולם אַזאַ איינ־דרוק אין אַלע שעה׳ן פון טאָג. זעלטן הערט איר אַ הויך געשפּרעך אָדער סתם אַ געלעכטער. אויך דער עולם, וואָס איר באַגעגנט אין צענטער, צווישן דעם קרעמלין־פּלאַץ און דער גאָרקי־גאַס, אַ שטייגער, זעט־אויס אין אייערע אויגן גרויער ווי אין וועלכער־ס׳איז הויפּט־שטאָט אין מערב — סיי צוליב די מלבושים און סיי צוליב דער מיד־קייט, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף די פּנים׳ער.

אין משך פון עטלעכע טעג געוואוינט איר זיך צו. אין משך פון עטלעכע טעג באַקענט איר זיך אויך אַ ביסל מיט די לעבנס־באַדינ־גונגען אין לאַנד, און איר וואונדערט זיך מער נישט.

דער דורכשניט־לוין פון אַן אַרבעטער אין מאָסקווע איז (הויך־גערעכנט) אַרום זעכציק רובל אַ חודש, וואָס אויפן אָפיציעלן קורס מאַכט עס אויס אַרום 66 דאָלאַר אַ חודש, אָדער — 16 דאָלאַר אַ וואָך. פאַרגלייכט עס מיט (אַ נידעריקן) דורכשניט־לוין פון 60 דאָלאַר אַ וואָך אין אַמעריקע!

— ווי קען מען לעבן פאַר 16 דאָלאַר אַ וואָך?

סתם ציפערן פון לוין זאָגן גאָרנישט. די פראַגע איז די קויף־קראַפט פון רובל — וואָס קען אַ רוסישער אַרבעטער קויפן פאַר די 60 רובל (אָדער 66 דאָלאַר), וואָס ער פאַרדינט אַ חודש?

געוויסע פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, ווי ברויט אָדער גרינסן, זיינען אין מאָסקווע ביליקער ווי אין אַמעריקע. אויך געוויסע באַדי־נונגען זיינען ביליקער (אַ טעלעפאָן־רוף קאָסט בלויז 2 קאָפּיקעס

(ס׳הייסט: 2 סענט), אַן אויטאָבוס־רייזע — 4־5 קאָפּיקעס, שערן די האָר — 15 קאָפּיקעס א. ד. גל.). אויך דירות זיינען ביליק — אין־גאַנצן אַ 6 רובל אַ חודש (אָבער צום ענין וואוינונגען מוזן מיר זיך נאָך אומקערן בקיצור אַ ביסל וויטער).

דאָס הייסט, אַז מיט זיין קליינעם לוין קען דער אַרבעטער באַצאָלן פאַר די מינימאַלע הצטרכות׳ן, וואָס זיינען נויטיק פאַר זיין עקזיסטענץ: אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסל גרינס, אפשר אַ שטיקל פליישׁ אַמאָל; ער קען זיך שערן די האָר, גיין אין אַן עפנטלעכער „באַניע״, אָפּרופן אויפן טעלעפאָן פון אַן עפנטלעכער בודקע; ער האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ. עס אַרבעטן אויך אָפט מערערע מיטגלידער פון איין פאַמיליע.

אָבער אַז איר וואַרפט אַ בליק אויף אַ ביסל העכערע באַדערפעניש, ווי קליידער אַ שטייגער, זעט שוין דאָס בילד אויס אינגאַנצן אַנדערש. אַ מענער־בלוזע, צום ביישפּיל, קאָסט אַרום זעקס רובל. דאָס הייסט, אַז אַ סאָוועטישער אַרבעטער דאַרף אַרבעטן צוויי־מיט־אַ־האַלבן טאָג, כדי זיך איינצוקויפן אַ בלוזע (אין דער צייט ווען אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער באַקומט אַ בלוזע פאַר 2 שעה אַרבעט). כ׳שטעל זיך פאָר, אַז אַ גוטע סאָוועטישע באַלעבאָסטע וועט אַליין אויפנייען אַ בלוזע פאַר איר מאַן.

נאָך ערגער זעט עס אויס מיט שיך. אַ פּאָר שיך קאָסט אַרום 20 רובל; דאָס הייסט, אַז דער מאָסקווער אַרבעטער דאַרף אַרבעטן אַ דריטל חודש (8 טעג) כדי זיך איינצוקויפן אַ פּאָר שיך (בעת אין אַמעריקע קריגט ער אַ פּאָר שיך פאַר אַ קנאַפּן טאָג אַרבעט).

אַזויווי די לוינען און די פּרייזן ווערן אין סאָוועטנפאַרבאַנד רעגולירט דורך דער רעגירונג, איז עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז יעדער אַרבעטנדיקער זאָל פאַרדינען גענוג אויף די מינימאַלע באַדערפעניש, אויף צו דערהאַלטן די נשמה (אָדער זיין נאַקעטע עקזיסטענץ). אַזויווי די נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע ווי אַ גאַנצע פאַרמאָגט נישט מער, זיינען אַלע העכערע הצטרכות׳ן — אָנגעהויבן פון אַ פּאָר שיך — אַ לוקסוס פאַר דעם דורכשניטלעכן בירגער.

די ביליקייט פון וואוינונגען נעמט־אַראָפּ אַ יאָך פונעם בודזשעט פון סאָוועטישן אַרבעטער, אָבער גלייכצייטיק לייגן די וואוינונגס־באַדינגונגען אַ שטעמפּל אויפן גאַנצן לעבנס־סטאַנדאַרט אין לאַנד. אין אַלגעמיין וואוינען נאָך היינט אין מאָסקווע (אין די אַלטע הייזער) מערערע פאַמיליעס — פון 2 ביז 7 אָדער מער פאַמיליעס — אין איין וואוינונג; יעדע פאַמיליע פאַרנעמט איינס אָדער צוויי צימערן; אָפטמאָל וואוינען עלטערן מיט קינדער אין בלויז איין צימער. דאָס באַד־

צימער (זייער אָפט זיינען עס בלויז „באַקוועמלעכקייטן״) איז געמיינ־זאַם. אין דער געמיינזאַמער קיך פאַרמאָגט יעדע פאַמיליע איר אייגן טישל (עס רעדט זיך וועגן אַמאָליקע באַקוועמע דירה׳ס, וואו עס האָבן זיך „אַריינגעשטופט״ מערערע משפחות).

נישט אַלע לעבן אַזוי „געמיך״ און אויסגערעכנט. פאַראַן אַ שיכט קוואַליפיצירטע אַרבעטער, פּראָפעסיאָנאַלן (אינזשיניערן, צום ביישפּיל) און העכערע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס פאַרדינען ביז אַ 300 רובל אַ חודש. און אויסערדעם — עס ווערט אַ סך גע׳גנב׳עט (ס׳איז נישט קיין אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָרים אַלע סאָוועטישע צייטונ־גען אַלאַרמירן וועגן דעם), אָבער וועגן אָט־דעם איינקונפט־קוואַל — באַזונדער.

איז נישט קיין וואונדער, וואָס די פראַגע פון פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון פאַרברויך־אַרטיקלען שטייט שוין זינט צענדליקער יאָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די צוזאָגן פאַר אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט ווערן אַלץ אָפטער און קלאָרער. וואָס שייך דירות, ווערט שוין איצט זייער פיל געבויט אין מאָסקווע.

— פאַרוואָס מוז נאָך דער מענטש אין סאָוועטנפאַרבאַנד לעבן אין אַזאַ דחקות? — איר הערט געוויינלעך אין ענטפער אויף דער פראַגע: דאָס לאַנד איז חרוב געוואָרן אין די יאָרן פון בירגער־קריג (נאָך דער רעוואָלוציע) און ווען מען האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, איז אויס־געבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג, די דייטשן זיינען באַפאַלן דאָס לאַנד און עס חרוב געמאַכט.

איז זיכער פאַראַן אַ סך אמת אין דעם; אָבער עס פאַרענטפערט אפשר נישט אַלץ. אַ סך שוועריקייטן שטאַמען מסתמא אויך פון רע־זשים — פון דעם אופן ווי די לאַנדווירטשאַפט און די אינדוסטריע פונקציאָנירן.

וואָס מער עס ענדערט זיך —

ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם קאַפע און זיך גענומען אָפּרוימען די כלים פון טיש. כ'האָב אים פריינטלעך באַדאַנקט. ער האָט צוריקגע־שמייכלט און האָט אַ פרעג געטאָן:

— איר זיינט אַן אויסלענדער?

— יאָ.

זיין בליק איז געפאַלן אויף דער צייטונג, וואָס איז געלעגן לעבן מיר אויפן טישל — די פּאַריזער „הומאַניטע". סתם אויסלענדישע צייטונגען קען מען אין סאָוועטנפאַרבאַנד נישט קויפן, אָבער קאָמוניס־טישע בלעטער פון אויסלאַנד, אין אַלערליי שפּראַכן, קומען־אָן מיטן עראָפּלאַן און ווערן פאַרקויפט, ביליק, אין די „לאָבּיס" פון די מאָסק־ווער טוריסטן־האָטעלן. יעדן אינדערפרי פלעג איך איינהאַנדלען די „הומאַניטע" און דעם לאָנדאָנער „דעילי וואָירקער".

— איר זיינט אַ פראַנצויז? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, פון אַמעריקע.

— איר בלייבט לאַנג ביי אונז?

— אַ פּאָר וואָכן.

— און דערנאָך? צוריק אַהיים?

— ניין, כ'פאָר צוערשט קיין וואַרשע.

— קיין וואַרשע? איר ווילט דאָרט אַוודאי אָנקוקן דאָס וואַרשע־ווער געטאָ...? — האָט ער האַלב געזאָגט און האַלב געפרעגט.

אַן אויגנבליק האָב איך אים אָנגעקוקט שווייגנדיק. וואָס איז ער אויסן? אין זיין פראַגע איז געווען אַ רמז אויף מיין אידישקייט. מיר דערפילן, אין אַזאַ פאַל, אָדער אַן אינסטינקטיווע נאָענטקייט, עפּעס ווי אַ ציטער לגבי דעם פרעמדן, אָדער מיר ווערן אָנגעשטעכלט מיט חשד: וואָס מיינט ער? אַן אַנטיסעמיט אפשר?

ער האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק איבערן זאַל. ביי די אַרומיקע טישלעך איז קיינער נישט געזעסן.

— די דייטשן האָבן אויסגע׳הרג׳עט צוויי הונדערט טויזנט אידן אין וואַרשע — האָט ער אַ זאָג געטאָן שטיל.

ער האָט נישט אויסגעזען ווי אַ איד. האָט ער מיר געוואָלט אויס־דריקן זיין מיטלייד? סימפּאַטיע?

ער האָט צונויפגעשטעלט די ליידיקע כלים אויף אַ טאַץ און איז אַרויס. ס׳איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג און די לעצטע געסט האָבן פאַר־לאָזן דעם לאָקאַל. דער קעלנער איז צוריקגעקומען און מיר האָבן אַ חשבון געטאָן מיינע שפּייז־קופּאָנען. כ׳האָב אים געוואָלט איבערלאָזן טרינק־געלט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען; בשום אופן נישט.

— כ׳בין געווען אין פּוילן בעת דער מלחמה, אין דער אַרמיי — האָט ער דערך־אַגב דערציילט — אָבער אין וואַרשע בין איך נישט געווען. די פּאָלאַקן שטאָלצירן שטאַרק מיט זייער הויפּט־שטאָט. איר זיינט דאָרט אַמאָל געווען?

— איך שטאַם פון פּוילן, אָבער וואַרשע קען איך ווייניק. כ׳בין אַ איד און כ׳האָב פאַרלאָזן פּוילן זייער יונג.

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. ער האָט זיך אַ ווײַלע ווי געקוונקלט. מיטאַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איר איילט זיך?... אויב איר האָט צייט, וואָלטן מיר געקענט מאַכן אַ שפּאַציר צוזאַמען. כ׳ענדיק באַלד די אַרבעט. איך בין אויך אַ איד. כ׳בין אַ סאָוועטישער, אָבער לויט דער נאַציאָנאַליטעט בין איך אַ איד. מיין נאָמען איז סאַשאַ.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין אַ שעה אַרום לעבן האָטעל. אַ הויכער, אַ בלאָנדער, האָט ער אויסגעזען פון אַ יאָר עטלעכע דריי־סיק, אָבער געווען איז ער משמעות נענטער צו פערציק. מיר האָבן צווערשט שפּאַצירט אין צענטער. קעגן־איבער, אויף אַ בערגל, האָבן זיך געהויבן די ציבעלע־קופּאָלן פון די קרעמל־צערקווס. מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען דאָס „הויז פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען״, וואו עס געפינט זיך דער באַרימטער זאַל מיט די ווייסע קאָלומנעס. סאַשאַ האָט מיר אָנגעוויזן אויף די טעאַטערן אין אַ סקווער: „באָלשאָי״, „מאַלי״. — איר זיינט שוין געווען ביי אונז אין טעאַטער?

כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן צו גיין אין טעאַטער. ווען האָב איך געהאַט צייט? פון אינדערפרי ביז ביינאַכט האָב איך געשמועסט מיט מענטשן און זיך באַקענט מיט אַלערליי דראַמעס און טראַגעדיעס. צווישן אַלערליי קליניקייטן האָט ער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס האָט מען דאָרט גערעדט ביי אייך אויף איינעם אַ צוזאַמענפאָר, וואָס האָט ביי אונז געקראָגן אַזאַ שלעכטע פּרעסע?
— וואו?
— אין פּאַריז, דוכט זיך.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז אין פּאַריז איז דאָ נישט לאַנג פאָרגעקומען עפּעס אַ קאָנפערענץ וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע אידן, אָבער קיין גענויע פּרטים האָב איך נישט געדענקט. אויסער דעם בין איך געוואָרן מיסטרויאיש.

— זיי האָבן דאָרט געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער אידן זיינען שוין מער נישט קיין ציוניסטן... — האָט ער מיר דערמאָנט.

— אַה!... — האָב איך זיך געכאַפּט — איר מיינט אָוודאי דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. און די פראַגע זעט אויס אינגאַנצן אַנדערש. בן־גוריון האַלט... איר ווייסט ווער ס׳איז בן־גוריון?

— יאָ — האָט ער שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — און אפשר פאָרן מיר צו אין אַ פּאַרק? פאַראַן ביי אונז אין מאָסקווע שיינע „קולטור־פּאַרקן".

מיר זיינען געפאָרן אַ היפּשע ווײַלע מיט אַן אויטאָבוס. צוליבן קילן וועטער זיינען אין פּאַרק געווען ווייניק מענטשן. דער סעזאָן האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן און די פּאַרוויילונגס־פּלעצער זיינען געווען געשלאָסן. מיר האָבן שפּאַצירט אַליין אין אַן איינזאַמער אַלייע. כ׳האָב אים דערקלערט דעם וויכוח אַרום דעם ענין „ציוניזם", און בן־גוריונס מיינונג, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף אויפגע־ליזט ווערן, אויב די ציוניסטן זיינען נישט עולה קיין ארץ־ישראל. סאַשאַ האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן פּרט:

— און פאַרוואָס דאַרפן עפּעס אַלע אידן עמיגרירן קיין ישראל? האָט ער געפרעגט.

— ער זאָגט נישט, אַז אַלע אידן מוזן עמיגרירן קיין ישראל; ער האַלט נאָר, אַז אויב עמעצער וויל זיך באַטראַכטן ווי אַ ציוניסט, דאַרף ער אַליין פאָרן בויען ישראל. וואָס שייך הילף, זיינען אַלע אידן אין אַמעריקע גרייט צו העלפן דעם אויפבוי פון ישראל. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז אין אַמעריקע זיינען שוין מער נישטאָ קיין ציוניסטן, ווי מען האָט עס אויסגעטייטשט ביי אייך.

— די אידן אין אַמעריקע גיבן אַ סך געלט פאַר ישראל?

— יאָ. אַמאָל האָבן געגעבן די רוסישע אידן. איר ווייסט, אַז די ערשטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל האָבן אויפגעבויט רוסישע אידן? די ערשטע חלוצים זיינען געווען רוסישע אידן.

ער האָט געוואוסט. ער האָט געוואָלט וויסן, צי עס זיינען אַצינד

פאַראַן אידן אויף דער וועלט, וואָס ווילן עולה זיין. כ׳האָב אים דער־קלערט די לאַגע: די הויפט־עליה קומט לעצטנס פון די אָריענטאַלע לענדער; די אידן אין די אַמעריקעס געפינען זיך אין אַ גוטער לאַגע און זיי האָבן נישט בדעה אויסצוואַנדערן, און אין אַ ריי אַנדערע לענדער...

— די פּאָליטישע אַטמאָספערע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט פרייער

— האָב איך צוגעגעבן — און אין צוואַנציק יאָר אַרום וועלן אפשר היגע אידן מעגן פאָרן קיין ישראל.

— אין צוואַנציק יאָר אַרום וועלן שוין די סאָוועטישע אידן נישט זיין קיין אידן! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. אין זיין קול האָט אָפּגעקלונגען אַ געמיש פון שפּאָט און אומעט. אין אַלגעמיין האָט ער גערעדט זאַכ־לעך, טרוקן, קאַלט כמעט.

— זיי וועלן זיך אַסימילירן? פאַרשווינדן?

— יאָ...

מיר זיינען אַרויסגעקומען צו אַן אָזיערע. אויף בענק קעגן־איבער דעם וואַסער זיינען דאָ און דאָרט געזעסן איינצלנע אַלטע לייט. יונגע פּאָרלעך זיינען געווען פאַרטיפט אין שמועסן.

— און ווי איז עס ביי אייך מיט... כ׳מיין... באַציאונג צו אידן?... — האָב איך אָנגעהויבן שטאַמלען — דאָס וואָס מען רופט אַנטיסעמיטיזם...

— קיין אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם, מצד דער רעגירונג, איז איצט נישטאָ. אָבער אין פאָלק איז פאַראַן אַ סך קעגנערשאַפט צו אידן.

— וואָס הייסט קעגנערשאַפט?

— זיי האָבן נישט ליב קיין אידן.

— דאָך נישט אַלע?!

— ניין, נישט אַלע, אָבער אַ סך...

— וויפל? — בין איך צוגעשטאַנען — לאָמיר זאָגן פופציק פּראָצענט?

— מער...

— איר פילט עס?

— נו, יאָ... איר פאַרשטייט: דאָס וואָרט „יעוורעי״ גופא ווערט שוין אַרויסגערעדט מיט עפּעס אַ בייגעשמאַק... עפּעס צווישן שפּאָט און זידל־וואָרט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און האָט צוגעגעבן:

— אַז סתם אַ רוס גנב׳עט אָדער שווינדלט, זאָגט מען איוואַן אָדער אַנדרעי איז אַ גנב, אָבער אַז אַ איד שווינדלט, זאָגט מען גלייך: אַהא, די אידן...

זייגע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען ווי אַן עכאָ פון אַלט־באַקאַנטע רייד. אויפן זינען איז מיר געקומען אַ פראַנצויזיש גלייכווערטל: „וואָס מער עס ענדערט זיך, אַלץ מער בלייבט עס ביים אַלטן".

— סטאַלין האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פונק פון אַנטיסעמיטיזם, און דער פונק האָט זיך צעפלאַקערט — האָט סאַשאַ אַ רעד געטאָן ווי צו זיך אַליין.

— איר דאַרפט זיין פאָרזיכטיק — האָב איך אים געוואָרנט. — איך בין טאַקע אַ איד פון אַמעריקע, אָבער אויך פון אַמעריקע קומען אַלערליי אידן. אַט איז די טעג געקומען אַ דעלעגאַציע...

— וואָס האָב איך מורא צו האָבן? כ'האָב דען עפּעס געזאָגט קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד?

— אידן טרעפן זיך דאָ נאָר צווישן זיך, אָדער אויך מיט סתם רוסן? כ'מיין פּריוואַט, אין דער היים, משפּחה... — האָב איך געוואָלט וויסן.

— כ'האָב אַ סך רוסישע חברים. מיר טרעפן זיך אין דער פרייער צייט. מיין פרוי איז אַ רוסישע, נישט קיין אידישע. אָבער זי איז נישט קעגן אידן.

— איר האָט קינדער?

— אַ טעכטערל, ניין יאָר אַלט.

— אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט דאָך אַ איד באַצייכנט אין פּאַס־פּאָרט אַלס „יעווריי", אמת?

— יאָ, אין מיין פּאַספּאָרט שטייט: „נאַציאָנאַליטעט — אידישע".

— און אייער טאָכטער?

— כ'האָב זי פאַרשריבן ווי אַ רוסישע. אַ קינד, צו וואָס זאָל זי ליידן? זי אַליין זאָגט אויך, אַז זי וויל זיין נאָר אַ רוסישע. אין דער שולע האָבן זי קינדער אַמאָל גערופן „יעווריעיקאַ!" כ'האָב איר געזאָגט, אַז אויב עמעצער וועט זי רופן „יעווריעיקאַ", זאָל זי ענטפערן: „אַ טי פאַשיסט!" (און דו ביסט אַ פאַשיסט).

— אַפילו אין דער שולע! — האָב איך אויסגערופן.

— נו, יאָ, קינדער שפּילן זיך, וואָס וויסן זיי? — האָט ער זיך צו־ריקגעצויגן — מאַלע וואָס קינדער רעדן! זיי רופן זיך מיט אַלערליי צונעמענישן.

— נאָר קינדער פון געמישטע חתונות קען מען פאַרשרייבן ווי רוסן, אָדער אויך קינדער פון אידישע עלטערן?

— מיר זיינען פריי צו פאַרשרייבן די קינדער ווי מיר ווילן. כ'האָב באַקאַנטע, וואָס ביידע, סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע, זיינען אידן, און זייער קינד האָבן זיי פאַרשריבן ווי רוסיש.

— איר פאַרשטייט אידיש?
— ניין.
— און ווי האָט מען גערעדט ביי אייך אין דער היים?
— רוסיש.

ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין פאָטער איז שוין געווען אַסימי־לירט; ער האָט געוואוינט אין ראָסטאָוו (ביים דאָן) און איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט (כ׳באַנוץ דאָ סאַשאַ׳ס אויסדרוק). ער איז געווען אַ לערער אין אַ הויך־שולע און דערפאַר האָט ער געהאַט דאָס רעכט, אפילו אין די צייטן פון צאַר, צו וואוינען אויסער דעם תחום־המושב, אין טיף „ראָסעי״; ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן אידן און גויים. סאַשאַ איז נאָך געווען יונג, ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן. ער איז אַוועק אין דער אַרמיי. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער חתונה געהאַט. איצט אַרבעט ער בייטאָג, און אין אָוונט לערנט ער צוביסלעך אויף אַן אינסטיטוט. דאָס לערנען איז אומזיסט, אָבער ער מוז אויסהאַלטן די משפחה.

— איר האָט געלייענט שלום עליכמען? אויף רוסיש?
— יאָ, אָבער איך האָב אים נישט ליב.
— פאַרוואָס?
— ווייל ער לאַכט אָפּ פון אידן. ער מאַכט חוזק פון אַלץ וואָס איז טייער... אין דער נשמה.

זאָל מיר דערלויבט זיין דאָ צו זאָגן, אַז שלום עליכם איז מיין באַליבטסטער שרייבער און איך האַלט אים פאַר איינעם פון די גרעני־אַלסטע שרייבער נישט בלויז אין דער אידישער, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור. בדרך־כלל בין איך גרייט צו גיין פאַר אים „אין פייער און אין וואַסער״. אָבער דאָסמאָל האָב איך געשוויגן. סאַשאַ האָט מיך דערמאָנט אין אַ ישראלדיקן סאַברע: גראַדליניק, מיט ווייניק הומאָר, ווען ס׳איז שווער תופס צו זיין שלום עליכמען. און דאָ איז נאָך צוגעקומען די אַטמאָספער אַרום אידן, ווי ער האָט זי געשילדערט, און די ספּעציעלע סיטואַציע ווען איר קענט זיך נישט פאַרטיידיקן, ווייל אַלע אייערע אינטערעסן דאַרפן פאַרטיידיקט ווערן נאָר דורכן שטאַט. כ׳האָב אים פאַרשטאַנען.

— און די אידישע יוגנט? וואָס טראַכטן זיי? ווי פילן זיי זיך?

— פאַראַן אַזעלכע וואָס זיינען שטאָלץ דערמיט וואָס זיי זיינען אידן. אָבער די מערסטע פילן זיך אומבאַקוועם מיט זייער אידישקייט, אומהיימלעך אַפילו: וואָס? צו וואָס? צוליב וואָס?

כ׳האָב עטלעכע מאָל געהערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד די דאָזיקע

אָפּשאַצונג. אָט־די זייט פון דער מטבע האָט מיך אייגנטלעך אינטערע־סירט מער ווי דער אַנטיסעמיטיזם. אין פיל שטריכן האָט זי אַ סך ענלעכקייט מיט דער אַמביוואַלענטער אַטמאָספער אין די מערב־לענדער היינט־צו־טאָג, מיט דער סיטואַציע און די טאָפּלט־געפילן אין מערב־איירָאָפּע נאָך דער עמאַנציפּאַציע, מיט 100 יאָר צוריק, און — ווער ווייסט — אפשר אויך מיט סקעפּטישע שטימונגען צווישן דער אידישער יוגנט אין אַנטיקן רוים, אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים, אפשר נאָך פריער. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קומט נאָך צו די אַרויפגעצוואונגענע אָפּגעריסנקייט פון דער איצטיקער אידישער וועלט און פון אידישע מקורים פון עבר.

און ווידער איז מיר געקומען אויפן זינען דאָס פראַנצויזישע גלייכ־ווערטל: „וואָס מער עס ענדערט זיך, אַלץ מער בלייבט עס ביים אַלטן".

— איר רעדט וועגן אָט־די אַלע זאַכן מיט אייערע פריינט? זיי אינטערעסירן זיך?

— יאָ, מיר שמועסן וועגן דעם. פאַראַן אַזעלכע, וואָס אינטערע־סירן זיך זייער; אַנדערע ווילן אַפילו נישט הערן; זיי ווילן אויסמיידן דעם גאַנצן ענין. מיין פרוי ווערט אויך טיילמאָל ברוגז אויף מיר, ווען איך קום אַרויס מיט די פראַגן ביי אַ באַגעגעניש מיט גוטע־פריינט: „דו, און דיין 'יעווריעיסקי וואָפּראָס'!" „ווי נאָר עפּעס — דיין 'יעוו־רעיסקי וואָפּראָס'"...

כ'האָב מיטגעפילט מיט דער אומבאַקאַנטער רוסישער פרוי: אין איר מאַן איז אַריין עפּעס אַ מין „דיבוק", רחמנא ליצלן, ער איז ווי באַזעסן פון עפּעס אַ „וואָפּראָס"; אָבער אויך מיט סאַשאַן האָב איך מיטגעפילט: אַן איינרעדעניש אָדער אַ רעאַליטעט — אָבער דער „וואָ־פּראָס" האָט אים באמת געמאַטערט.

כ'האָב אים ווידער געוואָרנט, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיק — אַפילו מיט אידן פון אַמעריקע. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ נאַאיוון בליק:

— כ'האָב דען עפּעס געזאָגט קעגן דעם „סאָוויעטסקי סאָיוז"?

—ניין, גאָרנישט, אָבער...

— איך בין אַ איד, און יעדער איינער איז דאָ, ביי אונז, שטאָלץ מיט זיין פאָלק. אמת?

ער האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט:

— און אפשר זיינט איר גערעכט — האָט ער אַ לאַך געטאָן — כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געקלערט איבער דער „שאַפּקאַ" (איבערן היטל), איז אפשר דערפאַר עפן איך אַזוי דאָס מויל.

כ'האָב אים דערציילט, אַז איך קום גראָד פון אַ רייזע אין ישראל.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן לעבן דאָרטן. כ׳האָב פאַר אים נישט געמאָלט קיין בלויע הימלען; כ׳האָב אים דערציילט, אַז דאָס לעבן דאָרט איז האַרט, פּיאָנעריש, מיט אַ סך שווערע פּראָבלעמען.

— איר האָט אַוודאי מיטגענומען אַ סך סוּאַווענירס פון ישראל — האָט ער געזאָגט.

— איך קויף נישט קיין סוּאַווענירס אויף מיינע רייזעס! — האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט גאווה (לגבי סתם טוריסטן).

די גאווה (ווי איר שטייגער) האָט מיך מכשיל געווען. ווייל כ׳האָב געהאַט זיך אַליין אין זינען, האָט דער שכל זיך אָפּגעטאָן פון מיר. ערשט שפּעטער האָב איך זיך געכאַפּט, וואָס ער איז אויסן געווען: אַ שטיקל אָנדענק פון ארץ־ישראל. און כ׳האָב גראָד געהאַט ביי זיך מיין טעקע מיט אַ צענדליק ישראל־קאַרטלעך — בילדער פון קיבוצים און דערפער, פון גליל און פון נגב, ביימער און בלומען און קינדער. און כ׳האָב אים גאָרנישט ניט געגעבן. ווען כ׳האָב זיך געכאַפּט, איז שוין געווען צו שפּעט. כ׳האָב אים מער נישט באַגעגנט. און ביז איצט קען איך זיך עס נישט שענקען. די נאַרישע גאווה!

צווישן מענטשן

אַ טוריסט, ספּעציעל אַן אַמעריקאַנער, איז אַ מענטש וואָס גייט אַרום מיט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט אין דער האַנט (אָדער איבערן אַקסל) און אַ טשעק־ביכל, ס'רוב „טרייוולער'ס"־טשעקס, אין קעשענע. ער „מאַכט דורך" גאַנץ אייראָפּע אין 3 ביז 6 וואָכן; פון די „פּאָלי בערזשער" (אַ פאָרשטעלונג מיט פראַנצויזישע טענצערינס) אין פּאַריז, ביז די פאַרשטיינערטע מומיעס, וואָס מען האָט געפונען אונטערן וואולקאַן־אַש צווישן די חורבות פון פּאָמפּעי. ער לויפט אַרום אַ פאַרסאָפּעטער איבער באַרימטע מוזעאומס און אינטערעסאַנטע רואינען — פון די מאָלערייען און סקולפּטורן אין „לוּווער" צו די איינגעפאַלענע טעמפּלען און קאָלומנעס אויפן „פאָרום ראָמאַנום", און צו דער „קאַפּעלאַ סיס־טינאַ", די קופּאָלן וואָס מיקעל אַנדזשעלאָ און זיינע תלמידים האָבן געמאָלן אין משך פון לאַנגע יאָרן.

דערנאָך פאָרט ער אַהיים, אַן אויסגעמאַטערטער, באַלאָדן מיט „סואווענירס" און מציאות, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט וואו נאָר אַ שטאָט און אַ וואָקזאַל, און מיט אַ האַרץ־ווייטיק, הלמאי ער האָט געמוזט צוצאָלן אויפן אַעראָפּלאַן פאַר דער איבערוואָג פון זיינע וואַ־ליזעס. ער איז אויך באַלאָדן מיט איינדרוקן און זכרונות פון די לענדער, וואָס ער האָט באַזוכט. אייגנטלעך האָט ער זיך נישט באַקאַנט מיט קיין איין „בייטיוּו" פון די געגנטן, וואָס ער איז דורכגעפאָרן; ער האָט קוים געשמועסט מיט אַ לעבעדיקן איטאַליענער, און זיין פוס איז נישט אַריבערגעטראָטן קיין שוועל פון אַ באַלעבאַטישער פראַנצויזישער היים.

אויך דער אָפיציעלער טוריזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איינ־געשטעלט לויט דעם זעלביקן נוסח: אַלטע פּאַלאַצן, די פּעטראָפּאַוו־לאָווסקע פעסטונג, דער קרעמלין, דער טרעטיאַקאָווסקי־מוזעאום אין מאָסקווע און דער „ערמיטאַזש"־מוזעאום — וואָס נעמט איצט אַרום דעם ווינטער־פּאַלאַץ מיט דעם ריזיקן טראָן־זאַל פון די צאַרן — אין

לענינגראַד. מען ווייזט אייך אויך די שווערע גילדערנע קרוינען פון פאַרשידענע צאַרן־דינאַסטיעס און די זאָטלען, באַזעצט מיט דיאַמאַנטן, וואָס יעקאַטערינע די גרויסע האָט געקראָגן אַ מתנה פון אַ טערקישן סולטאַן און טאַטאַרישע בעיס; איר קענט אָנקוקן ריזיקע קעניגלעכע ביבלס, געבונדן אין גאָלד און באַזעצט מיט אידל־שטיינער, מלבושים פון פאָפּן און אַרכירייען, דעם פּאָדיום אין צערקווע, אויף וועלכן איוואַן גראָזני („דער שרעקלעכער") איז געשטאַנען בעת די תפילות, איוואַנס קבר און דעם קבר פון זיין זון, וואָס דער טאַטע אַליין האָט אים דערמאָר־דעט. מ'ווייזט אייך איקאָנעס און סקולפּטורן פון פּראַוואָסלאַווע הייליקע, און ווען איר גייט אַרויס פון דער קירכע, שטייט איר ביים לענין־מאַזאָלעאום, צווישן לאַנגע רייען מצבות און סטאַטועס, וואָס הויבן זיך איבער די קברים פון די „הייליקע" פון דער רעוואָלוציע — פון לונאַ־טשאַרסקי און דיערזשינסקי ביז קיראָוו, זשדאַנאָוו און נאָך ווייטער.

אַפילו קאַטיאַ איוואַנאָוונאַ, מיין באַגלייטערין און וועג־ווייזערין, האָט זיך שנעל געכאַפּט, אַז כ'בין נישט געקומען קיין מאָסקווע בלויז אָנצוקוקן דעם גילדערנעם „סערוויס" פון פערציק כלים (טעלער, שיס־לען, טעפּעלעך — אַלע פון גאָלד ממש), וואָס יעקאַטערינע האָט גע־שענקט איינעם פון אירע צענדליקער ליבהאָבער (דעם גראַף פּאָטיאָמקין, דוכט זיך); און באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן פירן לאַנגע שמועסן וועגן קובאַ — ס'איז געווען פונקט נאָך דער דורכגעפאַלענער אינוואַזיע — און וועגן לאַאָס, וועגן קאָ־עקזיסטענץ, פרייהייט און... פרייע ליבע (וואָס מען טראַכט אַציינד וועגן דעם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד). זי איז געבוירן געוואָרן לאַנג נאָך דער רעוואָלוציע און איז אויפגעוואַקסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; איר געדאַנקען־גאַנג און בליק אויפן לעבן זיינען געווען נישט־ווייניקער אינטערעסאַנט ווי אַ סך פון די אַלטער־טימלעכע יקר־המציאות'ן, וואָס זי האָט מיר געוויזן אויף אויסשטעלונגען און אין מוזעאומס.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייזט מען דעם טוריסט אויך מאָדערנע בנינים און היינט־צייטיקע איינריכטונגען: די קולטור־פּאַרקן, די מאָ־דערנע מאָסקווער אוניווערזיטעט און דעם ריזיקן „סווימינג־פּול" אונ־טערן פרייען הימל, וואָס זיין וואַסער איז וואַרעם אַ גאַנץ, קיילעכדיק יאָר, אַפילו אין די רוסישע פרעסט. עטלעכע שעה אַ טאָג „ווייזט מען" אייך; דערנאָך קוקט איר אַליין. אויב איר קענט די שפּראַך — רוסיש, הייסט עס, אָבער אידיש איז אויך נוצלעך, אַמאָל נאָך מער — קענט איר אויך קומען צווישן מענטשן — סתם מענטשן.

כולנו חכמים, מיר האָבן אַלע געהערט און געלייענט וועגן דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע און אידייען־וועלט, וואָס פאַר איינעם איז

זי (אָדער: געווען) אַ טרוים, און פאַרן צווייטן — אַ קאָשמאַר. איך ווילט אָבער וויסן, ווי דער סיסטעם, די אידייען און ווערטן שפּיגלען זיך אָפּ אין מענטש, אין בשר־ודם, ווי זיי ווירקן אויף דעם יחיד און דער סביבה. אַ סך פון אונז האָבן געלייענט אָרווילס „1984״; ס׳איז טאַקע אַ ראָמאַן, אָבער די מענטשן זיינען זייער דאָך אייגנטלעך נישט מער ווי אַ פאַרקערפּערונג פון אַ קאָשמאַר־פאַנטאַזיע.

און אָט באַגעגנט איר סתם מענטשן, פון אַ גאַנץ יאָר: די אַלטע באַלשעוויטשקע — אַלט סיי אין יאָרן און סיי לויטן טיטל, ס׳הייסט פון דער אַלטער גוואַרדיע — וואָס איז אָפּגעזעסן אַ יאָר 15 אין סיביר, און איז געבליבן געטריי דעם רעזשים באמונה שלימה; די יונגע כעמיקערין, אַ אידיש מיידל, וואָס האָט בימי סטאַלין נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט ביי איר פאַך, און האָט סוף־כל־סוף געקראָגן אַ נערוון־צוזאַמענברוך; דער וואָיאַזשאָר פון לעמבערג, וואָס איז געקומען קיין מאָסקווע איינקויפן סחורה פאַר אַ פאַבריק (אויך ער איז געווען צען יאָר ביי די ווייסע בערן); דער זיבעציק־יעריקער איד, וואָס כאַפּט ממש אַ טענצל, ווען איר גיט אים אַ יאַרמעלקע מיט די אויסגעניייטע אותיות „ירושלים״; די אַכצן־יעריקע קאָמסאָמאָלקע, וואָס איז אַנטציקט, ווען איר לאַדט זי איין אין אַ רעסטאָראַן (איר קענט מיט איר שמועסן וועגן באַציאונג צו אידן, געמישטע חתונות און ענלעכע פּראָב־לעמען); דער פויער פון אוקראַינע, וואָס איר האָט צופעליק באַגעגנט; שאָפערן, אַרבעטער, מכל מאמינים שהוא.

* * *

מיינע ערשטע באַקאַנטע אין מאָסקווע, די וואָלינסקי׳ס, האָב איך נישט געקענט פון פריער. אין אויסלאַנד האָבן קרובים מיך געבעטן זיי אָפּצוגעבן אַ גערוס; פאַר איין וועג האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז מיט דעם מאַן, מישאַ, וועל איך קענען רעדן פריי, אָבער די פרוי זיינע, ליזאַ, וועט מן־הסתם שווייגן; זי וועט זיך היטן; זי איז אַ רעוואָלוציאָנער־קע פון די אַמאָליקע יאָרן, נאָך פון בירגער־קריג, און זי איז נאָך אַלץ אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי.

זיי האָבן געוואוינט אין אַ פיינער וואוינונג, פאַר מאָסקווער באַ־דינגונגען — דריי צימערן, אַ באַד־צימער (וואָס זיי האָבן אַליין איינגע־בויט) און אַ קיך — בשותפות מיט נאָך אַ שכן. די דירה האָט געהאַט נאָך אַנדערע מעלות: אין שכנות מיט זיי, אין דער זעלביקער דירה — אין דאַנעבנדיקע צימערן, מיט אַ געמיינזאַמען אַריינגאַנג — האָט געוואוינט בלויז נאָך איין משפּחה: אַן עלטערע פרוי מיט צוויי זין. איין זון איז אָפּט געווען אויף קאָמאַנדיראָווקעס אויסער דער שטאָט,

דער צווייטער זון האָט שטודירט און איז אָפּט געווען אויסערן שטוב, און די פרוי גופא, אַן עלטערע, איז געווען טויב — אַלץ מעלות, וואָס זיינען זייער וויכטיק, ווען איר וואוינט מיט פרעמדע מענטשן אין אַ בשותפותדיקער דירה.

די דירה האָט אָבער אויך געהאַט איין גרויסן חסרון: זי האָט זיך געפונען אין אַ האַלב־קעלער, ס'הייסט אירע פענסטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ אַן אַלט־מאָדישן מאָסקווער הויף, האָבן זיך קוים אויפגעהויבן איבער דעם באָדן. ס'איז דאָרט שטענדיק געווען טונקל.

און אויך איר געשיכטע האָט די וואוינונג געהאַט — אַ געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מישאַ וואָלינסקי איז געווען אַ ציין־טעכניקער, אַ ספּעציאַ־ליסט. אין אָנהויב די דרייסיקער יאָרן האָט ער געוואוינט אין אַ מאָ־דערנער וואוינונג פון אַ נייער געביידע, וואָס האָט געהערט צום קאָמ־בינאַט, אין וועלכן ער האָט געאַרבעט. אין 1937, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די כוואַליע פון טעראָר, האָט מען אַרעסטירט זיינעם אַ ברודער, וועלכער איז געווען אַ קאָמוניסט, אַ לאַנג־יעריקער פּאַרטיי־חבר. אין יענע יאָרן האָט מען געמעלדעט אין אַלע פאַבריקן, אַז „אַזויווי איבערן לאַנד בושעווען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, פּאָלקס־פיינט און סאַבאָטאַזשניקעס", דאַרף יעדער איינער מעלדן אין פּאַל ווען עס קומט פאָר אַן אַרעסט אין זיין משפחה אָדער צווישן זיינע פריינט. מישאַ האָט געמעלדעט וועגן אַרעסט פון זיין ברודער. אין אַ חודש אַרום האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון זיין אַרבעט (זיין פאַבריק האָט צוגעשטעלט קינסטלעכע ציין פאַר דער אַרמיי און איז אַזוי־אַרום געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרטיידיקונגס־אינדוסטריע פון לאַנד). ער האָט שפּעטער באַקומען אַ וויניקער־באַצאָלטע אַרבעט אין אַ קלענערער פאַבריק; אָבער די וואוינונג, וואָס האָט געהערט צום קאָמ־בינאַט, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן. ער האָט זי אויסגעביטן אויף דער איצטיקער האַלב־קעלער־דירה (פאַר דער צייט האָט זיך דאָס געזעץ געענדערט: מענטשן מוזן מער נישט פאַרלאָזן אַ פאַבריקס־וואוינונג, ווען זיי ווערן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט).

דאָס זיינען אַלץ קלייניקייטן, אָבער זיי שפּילן אַ געוואַלדיקע ראָלע אין אַ שטאָט, וואו מען קען זינט אַ סך יאָרן נישט דינגען קיין דירה. בכלל פאָדערן אָט־די אַלע קלייניקייטן — ווי איינקויפן עסנוואַרג, זיך איינשאַפן מלבושים א. אַ. — אַ פּיל גרעסערע אָנשטרענגונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איידער ערגעץ־אַנדערש. ס'איז אַ מין כסדרדיקער געראַנגל פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ.

דעם ברודער און זיין פרוי האָט מען פאַרשיקט אין אַ לאַגער

פון „זאַקליוטשאָני׳ע“, קיין סיביר. זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ קליין טעכטערל פון אַ יאָר פיר, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי די וואָלינסקיס אין שטוב. ערשט אין צוואַנציק יאָר אַרום — בעת דער אַמנעסטיע, נאָך סטאַלינס טויט — זיינען זיי באַפרייט געוואָרן און זיי־נען צוריק־געשטעלט געוואָרן אין זייערע בירגער־רעכט. זיי וואוינען איצט אין מאָסקווע און באַקומען — ווי אַלע עלטערע מענטשן — אַ פּענסיע פון דער רעגירונג (וואָס אין אַמעריקע רופט מען עס „סאָשל סעקיוריטי“).

איידער כ׳בין אַהינגעפאָרן, האָב איך זיי טעלעפאָנירט פון אַ בודקע לעבן „רויטן פּלאַץ“. מישאַ האָט געענטפערט. מיר האָבן צו־ערשט גערעדט רוסיש, דאַן אידיש. ער האָט מיר אָנגעגעבן דעם נומער פון אויטאָבוס, וואָס וועט מיך צופירן צו זייער היים. ווען כ׳בין אָנ־געקומען, האָט ער שוין געוואַרט ביים טויער פון הויף.

די בעל־הבית׳טע איז ניט געווען אין דערהיים; זי איז געקומען אין עטלעכע שעה אַרום. זי איז געווען גאַנץ שיין אָנגעטאָן, אפילו עלעגאַנט פּאַר מאָסקווער באַגריפן — מיט יענער עלעגאַנץ, וואָס פאַרדעקט דעם דלות און דערמאָנט אין שלום־עליכם׳ס ווערטל, אַז „פון גאָרניט קען זי מאַכן לאָקשן“. זי האָט נאָר אַ ביסל פאַרשטאַנען אידיש, און מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט אויף רוסיש און טיילווייז אויף ענגליש, וואָס זי האָט לעצטנס געלערנט לויט לעקציעס אויף טעלעוויזיע.

* * *

מיר האָבן זיך געטראָפן מערערע מאָל. באַלד האָב איך זי אָנגעצ־הויבן זען אין לויף פון די יאָרן: אַ יונג, טעמפּעראַמענטפול מיידל פון אַ באַלעבאַטישער אידישער משפחה אין ווייסרוסלאַנד, איז זי נאָכן „אָקטאָבער“ אַוועק מיט די „רויטע“ אויפן פראָנט. אין די יאָרן פון קריג איז זי געווען אַ קראַנקן־שוועסטער; דערנאָך איז זי אַוועק קיין מאָסקווע — צום שטודירן און בויען דעם סאָציאַליזם, וואָס האָט געלייזט אַלע פּראָבלעמען, אַריינגערעכנט די אידן־פראַגע און פרייע ליבע.

זי איז געווען אַ „פּאַרטיאישע“, פול מיט ענטוזיאַזם און אמונה. אָבער באַלד האָבן זיך אָנגערוקט די יאָרן פון טעראָר. מען האָט אַרעס־טירט איר שוואָגער און שוועגערין און זיי פאַרשיקט אין אַ לאַגער. מען האָט אָפּגעזאָגט איר מאַן פון דער אַרבעט און זיי האָבן זיך גע־מוזט אַרויסציען פון זייער דירה. די אַרעסטן פון אומשולדיקע האָבן זיך פאַרמערט. אַ סך פון אירע פריינט זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין

סיביר; אַנדערע זיינען דערשאָסן געוואָרן אין דער שטאָט גופא. די גענפאַר האָט זיך דערנענטערט ווי אַ פּעטליע אַרום האַלז.

אין צווייטן יאָר פון דער מלחמה איז זייער איינציקער זון געפאַלן אויפן פראָנט. זייער טאָכטער איז געווען עוואַקוּאירט אין צענטראַל־אַזיע. זי האָט חתונה געהאַט און איז שוין דאָרט פאַרבליבן.

נאָך דער מלחמה איז דער טעראָר ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. און דאָן, אין אָנהויב פון די פופציקער יאָרן, איז געקומען „דער שטרוי, וואָס האָט צעבראָכן דעם רוקן פון קעמל":

זי האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַ מינעראַלאָגישן אינסטיטוט. איר שעף, אַ פּראָפעסאָר, האָט ניט געוואוסט אַז זי איז אַ אידישע. איינ־מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן אויף אַ שטיקל צייט, און זי האָט אים געדאַרפט פאַרטרעטן, האָט ער זאָג געטאָן צו איר:

— פון „זייערע" — נאָר פינף פראָצענט...

למען ה'פּינקטלעכקייט: אָט־דעם פאַקט האָט זי גופא מיר ניט דערציילט. כ'האָב עס געהערט פון אירע קרובים אין אויסלאַנד. כ'האָב עס פאַר איר איבערדערציילט; זי האָט געשוויגן, אָבער ניט אָפּגע־לייקנט. בכלל האָט זי אָפט געשוויגן, נאָר פון אירע אויגן האָט אַרויס־געקוקט אַ מין שטאָלצע רעזיגנאַציע. (ווי געזאָגט: ס'איז געשען אין סטאַלינ'ס לעצטע יאָרן. פאַר דער צייט האָט זיך אַ סך — כאָטש משמעות ניט אינגאַנצן — געענדערט צום בעסערן אויך אויף דעם געביט).

— ווי האָט איר געלעבט אין יענע יאָרן? — האָב איך זי איין מאָל געפרעגט.

— מען איז יאָרן־לאַנג געשלאָפן מיט אַן איינגעפּאַקטן טשעמאָ־דאַנטשיק ביים בעט... טאָמער קלאַפּט מען אינמיטן נאַכט.

אַן אַנדערש מאָל האָט זי געזאָגט:

— מען קען אָבער ניט צונעמען ביי סטאַלינען דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַרן לאַנד...

— וואָס הייסט אויפגעטאָן? — האָב איך פּראָטעסטירט — ווען ער וואָלט עס ניט אויפגעטאָן, וואָלטן עס אַנדערע געטאָן, און אפשר אָן טעראָר, מאָרד און שקלאַפן־לאַגערן. מען וואָלט סיי־ווי געבויט פאַבריקן און וועגן און דאַמבעס אין רוסלאַנד. גאַנץ אייראָפּע, די גאַנ־צע וועלט אפילו, איז אין דער זעלביקער צייט געגאַנגען אויפן וועג פון אינדוסטריאַליזאַציע. און אויסערדעם: אין אַן אינדוסטריעלער געזעלשאַפט איז שקלאַפעריי זינלאָז אפילו פון עקאָנאָמישן שטאַנד־פּונקט, ס'איז פשוט ניט רענטאַבל. יעדער מאַרקסיסט וועט אייך זאָגן,

אַז דער בירגער־קריג אין די פאַראייניקטע שטאַטן צוליב דער אָפּ־שאַפונג פון שקלאַפעריי איז פאָרגעקומען דערפאַר וואָס די צפון־שטאַטן האָבן זיך אינדוסטריאַליזירט און זיך געגויטיקט אין פרייע אַרבעטער...

— דו הערסט? — האָט זי זיך געווענדעט צו איר מאַן. אירע אויגן האָבן אַ לייכט געטאָן. אייגנטלעך האָט זי „אים" פיינט געהאַט מיט דער גאַנצער נשמה; זי האָט זיך עס אָבער ניט פאַרגונען, ווייל „ער האָט דאָך פון דעסטוועגן אַ סך אויפגעטאָן פאַרן לאַנד..."

זי האָט מיר דערציילט, אַז ווען סטאַלין איז געשטאָרבן איז די טאָכטער פון דעם ברודער, וועלכער איז געווען פאַרשיקט אין לאַגער, געקומען אַהיים מיט פאַרוויינטע אויגן. זי איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויס מיידל (אירע טאַטע־מאַמע זיינען שוין געווען אַ יאָר 16 אין סיביר). זי איז צוגעפאַלן צו ליזאַ'ן מיט אַ גרויס געוויין:

— מאַמאַטשקאַ, וואָס וועלן מיר איצט טאָן?... ווי וועלן מיר לעבן אָן אים?

אויך ליזאַ האָט זיך צעוויינט: „ווי וועלן מיר לעבן אָן אים?"

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי געהערט מיט אַ באַקאַנטן, אַ געווע־זענעם פאַרטיי־פונקציאָנער, און יענער האָט איר געזאָגט: „מילאַ, מ'עט שוין ווי ניט איז לעבן אויך אָן אים... אפשר נאָך בעסער..." ערשט דעמאָלט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ קאָשמאַר.

— איר האָט געהערט, אַז ער האָט געפּלאַנט צו דעפּאָרטירן אַלע סאָוועטישע אידן אין סיביר אָדער צענטראַל־אַזיע?

— פון וואַנען ווייסט איר? — האָט זי מיך אָנגעקוקט דערשטוינט.

— יאָ, עס זיינען שוין געווען צוגעגרייטע ליסטעס. אונזער פאַרטיי, לענינ'ס פאַרטיי, און אַנטיסעמיטיזם!... אין יענע יאָרן, נאָך „אָקטאָ־בער", זיינען מיר גרייט געווען צו טאָן פרייוויליק יעדע אַרבעט, גיין ביז עק וועלט, זיך מקריב צו זיין, אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ תל פון אַלץ.

* * *

כ'האָב זיי איינמאָל דערציילט, אַז כ'קלייב זיך באַזוכן די אידיש־סאָוועטישע שרייבער־גרופּע, ווערגעליס'ן.

— איר מיינט אַוודאי בערגלסאָנ'ען — האָט זי מיך פאַרריכט — דאָ, ביי אונז, הייסט ער בערגלסאָן.

— ניין, כ'מיין טאַקע ווערגעליס'ן. בערגלסאָנ'ען האָט מען דער־שאָסן.

— דו ווייסט דאָך, די „יעוורעיסקיע פּיסאַטעלי", וואָס מען האָט דערשאָסן — האָט מישאַ באַשטעטיקט.

זי האָט יאָ געוואוסט און ניט געוואוסט. אַמאָליקע יאָרן האָבן זיי זיך ווייניק אָנגעקערט מיט אידישער קולטור. לעצטנס אינטערעסירן זיי זיך מיט אידישע פּראָבלעמען. זיי זיינען געגאַנגען אויף די געציילטע אידישע וואָרט־קאָנצערטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מאָסקווע און אַ סך געלאַכט, ביז טרערן, בעת די רעציטאַציעס פון שלום־עליכמ׳ס ווערק. זיי האָבן אים געלייענט — אין רוסישער איבערזעצונג. אפשר האָבן זיי זיך אַליין דערזען אין שפּיגל פון זיינע מעשה׳ס וועגן פּראָצענט־נאָרמע און „מען נעמט״? אפשר האָבן זיי הנאה געהאַט, ווייל ער רעכנט זיך אַזוי אָפּ מיט תקיפים, נאַטשאַלסטוואָ און ביוראָקראַטן פון אַלע צייטן?

מיר דאַכט זיך, אַז שלום עליכם איז נאָך אויך אַצינד דער סאַמע אַקטועלסטער און היינט־צייטיקער אידישער שרייבער אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, פיל אַקטועלער ווי די אידיש־סאָוועטישע שרייבער פון נאָך דער רעוואָלוציע. און ניט נאָר דערפאַר ווייל זיינע טיפּן און סיטואַציעס עקזיסטירן נאָך אויך אַצינד אין דער דאָרטיקער אידישער געזעלשאַפט — פיל מער ווי מען שטעלט זיך עס פאָר. נאָך מער: דער טאָג־טעגלעכער אַלגעמיין־סאָוועטישער שטייגער — די סתירה צווישן רעאַלער אָרעמקייט און מנחם־מענדל׳שער גרויס־ריידעריי (אַז אָט־אָט... מאָרגן... וועט זיך שיטן מן פון הימל), דער שטילער געראַנגל צווישן דער פּראַקטישער שיינע־שיינדלען, וואָס ווייסט, אַז „קרעפּלעך אין חלום זיינען אַ חלום און ניט קיין קרעפּלעך״, און צווישן מנחם־מענדל׳ען, וואָס פליט אין די הימלען (אָדער צו דער לבנה) — פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פון שלום־עליכמ׳ס טראַגי־קאָמיק. דערפאַר אפשר ווערט ער דאָרט אַזויפיל געלייענט — אויף אַלע שפּראַכן.

* * *

ליזאַ האָט איינמאָל אָנגעקוקט מיין מאַנטל און האָט נייגעריק אויסגערופן:

— זע נאָר, וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ „זיפּער״ — האָב איך איר דערקלערט. כ׳האָב איר געוויזן, אַז מיט דער הילף פון „זיפּער״ קען מען אַרויסנעמען דעם גאַנצן אונטערשלאַק פון מיין מאַנטל און אים פאַרוואַנדלען אין אַ רעגן־מאַנטל פאַרן פרילינג.

זי איז געוועזן אויסער זיך. קליינע „זיפּערס״ האָט זי שוין געהאַט געזען, אָבער ניט מיט אַזאַ המצאה. זי האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און האָט שטיל אַ פליסטער געטאָן:

— געבענטשט זאָלן זיין די אַמעריקאַנער! זיי פּראָדוצירן זאַכן, וואָס מאַכן לייכטער דאָס לעבן פון מענטשן.

ס'איז געווען פונקט צוויי טעג נאָכדעם ווי יורי גאַגאַרין איז געפלויגן אין רוים (און לאַנג פאַר אַלאַן שעפאַרד'ס פלי); די וועלט האָט געקאָכט מיט דעם אויפטו. כ'האָב זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— נו, דערפאַר האָט איר אָבער גאַגאַרינ'ען!

— נעמט אייך גאַגאַרינ'ען און גיט מיר דעם „זיפער"! — האָט זי אַ רעד געטאָן נאָך שטילער.

דער „זיפער" איז אייגנטלעך געווען ניט מער ווי אַ סימבאָל. איר טרוים איז אין דער'אמת'ן געווען אַ... „פרעשער קוקער" (אַ טאָפ, וואָס קאָכט שנעל אונטערן דרוק פון דאַמף). זי האָט ערגיץ־וואו געהערט, אַז ביים קאָכן אין אַ „פרעשער קוקער" טיילט זיך אָפּ דער קאָלעסטעראָל (דער שטאָף וואָס זאָל פאַראורזאַכן האַרץ־פעלערן) פון דעם איבעריקן שפייז, און אַזויווי זי און איר מאַן זיינען שוין ניט געווען גאָר יונג — — כ'בין געווען געצוואונגען צו צעשטערן איר אילוזיע: די אַמעריקאַנער ווייבער זיינען טאַקע אַלע פאַרליבט אין „פרעשער־קוקערס" — האָב איך איר דערקלערט — אָבער די מעשה מיטן קאָלעסטעראָל איז ניט מער ווי אַ לעגענדע. זי האָט זיך שוין אָבער פון לאַנג צוגעוואוינט ניט צו גלויבן „אַנטי־אַמעריקאַנער פראָפאַגאַנדע":

— וואָס ווייסן מענער פון „פרעשער קוקערס"! — האָט זי אָוועקגעמאַכט מיין אפיקורסות מיט דער האַנט.

פאַר מיין אָפּפאָר האָט זי מיר געהאָלפן איינפּאַקן מיינע זאַכן. ווען זי האָט דערזען דעם הענגער, וואָס קען צונויפגעלייגט ווערן אין אַ וואַליזע, איז זי ווידער אַריינגעפאַלן אין התפעלות:

— געבענטשט זאָלן זיין די אַמעריקאַנער! זיי פּראָדוצירן זאַכן, וואָס מאַכן לייכטער דאָס לעבן פון מענטשן.

אַוודאי, זי איז געווען מיד — פון רעוואָלוציעס, בירגער־קריגן, טעראָר, סתם צרות; ס'איז אָבער אויך געווען איר אַלטער טרוים, דער טרוים פון אַ יונגער רעוואָלוציאָנערקע: לייכטער צו מאַכן דאָס לעבן פון מענטשן.

ריטואַל און רוטין

— מיר וועלן באַלד פאַרבייפאָרן לעבן די דעמאָנסטראַציעס! — האָט אַ זאָג געטאָן דער טעקסי־שאָפער — סטודענטן און אַרבעטער מאַרשירן צו דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, בכדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער אינוואַזיע אין קובאַ. מ׳עט זיך אפשר דאַרפן פאַרקירעווען אין אַ זייטיקער גאַס. זיי האָבן אָפּגעגאָסן די אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן מיט טינט פון קאָפּ ביז די פיס. צו וואָס קריכן זיי אין קובאַ? פאַרוואָס ווילן זיי מאַכן אַ מלחמה, די אַמעריקאַנער?

מיר זיינען געפאָרן פון דער גאָרקי־גאַס, אין צענטער פון מאָסקווע, צו דער „גאָסטיניצאַ אוקראַאינאַ", פאַרביי דער אַמבאַסאַדע. דער שאָפער, קענטיק אַ זייער פּשוטער „פּאַניע", איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— פון וואַנען זיינט איר?

— פון אַמעריקע.

— פאַרוואָס אַטאַקירט איר קובאַ? פאַרוואָס קריכט אַמעריקע אומעטום? זיי ווילן אונטערצינדן די וועלט! מלחמות, אַגרעסיעס...

מיר זיינען עטלעכע מאָל שטיין געבליבן און האָבן געמוזט פאָרן איבער אַן אומוועג. ער האָט גערעדט שנעל, אָן אויפהער; כ׳האָב קוים באַוויזן אַריינצוּוואַרפן אַ וואָרט, אַז אויך די אַמעריקאַנער ווילן שלום. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין 23־יאָריקער זון איז אָקאָרשט באַפרייט געוואָרן פון מיליטער און שטודירט אויף אינזשינער, און ער האָט גערעדט לאַנג, מיט האַרץ, וועגן דער „קליינינקער", זיין 4־יעריקער טעכטערל, וואָס נאָך דער אַרבעט פירט ער זי שפּאַצירן אין פּאַרק. איז צו וואָס ווילן די אַמעריקאַנער ווידער אַ קריג?... הונגער? באָמבעס?

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום האָטעל. ער האָט אַלץ גערעדט, אָבער אַצינד האָב איך ניט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן:

— וואָס לויפן זיי? וואָס פאַראַ דעמאָנסטראַציעס אויף זייער קאָפּ? — האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן טענה'ן מיט נאָך מער אויפרעגונג — ס'איז פאַראַן אַ סכסוך, טאָ זאָל זיך אייער קענעדי אַוועקזעצן ביים טיש מיט אונזער טאָוואַרישטש כרושטשאָוו און זאָלן זיי דורכקומען צווישן זיך. אָבער יענע לויפן!... וואו נאָר אַ שטיקל טומל, אַה־אַה, זיי זיינען דאָ; כוליגאַנעס, לאָבוזעס, גיסן טינט, ברעכן שויבן...

ביז איצט ווייס איך ניט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פּלוצלונג געענדערט זיין מיינונג. און קיינער האָט עס מיר נישט געקענט דערקלערן. זאָל עס זיין דערפאַר וואָס עס האָט זיך דערנענטערט דער מאָמענט פון טרינק־געלט? עס גלויבט זיך מיר ניט. ס'איז וואַרשיינלעכער, אַז ער האָט געהאַט ביידע מיינונגען, און אפשר נאָך אַנדערע אויך — וואָס ער האָט נישט אַרויסגערעדט אויפן קול.

הימל און ערד און קובאַ

די צייטונגען זיינען געווען פול מיט דער „אַגרעסיע אין קובאַ" און דער ראַדיאָ האָט גערעדט וועגן קובאַ; די פריינטלעכע פרוי, וואָס האָט מיר דערלאַנגט דעם שליסל פון מיין צימער, האָט מיך געפרעגט: „פאַרוואָס גרייפט איר אָן קובאַ?" און אויך קאַטיאַ איוואַנאָוונאַ, מיין וועג־ווייזעריך, האָט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס מיר האָבן זיך אָנגעזעצט אויף קובאַ.

אַפילו אין דער „פאַריקמאַכערסקאַיאַ" פון האָטעל האָט מען גערעדט וועגן קובאַ. ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און מערערע גע־קליענטן האָבן געוואַרט אויף זייער אָטשערעד. נאָר איין „מייסטעריצע" האָט געשאָרן די האָר (אַזוי האָט מען זי באַטיטלט אויף רוסיש: „מייסטער"). אין אַ ווינקל פון גרויסן שפּיגל, קעגנאיבער איר באַר־בער־שטול, האָט געשטעקט פידעל קאַסטראָ'ס בילד.

— צו וואָס דאַרפט איר דאָ האָבן קאַסטראָ'ן? — האָט עמעצער זי געפרעגט.

— זי וויל אים מסתמא אונטערשערן דאָס בערדל — האָב איך זיך נישט־ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט.

דער עולם אַרום האָט זיך אָנגעקוקט. אין דער שטורמישער קובאַ־אַטמאָספער האָבן די ווערטער אָפּגעקלונגען ווי אַ מין „חילול־השם". אָבער אַ פאַריקמאַכערסקאַיאַ איז ניט קיין ערנסטער פּלאַץ (כמעט ווי אַ מרחץ, אַ שטייגער), און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז מען מעג. אַלע האָבן זיך צעשמייכלט. די „מייסטעריצע" האָט געהאַלטן אַ שטיקל רעדע:

— איר פאַרשטייט, איך בין היינט איינע אַליין ביי דער אַרבעט. די אַנדערע דריי מייסטערס ליגן אויף גריפּע. איר ווייסט דאָך, אַז

עס גייט אַרום אַ גריפּע איבער מאָסקווע. האָב איך דעריבער היינט געטאָן אַרבעט פאַר פיר. און אַזיווי פידעל איז אַ גרויסער „גערעי״, נעם איך זיך אַראָפּ פון אים אַ ביישפּיל און איך שעפּ מוט פון זיינע העלדישע מעשים, בכדי צו דערפילן מיין אַרבעט בשלימות. דערפאַר האַלט איך דעם גאַנצן טאָג זיין בילד פאַר מיינע אויגן.

אין אונזערע אויערן קלינגען־אָפּ אַזעלכע רייד קאָמיש. צווישן עולם דאָרטן האָט קיינער נישט קיין שמייכל געטאָן. זי האָט גערעדט ערנסט. — טאַקע ערנסט? אין אַ געוויסן זינען איז עס ווי מיט אַ צרשויער פון אַ דראַמע אין טעאַטער: ער איז ערנסט און געשפּאַנט, ער פאַרגיסט אַפילו אַ טרער — און גלייכצייטיק ווייסט ער, אַז ס׳איז אַ שפּיל אַזאַ. אין אַ טאָטאַליטאַרער געזעלשאַפט העלפט אָט־די טאָפּל־טיקייט אַ סך מענטשן נישט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין ראָבאָטס אויפן געביט פון טראַכטן און דענקען.

* * *

אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסטקע, וועלכע וואוינט שוין אַ יאָר פינף אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט מיר דערציילט, אַז ווען אירע סאָוועטישע גוטע־פריינט צעלאָזן זיך מיט אָפיציעלע רעדעס אין פערזענלעכע געשפּרעכן, זאָגט זי צו זיי:

— איר וועט אפשר רעדן ווי מענטשן? אין איין אויער רעדט איר מיר אַריין אַן עדיטאָריעל פון „פּראַוודאַ״ און אין צווייטן: אַ לייט־אַרטיקל פון „איזוועסטיאַ״.

איר הערט אָפט ווי מענטשן רעדן מיט אַן עדיטאָריעל־לשון, אָבער אַ סך פון זיי האָבן אויך אייגענע געדאַנקען. ווי בינדט זיך צום ביישפּיל, דאָס אַרויפקוקן צו אַמעריקע, די באַוואונדערונג פון די אַמעריקאַנער דערגרייכונגען, וואָס פאַרכאַפּט דעם סאָוועטישן מענטש, מיט דער אָפיציעלער פאָרשטעלונג פון אַמעריקע ווי אַן אַגרעסאָר און מלחמה־העצער? — אויך דאָ איז פאַראַן אַ טאָפּלטיקייט, אַ מין מחיצה צווישן דער אָפיציעלער „אמונה״ פון לאַנד און צווישן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

משל למה הדבר דומה, מיט וואָס קען מען עס פאַרגלייכן? מיט רעליגיע אוןווירקלעכקייט אין די מערב־לענדער. צענדליקער מיליאָנען אַמעריקאַנער זיינען גלויביקע קריסטן; מיליאָנען גייען זונטיק אין דער קירכע. לויט זייער אמונה האַלטן זיי, אַז „ווען מען דערלאַנגט איך אַ פּאַטש אויף איין באַק, זאָלט איר אונטערשטעלן די צווייטע״ און אַז „ס׳איז לייכטער פאַר אַ קעמל דורכצוגיין דורך אַ לאָך פון אַ נאָדל איידער פאַר אַ גביר אַריינצוקומען אין גן־עדן״; פונדעסטוועגן וועט זעלטן איינער פון זיי אונטערשטעלן אַפילו די ערשטע באַק, און

כמעט יעדער איינער וויל דערוויַיל זיין אַ גביר. סערמאָנס באַזונדער און ביזנעס באַזונדער.

אויך אין סאָוועטישן לאַנד שטעלט זיך ביסלעכווייז איין אַ צעטיי־לונג צווישן דער אָפיציעלער פילאָזאָפיע פון שטאַט און דער טאָג־טעגלעכקייט. אין זייערע אוטאָפּישע ווערק וועגן אַבסאָלוט־טאָטאַלי־טאַרע שטאַטן, האָבן געוויסע שרייבער געשילדערט דעם דאָרטיקן מענטש ווי אַ געדאַנקען־ראָבאָט. אָבער אַ סברא, אַז אפילו אינזעקטן אַנטוויקלען אַ געוויסן גראַד אימוניטעט קעגן די. ד.י טי. די וויַיטער־דיקע דורות אינזעקטן אָטעמען דעם גיפט און בלייבן... נאָרמאַלע אינזעקטן. און מה־דאַך אַן אינזעקט, קל־וחומר אַ מענטש. די פּראָ־פּאַגאַנדע פאַרלירט איר ווירקונג, די לאָזונגען ווערן אָפּגעבליאַקעוועט; זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ ריטואַל, אין רוטין און קלישע. ריטואַל באַזונדער און טאָג־טעגלעכקייט באַזונדער.

וועגן מלבושים און פרייהייט

אַזייגער צען אין אָוונט איז אַן עולם יוגנטלעכע געשטאַנען פאַר דער טיר פון דעם „קאַפע־רעסטאָראַן" פון האָטעל „נאַסיאָנאַל", אין צענטער פון מאָסקווע (איינער פון די געציילטע לאָקאַלן אין שטאָט, וואָס זיינען אָפן ביינאַכט). מען האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט, ווייל אַרום 11 אַזייגער ווערט שוין דער לאָקאַל געשלאָסן. דער מענעדזשער האָט אַרויסגעקוקט, און ווייל ער האָט משמעות דערקענט, אַז איך בין אַ טוריסט, האָט ער מיך אַריינגעפירט אינעווייניק. אַ ווײַלע האָט ער געזוכט צווישן די באַזעצטע טישלען און סוף־סוף מיך צוגעפירט צו אַ טישל, וואו ס'איז געזעסן נאָר איין יונגער מענטש.

מיר האָבן זיך צערעדט. אין פאַרלויף פון שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ מיטאַרבעטער אין איינער פון די „פּראַווו־דאַ'ס" (ס'איז פאַראַן סתם אַ „פּראַוודאַ", אַ „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", אַ „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ" א. אַ.). ער האָט מיר דערציילט, אַז זיינער אַן אָנקל איז דאָ ניט לאַנג געווען אין אַמעריקע אויף אַ צוזאַ־מענפאָר.

— ווי איז אים געפעלן געוואָרן אַמעריקע?

— עטלעכע זאַכן זיינען אים געפעלן געוואָרן.

— וואָס, אַ שטייגער?

— אַ סך אויטאָס, אַלע האָבן אויטאָס, און די מענטשן זיינען גוט אָנגעטאָן.

ער האָט לייכט אָפּגעזיפצט:

— אַזוי לאַנג ווי די מענטשן אין מערב וועלן זיין בעסער געקליידט

ווי ביי אונז, וועלן מיר ניט האָבן קיין באַוויז, אַז אונזער סיסטעם איז בעסער ווי די קאַפּיטאַליסטישע.

— פאַרוואָס פּראָדוצירט איר נישט מער מלבושים ?

— פאַרוואָס ? ס׳קען זיין, אַז ס׳איז אַ פראַגע פון רוי־שטאָפן. ביי אייך, אין אַמעריקע, איז שטאַרק אַנטוויקלט די כעמישע טעקסטיל־אינדוסטריע : ניילאָן, רעיאָן, דאַקראָן. מיר וועלן אינגיכן עפענען עט־לעכע כעמישע טעקסטיל־קאָמבינאַטן, וועלן אפשר דאָן זיין גענוג קליי־דער. אַט נעמט, אַ שטיגער, זייגערס. אַ זייגער איז ביי אונז געווען אַ טרוים. האָבן מיר געעפנט עטלעכע גרויסע זייגער־פאַבריקן, און מיר עקספּאָרטירן שוין זייגערס קיין אויסלאַנד. דאָס זעלביקע מיט קאַמעראַס.

— כ׳וויל אייך עפּעס זאָגן — האָב איך געזאָגט — מיר און מיינע פריינט אין אַמעריקע איז אייגנטלעך נישט וויכטיק, צי איר זיינט אָנגעטאָן בעסער אָדער ערגער ; עס אינטערעסירט אונז קוים, צי איר האָט זייגערס אָדער קאַמעראַס. וואָס שייך דעם רעזשים, אינטערעסירט אונז עפּעס אַנדערש.

— וואָס, צום ביישפּיל ?

— די פראַגע פון פרייהייט און פון רעכט. אַז מען זאָל נישט קענען אויפוועקן אַ מענטשן אינמיטן נאַכט, אים אַרעסטירן און פאַר־שיקן קיין סיביר : לית דין ולית דיין ! פאַרשוואונדן, ווי אין וואַסער אַריין... אין אַמעריקע קען מען אויך אַרעסטירן אַ מענטשן, אָבער ער קען שטעלן אַן אַדוואָקאַט, ער קען זיך פאַרטיידיקן...

— יאָ, מיר האָבן געהאַט שווערע יאָרן — האָט ער געזאָגט שטיל — אַצינד ווערט געענדערט די גאַנצע יורידישע סיסטעם.

ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פאַרשידענע יורידישע פּרטים. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן :

— אַז מיר וועלן האָבן מער קליידונג, וועלן מיר האָבן אויך מער פרייהייט.

— פאַרקערט, אַז איר וועט האָבן מער פרייהייט, וועט איר האָבן מער קליידונג. האָט זיך דען די עקאָנאָמישע לאַגע פאַרענדערט גלייך נאָך סטאַלינ׳ס טויט ? נאָר אָט, עס זיינען געקומען נייע מענטשן און האָבן איינגעפירט מער פרייהייט.

קאָ־עקזיסטענץ און סטאַטוס־קוואָ

באַלד זיינען מיר אַריבער צו עניני־דיומא : קובאַ ! פאַרוואָס גרייפט אַמעריקע אָן קובאַ ? — האָט ער גע׳טענה׳ט, אָבער וויניקער עמאָציאָ־נעל, זאַכלעך.

— איר מוזט פאַרשטיין, אַז אַמעריקע קען ניט דערלויבן קיין קאָמוניסטישע באַזע ממש ביי אירע טויערן — האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אַריינגעלאָזט אין אַ דיסקוסיע ממש — און אויסערדעם: וואָס הייסט קובאַ? ס'איז נישט קיין ענין פון דוקא קובאַ. אַמעריקע וויל נישט קיין מלחמה, אָבער זי האָט מורא, אַז איר וועט פּאַמעלעך אָפּגריזשען איין שטיקל נאָכן צווייטן: אינדאָכינע, לאַאָס, קאָנגאָ, טאַוואַ־רישמש כרושטשאָוו האָט געזאָגט...

מיר האָבן אַ ווײַלע געזוכט דאָס וואָרט אויף רוסיש. ער האָט זיך געכאַפּט וואָס איך מיין צו זאָגן:

— קאָ־עקזיסטענץ...

— יאָ, קאָ־עקזיסטענץ. אָבער וואָס איז עס פאַר אַ קאָ־עקזיסטענץ, אויב איר פאַרנעמט איין לאַנד נאָכן צווייטן?

— וואָס קענען מיר טאָן, אויב די מאַסן אין יענע לענדער מאַכן אַ רעוואָלוציע?

— לאָמיר אָננעמען, אַז די מאַסן מאַכן טאַקע אַליין זייערע רעוואָ־לוציעס; אָבער איר שיקט זיי גלייך הילף. אויסערדעם: ס'איז דאָך נישט קיין ענין פון מאָראַל; וואָס איז דאָ פאַר אַ חילוק פונעם שטאַנד־פונקט פון גלאָבאַלער גלייכגעוויכט? אמתע קאָ־עקזיסטענץ מיינט סטאַ־טוס־קוואָ, אַפילו ווען דאָס זאָל באַדייטן אַ מאָראַטאָריום אויף רעוואָ־לוציעס און איבערקערענישן פאַר די קומענדיקע 20 אָדער 50 יאָר. אַזוי־לאַנג ווי איר וועט פּרובירן איינפירן אייער רעזשים אין נייע לענדער, וועט אַמעריקע צו אײַך קיין צוטרוי נישט האָבן.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט:

— קובאַ, לאַאָס, קאָנגאָ, דאָס איז אַלץ „פּוסטיאַקי" (נאַרישקייטן)!

— האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ס'איז פאַראַן נאָר איין פּראָבלעם: דייטשלאַנד! נאָר איין שונא: דייטשלאַנד! מיט אַמעריקע אַליין וואָלטן מיר דורכגעקומען, אָבער מערב־דייטשלאַנד גרייט זיך צו אַ נייעם קריג, און אַמעריקע באַוואָפנט די דייטשע אַרמיי.

— איך בין אַ איד, און איר ווייסט וואָס דייטשלאַנד האָט געטאָן צו אידן; איר ווייסט, וואָס פאַראַ געפילן מיר האָבן צו דייטשלאַנד. אָבער לויט מיין מיינונג איז דאָס האַלבע דייטשלאַנד צו־קליין, אויף צו קענען מאַכן אַ מלחמה.

— איר רעדט מיט לאָגיק, אָבער זיי ווייסן נישט פון קיין לאָגיק. זיי האָבן נאָר איין זאַך אין זינען: אַ קריג און רעוואַנזש! די דייטשן זיינען אַ געפאַר פאַר דעם שלום, פאַר דער וועלט!

— איך האָב חברים, וואָס האָבן די זעלביקע מיינונג ווי איר — האָב איך געזאָגט — אָבער ביי די היינטיקע באַדינגונגען, מיט דער

אַטאָם־באָמבע, וואָלט דאָך אַ קריג געמיינט אַלגעמיינער אונטערגאַנג.

— די דייטשן אַרט עס קנאָפּ־וואָס. אַבי זיי וועלן האָבן זייער קריג און זייער נקמה! און אַמעריקע שיקט זיי וואָפן. דאָ ליגט די געפאַר פאַרן שלום!

ער האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און האָט שטיל אַ פּליסטער געטאָן:

— אין אַמעריקע זיינען דאָך פאַראַן אַ סך אידן, יאָ?

— אַרום פינף מיליאָן.

— פאַרוואָס טוט איר גאָרנישט קעגן דער באַוואָפענונג פון דייטשלאַנד?

מיט אַ פּאָר טעג פריער האָב איך זיך באַגעגנט אין לענינגראַד מיט עטלעכע מזרח־דייטשע קאָמוניסטן. זיי זיינען געקומען צום ערשטן מאַי, צוזאַמען מיט אַ גרויסער עקסקורסיע פון מזרח־דייטשלאַנד — דריי הונדערט פּערזאָן אין אַ ספּעציעלן צוג. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז אויף דער באַן־סטאַנציע אין קיעוו איז זייער צוג באַגעגנט געוואָרן מיט אַן אָרקעסטער מוזיק.

— נו, און די מזרח־דייטשן? — האָב איך געפרעגט דעם יונגעמאַן פון דער „פּראַוודאַ".

ער האָט מיך אַ ווילדע אָנגעקוקט, ווי זיך געקווענקלט.

— אַ דייטש בלייבט אַ דייטש! — האָט ער אַ זאָג געטאָן קאַלט און ערנסט.

* * *

ער איז ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל צוריקגעקומען צום פּראָבלעם דייטשלאַנד — ווי ער וואָלט געווען באַזעסן פון אַ שרעק פאַר אַן אימינענטער געפאַר. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער שפּיגלט־אָפּ אין אַ געוויסער מאָס דאָס געפיל און די איינשטעלונג אין די „הויכע פענסטער". אין סאָוועטנפאַרבאַנד לעבן נאָך שאַרף די זכרונות פון דער לעצטער מלחמה, פון די שרעקלעכע מפלה׳ס אין די ערשטע יאָרן פון קריג, פון חורבן און ליידן. און עס לעבט נאָך אויך די שרעק פאַר דעם דייטשן מיליטאַריזם.

ער איז געווען נישט מער ווי סתם אַ מיטאַרבעטער פון אַ צייטונג, אָבער אפשר דערפאַר טאַקע האָט ער גערעדט אָפנהערציקער ווי וועלכע ס׳איז הויכגעשטעלטע אָפיציעלע פּערזענלעכקייט. די וואַקסנדיקע שפּאַנונג אַרום בערלין באַשטעטיקט זיין אָפּשאַצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. און בערלין איז, וואַרשיינלעך, בלויז אַ פּראָלאָג —

* * *

ווען איך בין אַרויס פון קאַפע רעסטאָראַן, איז נאָך אַלץ אַן עולם יונגנטלעכע געשטאַנען פאַר דער טיר. עטלעכע האָט מען אַריינגעלאָזט אינעווייניק, איינצוקויפן פּאַפּיראָסן ביים בופעט. איינער האָט זיך געריסן ביים אַריינגאַנג:

— פאַרוואָס לאָזט מען אַלעמען אַריין און מיך נישט! — האָט ער געוואַלדעוועט.

זיין רוף האָט זיך געטראָגן דורך דער נאַכט, איבער דער גאָרקי־גאַס און ביז צו די מויערן פון קרעמלין. אין מיינע אויערן האָבן די ווערטער אָפּגעקלונגען ווי אַ סימבאָל — ווי אַ רוף פון דער צוקונפט.

אויפֿן וועג צו אידישע שרייבער אין מאָסקווע

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן כמעט ווי אין אַ דעטעקטיוו־סטאָרי. אין משך פון עטלעכע טעג האָב איך אַרומגעזוכט די אידישע שרייבער אין מאָסקווע. און דאָס שפּאַנענדיקע, און דאָס פּיקאַנטע, דאַביי איז געווען, וואָס כ׳האָב בשעת־מעשה געהאַט זייער אַדרעס פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין מיין נאָטיץ־ביכל. און ניט נאָר זייער אַדרעס — אַפילו זייער טעלעפאָן־נומער איז דאָרט געווען פאַרשריבן. איז פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט זוכן?

אין אַן אמת׳ער דעטעקטיוו־סטאָרי איז די זוכעניש דער סאַמע עיקר־העיקרים; אין אונזער געשיכטע איז עס ניט געווען אַזוי וויכטיק. אָבער אינטערעסאַנט איז עס פון דעסטוועגן געווען, טאַקע צום גוף הענין אינטערעסאַנט. טאָ לאָמיר אויך וועגן דעם דערציילן.

ומעשה שהיה כך היה: אין תל־אָביב, איידער כ׳בין אָפּגעפאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט מיר אַ באַקאַנטער דערציילט, אַז מען קלייבט זיך אַרויסצוגעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַ אידישע צייטשריפט מיטן נאָמען „סאָוועטיש היימלאַנד“; אַז דער זשורנאַל ווערט שוין צוגעגרייט און די רעדאַקציע געפינט זיך צייטווייליק אין הויז פון דער באַקאַנטער סאָוועטישער צייטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“. און ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס און טעלעפאָן־נומער פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ אין מאָסקווע, אַלץ כשר וישר.

אָבער דער געבער פון אַדרעס איז ניט געווען אינגאַנצן „כשר“. ער איז אַמאָל געווען אַ פירנדיקער קאָמוניסט און אַ טוער אין „קאָמ־אינטערן“; דערנאָך איז ער געזעסן (ס׳רעדט זיך אַזוי „געזעסן“ — ער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט) אַ יאָר צוואַנציק אין סיביר, און נאָך זיין באַפרייאונג און רעהאַביליטאַציע איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין מיין פאַנטאַזיע האָט דעריבער דער אַדרעס אויסגעזען אַביסל מיסטעריעז און „געהיימניספול“ (ווי עס זאָגט זיך

אין אַן עכטן שונד־ראָמאַן). עד כאן אונטערבאַוואוסטזיין. וואָס שייך דעם שכל־הישר, האָט ער געַ'טענה'ט, אַז אויב כ'וועל קומען אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" און וועל זיך נאָכפרעגן אויף דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועט מען מיך אפשר נעמען אויספרעגן:

„פון וואַנען ווייסט איר וועגן אַזאַ זשורנאַל? ווער האָט אייך גע־געבן דעם אַדרעס?" און ענלעכע קלאָץ־קשיות.

כ'האָב נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז אַ ידיעה וועגן דער דער־שיינונג פון דער צייטשריפט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אידישער פרעסע פון אויסלאַנד; האָב איך זיך מיישב געווען מיט סאָוועטישע באַקאַנטע און זיי האָבן מיך געראַטן, אַז איך זאָל דעם ענין דערליידיקן דורך דעם „אינטוריסט".

* * *

דער „אינטוריסט" פאַרזאָרגט אַלע הצטרכות'ן פון טוריסט. איידער איר פאָרט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, צאָלט איר איין אין „אינטוריסט" פאַר אַלע אייערע הוצאות, און ווען איר קומט אַהינצו, קריגט איר קופּאָנען פאַר אַ צימער און פאַר מאָלצייטן, און איר האָט דאָס רעכט אויף „טורס" אין אַן אויטאָ. אויב איר פאָרט אַליין (ניט מיט קיין גרופּע) און איר האָט באַצאָלט פאַר אַ „דע־לוקס" רייזע (און אַמערי־קאַנער קענען איצט פאָרן נאָר דע־לוקס), קריגט איר צו אייער דיס־פּאָזיציע אַן אויטאָ, אַ שאָפער און אַ וועג־ווייזער (וואָס רעדט אייער שפּראַך), אויף 3 שעה אַ טאָג.

דער וועג־ווייזער פירט אייך אויף די אָפיציעלע „טורס": מוזע־אומס, פּאַרקן, אינסטיטוציעס א. ד. גל. אָבער איר קענט אויך אויס־קלייבן פלעצער, וואָס איר ווילט באַזוכן, און אַפילו באַנוצן דעם אויטאָ, כדי צו דערליידיקן אייערע פּערזענלעכע ענינים. ס'איז מעגלעך, אַז אויב איר זאָלט פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אייך פירן אין דער מאָסקווער סינאַגאָגע, אַ שטייגער, וועט מען אייך אַהינפירן, און דער שאָפער מיטן וועג־ווייזער וועלן וואַרטן אין דרויסן ביז איר וועט ענדיקן דאַוונען (אויב עס וועט ניט געדויערן מער ווי 3 שעה). עמיצער וואָלט עס געדאַרפט אויספרובירן, אָבער ווער וועט דען פאָרן אום שבת דאַוונען אין דער מאָסקווער סינאַגאָגע?

אין יעדן גרויסן האָטעל (וואו עס וואוינען טוריסטן), איז פאַראַן אַן אָפּטיילונג פון „אינטוריסט" מיט „טישן" פאַר די פאַרשידענע ענינים: קופּאָנען, וויזעס, געלט־אויסטויש און טורס. אַמעריקאַנער טוריסטן זיינען, ווי באַקאַנט, עקסטראַוואַגאַנטע מענטשן, און מען דער־ציילט, אַז איינער אַן אַמעריקאַנער, משמעות אַ טוריסט פון טעקסאַס

אָדער מידל־וועסט, איז אַמאָל אַריין אין אַן „אינטוריסט״־ביוראָ אין מאָסקווע און זיך געווענדעט צום באַאַמטן:

— כ׳וואָלט אייך געוואָלט בעטן, אַז היינט נאָכמיטאָג זאָל מען מיך נעמען אויף אַ טור איבער אַ לאַגער פון שקלאַפן־אַרבעטער...

דער באַאַמטער האָט געזאָגט, מיט אַן ערנסטער מינע, אַז ער מוז זיך נאָכפרעגן ביי זיין שעף. ער איז אַוועק, איז צוריקגעקומען, און האָט גאַנץ זאַכלעך געמעלדעט דעם טוריסט, אַז ס׳איז לײדער אומ־מעגלעך: ווייל אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיינען ניטאָ אַזעלכע לאַגערן.

אַזאַ בקשה וואָלט מיר, פאַרשטייט זיך, אויפן זינען ניט געקומען. כ׳האָב זיך געווענדעט צו דער אָפּטיילונג פון טורס, און דערקלערט, אויף ענגליש, אַז כ׳האָב אַ בקשה וועגן אַ ספּעציעלן ענין. דער באַ־אַמטער, אַ יונגער בחור, האָט געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט לײדער ניט קיין ענגליש.

— אפשר דייטש? — האָט ער געפרעגט.

— גוט, זאָל זיין דייטש.

כאָטש ער האָט אויסגעזען ווי אַלע אַנדערע, איז ער מיר פאַר־געקומען ווי אַ אידישער בחור. כ׳האָב אים פאַרגעלייגט מיין ענין: אַזוי ווי כ׳האָב געהערט, אַז מען קלייבט זיך אַרויסצוגעבן אַ צייט־שריפט אויף אידיש אין מאָסקווע, און אַז די רעדאַקציע געפינט זיך ציטוויליק אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ און אַזוי ווי כ׳אינטע־רעסיר זיך מיט אַזאַ אויסגאַבע, וואָלט איך געוואָלט, אַז ער זאָל מיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע.

די באַאַמטע פון „אינטוריסט״ זיינען בדרך־כלל זייער פריינטלעך און זיי באַמיען זיך נאָכצוקומען די ביטעס פון די טוריסטן. דער בחור איז ווייטער געווען העפלעך. ער איז אָבער געוואָרן זאַכלעך און קאַלט, ווי איינער זאָגט: צו וואָס קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? ער האָט אַרויסגענומען אַן אַדרעסן־בוך און האָט שנעל אָנגעשריבן פאַר מיר דעם אַדרעס און דעם טעלעפאָן־נומער פון דער „ליטעראַ־טורנאַיאַ גאַזעטאַ״.

— איר קענט צופאָרן אַהינצו — האָט ער מיר גע׳עצה׳ט. ס׳איז געווען דער זעלביקער אַדרעס, וואָס כ׳האָב געהאַט פאַרשריבן אין מיין נאָטיץ־ביכל.

דרך־אגב, אַז מיר האַלטן שוין ביי אידיש און אַ אידישער אויס־גאַבע אין סאָוועטנפאַרבאַנד: דער האָטעל איז אין יענע טעג געווען פול מיט טוריסטן און דעלעגאַציעס, וואָס זיינען געקומען, לכבוד דעם ערשטן מאַי, פון אַלע עקן וועלט: כינעזער, לאַטיין־אַמעריקאַנער,

פּאָלאַקן, דייטשן. מען האָט געהערט אַ בבל פון שפּראַכן: פראַנצויזיש, אַראַביש, שפּאַניש, טשעכיש, טאָטעריש מסתמא. קיין אידיש האָט מען ניט געהערט. איינמאָל בין איך צוגעגאַנגען צום פּאָסט־ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אין דער „לאָבי" פון האָטעל. כ'האָב אָנגעוויזן דעם מיידל הינטער דער פאָרבאַנק אויף דעם בריוו אין מיין האַנט:

— האַו מאַטש? סקאָלקאָ?

זי האָט מיך אַן אויגנבליק אָנגעקוקט (איך בין גראָד געווען דער איינציקער קליענט):

— זעכצן קאָפּיקעס — האָט זי געענטפערט מיט אַ גוטן וואָלינער אַקצענט.

— איר רעדט אידיש?

— אַוודאי! פאַרוואָס ניט?

מיר האָבן אַ ווײַלע געשמועסט — אויף אידיש. זי האָט מיר צוגע־לייגט צוויי „גאַגאַרינס", ס'הייסט, 2 פּאָסטמאַרקעס מיט גאַגאַרינס בילד. כ'האָב פאַר זיי באַצאָלט, פאַרשטייט זיך, דעם אָפיציעלן פּרייז, 6 קאָפּיקעס, אָבער אַ שטיקל טובה (אַ לעגאַלע) איז עס געווען, וואָרים די טוריסטן און דעלעגאַטן האָבן געכאַפּט די „גאַגאַרינס" ווי מצה־וואַסער און מער ווי צוויי אויף אַמאָל האָט מען ניט געקענט קריגן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך צערעדט מיט אַ וועג־ווייזער אין „אינטוריסט"־אַמט. מיר האָבן זיך געקענט פון אַ פריערדיקער באַגעגעניש. דאַסמאָל האָט ער מיר דערציילט, מיט ענטוזיאַזם, אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום דאַרף אָנקומען פון ניו־יאָרק אַ פאָלקס־דעלעגאַציע צום ערשטן מאַי.

— אַ אידישע דעלעגאַציע — האָט ער צוגעגעבן. ער האָט געוואָלט וויסן, צי איך קען מרס. פלונית, וועלכע שטייט אין שפּיץ פון דער דעלעגאַציע. כ'האָב זי ניט געקענט.

— און מיסטער פלוני? אויך איינער פון די חשובע אָנפירער פון דער דעלעגאַציע.

כ'האָב זיך מודה געווען, אַז אויך זיין נאָמען האָב איך קיינמאָל פריער ניט געהערט. דער וועג־ווייזער איז געווען אַביסל אַנטוישט; ס'איז אים אויך אפשר פאָרגעקומען אַביסל משונה'דיק, וואָס אַ ניו־יאָרקער תושב האָט קיינמאָל ניט געהערט די נעמען פון די חשוב'סטע דעלעגאַטן פון דער ניו־יאָרקער פאָלקס־דעלעגאַציע קיין מאָסקווע. איך, ווידער, האָב געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דער בחור איז אַ אידישער בחור, און אַזויווי ער האָט מיט מיר געשמועסט וועגן אַזעלכע אינטימנע זאַכן, בין איך אַרויסגעקומען מיט מיין ענין:

— אַזוי און אַזוי, אַזויווי כ׳האָב געהערט, אַז מען גייט אַרויסגעבן אַ צייטשריפט אויף אידיש אין מאָסקווע... א. אַז. וו.

אין דעם מאָמענט איז צווישן אונז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט. אויב ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער איז געוואָרן אַביסל בלאַס, איז עס מסתמא געווען בלויז דערפאַר וואָס אין מיין פאַנטאַזיע איז די וואַנט געווען אַ ווייס־געקאַלכטע, אַ שטומע. כ׳האָב גלייך אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, אָבער דער שמועס האָט זיך שוין מער ניט געקלעפּט.

* * *

ערשט דעמאָלט איז מיר איינגעפאַלן, אַז דער גלייכסטער וועג וואָלט געווען זיך צו ווענדן צום פּאַראיין פון די סאָוועטישע שרייבער. וואָס קען זיין נאָך גלייכער און כשר׳ער? כ׳האָב געזאָגט מיין וועג־וויזערין, אַז צומאָרגנס וועלן מיר, אָנשטאָט אַ טור, פאָרן דערליידיקן אַן עניין אין הויז פון די שרייבער. מיינע מחזקות מיט אַזעלכע חשוב׳ע לייט האָט שטאַרק געהויבן מיין פּרעסטיזש אין די אויגן פון דער וועג־וויזערין. צומאָרגנס זיינען מיר פאָרפאָרן „נאַשפּיץ" מיט קאַטיאַ איוואַנאָוואַ׳ן און מיט אַ שאָפער, אין גרויסן הויף פון „דאָם סאָוועטסקיך פּיסאַטעלעי".

ס׳איז געווען אַ ברחבות׳דיקער הויף, באַזעצט ערטערווייז מיט ביימער און אַרומגערינגלט מיט אַ האַלב־קרייז פון אַלטמאָדישע צוזאַמענגעשלאָסענע הייזער (אַ סעקרעטאַרין פון שרייבער־פאַראיין האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז אָט־דער הויף ווערט געשילדערט אין טאָלסטאָי׳ס „מלחמה און שלום" אונטערן נאָמען „דאָס הויז פון די ראָסטאָוו׳ס"). מיר האָבן אויפגעזוכט די שטוב פאַר „אינטערנאַציאָנאַלע ענינים". מיינע באַגלייטער האָב איך איבערגעלאָזט אין דרויסן.

כ׳האָב דערקלערט דער סעקרעטאַרשע ביים אויפנאַמס־טיש וועגן וואָס איך בין געקומען, און אַז איך וויל רעדן מיט דער סעקרעטאַרין פון שרייבער־פאַראיין, פרוי ראָמאַנאָוואַ. זי האָט מיר געזאָגט, אַז ראָמאַנאָוואַ איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון אַ רייזע אין אַמעריקע, אַז זי איז איצט אויף וואַקאַציע (און דרך־אגב: אַז זי איז די „וויצע־פּרעדסעדאַטיעל", ס׳הייסט די וויצע־פּאָרזיצערין פון פאַראיין), אָבער ס׳מאַכט ניט אויס: זי וועט איר אָנקלינגען אַהיים.

— כ׳וואָלט זי ניט געוואָלט מטריח זיין בעת איר וואַקאַציע!

— ס׳מאַכט ניט אויס, זי פאַרנעמט זיך גערן מיט שרייבער פון אויסלאַנד.

פרוי ראָמאַנאָוואַ איז געווען פריינטלעך און זאַכלעך. זי איז לעצטנס געווען אין אויסלאַנד — האָט זי געזאָגט אויפן טעלעפאָן — אָבער אויף

וויפיל זי וויסט, ווערט טאַקע צוגעגרייט אין מאָסקווע אַ צייטשריפט אויף אידיש, און דער ערשטער נומער דאַרף דערשיינען אין יולי, היי־יאָר; ס׳איז אַ שאָד וואָס מיר קענען זיך ניט טרעפן, ווייל זי איז איצט אויף וואַקאַציע, אָבער נענטערע פּרטים וואָלט איך געקענט באַ־קומען ביי אַראָן לוואָוויטש ווערגעליס. זי האָט געבעטן דער סעקרע־טאַרשע מיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אַראָן לוואָוויטש׳ן.

ווערגעליס איז ניט געווען אין דער רעדאַקציע. די סעקרעטאַרשע האָט משמעות געבעטן, אַז מען זאָל אים טעלעפאָנירן אַהיים. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער צוריקגערופן. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ זייטיקן צימער, וואו כ׳בין געבליבן אַליין — מיט אַ טעלעפאָן. צוערשט האָבן מיר גערעדט אויף רוסיש און איך האָב זיך גערעדאַרפט אָנשטרענגען און זוכן די געהעריקע ווערטער. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר רעדט דאָך אַוודאי אידיש?

— פאַרשטייט זיך.

— קענט איר רעדן אידיש, אויב איר ווילט.

— אדרבא.

ער האָט מיך געפרעגט ווער איך בין, צו וואָס פאַר אַ שרייבער־גרופּע איך געהער אין ניו־יאָרק, און ווי לאַנג איך בין אין מאָסקווע — און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

— ווען?

מאָרגן איז אַ יום־טוב — האָט ער געזאָגט — און איבערמאָרגן איז ביי אונז אַ „שעפערישער טאָג״ פאַר שרייבער. אין אַ „שעפערישן טאָג״ קומען מיר ניט אַריין אין דער רעדאַקציע נאָר מיר זיצן אינדער־היים און מיר שאַפן.

מיר האָבן באַשטימט זיך צו טרעפן אין עטלעכע טעג אַרום.

איצט האָב איך זיך געזאָגט, אַז כ׳האָב זיך אַליין פאַרשאַפט איבעריקע אַרבעט און אומזיסטע טרחה — כ׳האָב געקענט גיין דירעקט אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״; אין „הויז פון די שרייבער״ האָט מען מיך דאָך ניט געפרעגט קיין קשיות און ניט געבעטן קיין לעגי־טימאַציעס — און איך בין דאָך ניט געקומען אין קיין אָפיציעלער מיסיע אָדער שליחות, נאָר ווי סתם אַ באַזוכער פון אויסלאַנד. אָבער צוליב כמה טעמים איז אפשר בעסער געווען אַזוי ווי ס׳איז געווען. און אויסערדעם: דער שרייבער און דענקער יעקב קלאַצקין באַמערקט ריכטיק (אין זיין ביכל „זוטות״, דאַכט זיך), אַז אין געאָמעטריע איז דער קירצסטער וועג צווישן 2 פּונקטן טאַקע אַ גלייכע ליניע, אָבער אין

ליבע, אַ שטייגער, איז די גלייכע ליניע ניט תמיד דער קירצסטער וועג. נו, ס׳איז אפשר גילטיק אויך פאַר אַנדערע ענינים. אויפן וועג האָב איך עפּעס געלערנט.

* * *

אין דער באַשטימטער שעה בין איך אַרויפגעגאַנגען אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צוזאַמען מיט מיין באַגלייטערין קאַטיאַ איוואַנאָווא. אַ יונג, סימפּאַטיש מיידל, האָט דער עולם איר צוגערעדט, אַז זי זאָל מיט אונז פאַרבלייבן.

— זי וועט דאָך ניט פאַרשטיין אונזער שמועס?

— מיר וואָלטן געקענט רעדן רוסיש.

אָבער מיר וואָלט עס אָנגעקומען שווער. כ׳האָב זי איבערצייגט, אויף ענגליש, אַז זי זאָל ליבערשט גיין אַהיים זיך אויסרוען. זי האָט מיר געפאָלגט און איז אַוועק אַהיים.

מיט אידישע שרייבער אין מאָסקווע, 1961

אין דעם גרויסן רעדאַקציע־צימער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, אויפן 5טן גאָרן פונעם הויז פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ זיינען געווען זעקס שרייבער. מעגלעך אַז זיי זיינען דאָרט גראָד געווען צופעליק, און אפשר זיינען זיי אויסן געווען צו כאַפן אַ שמועס מיט אַ גאַסט. קיין אָפיציעלע אויפנאַמע איז ניט געווען. קיינער פון זיי האָט מיך, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אָדער פריער געהערט מיין נאָמען. דער איינציקער יחוס־בריוו, וואָס כ׳האָב געהאַט ביי זיך, איז געווען אַ נאָטיץ, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערב מיין אָפפאָר אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״. אַראָן ווערגעליס האָט זי פאָרגעלייענט אויפן קול: ראָמאַנען, אידיש, העברעאיש, אַ פּריז, אַ רייזע קיין ישראל, איראָפּע, פּוילן. זיי האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט; ס׳איז ניט געגאַנגען וועגן מיר — גיכער אַ גרוס פון אַ ווייטער און ערגעץ־וואו דאָך נאָענטער וועלט.

— איר זעט, אַז איר וועט פאָרן צו אונז, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן זיי ניט דערמאָנט — האָט געזאָגט אַרן לוואָוויטש מיט אַ לייכטן פאַרדרוס — זיי האָבן אונז פיינט.

— ניין, כ׳האָב אַליין ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וועגן דעם שרייבן — האָב איך געזאָגט — פאַרוואָס זאָלן זיי אייך פיינט האָבן?

כ׳האָב זיי ניט געפרעגט וועגן דער טראַגעדיע פון די אידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד. צו וואָס? ס׳וואָלט געווען ווי שיטן זאַלץ אויף די וואונדן. און קיין נייעס וואָלטן זיי מיר סאַי־ווי ניט דערציילט. כ׳האָב אָנגעהויבן וועגן אַן ענין, וואָס איז אין געוויסע גרעניצן מער געמיינזאַם פאַר דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור:

— איר גייט אַרויסגעבן אַ זשורנאַל, אָבער וואָס איז מיט לייענער? אויף וויפיל איך זע, איז דאָ די אידישע יוגנט שפּראַכלעך אַסימילירט.

דאָס זעלביקע פּראָבלעם שטעלט זיך אויך ביי אונז אין אַמעריקע, אין די מערב־לענדער בכלל... — האָב איך צוגעגעבן.

אַזוי ווי מיר האָבן געשמועסט וועגן אָט־די מער־וויניקער גע־מיינזאַמע פּראָבלעמען, איז דער שמועס פון אָנהויב ביזן סוף צוגע־גאַנגען זייער פריינטלעך. כ׳האָב ניט געהאַט קיין געפיל פון אַן איי־זערנעם פאָרהאַנג. אויב כ׳האָב ניט געמאַכט קיין איינווענדונגען — אויך דאָרט וואו כ׳האָב געהאַט חשק זיי צו מאַכן — איז עס ניט געווען צוליב מורא, נאָר גיכער צוליב „פּעיר פּלעי״: ווייל כ׳האָב געהאַלטן, אַז איך קען זיך פרייער אַראָפּרעדן פון האַרצן.

אויפן טיש איז געלעגן אַן אָקאָרשט־דערשינענע ביכל לידער (אויף אידיש) פון דיכטער־רויט־אַרמייער אשר שוואַרצמאַן, וועלכער איז געפאַלן אויפן פראָנט אין 1919. ווי זיי האָבן מיר דערציילט, זיינען לעצטנס דערשינען אויף אידיש (אין סאָוועטישן „מעלוכע פאַרלאַג״) זאַמלונגען פון מענדעלי און שלום עליכם. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן די קאָרעקטורן פון אַ זאַמלונג פון בערגלסאָנ׳ס ווערק, וואָס דאַרף אינגיכן דערשיינען. „בערגלסאָן האָט ביים לעבן קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ שיינע זאַמלונג״ — האָט דרך־אגב באַמערקט ווערגעליס מיט שטאָלץ. אויך אַנדערע ווערק וועלן דערשיינען.

די צייטשריפט האָט לכתחילה געדאַרפט זיין אַ פּערטליאָר־זשור־נאַל, אָבער לעצטנס האָט מען באַשלאָסן זי אַרויסצוגעבן יעדע צוויי חדשים. זי וועט זיין געווידמעט סאָציאַלע קולטור־און ליטעראַטור־פּראָבלעמען. לייענער? אויב כ׳מאַך ניט קיין טעות, האָט ווערגעליס געשאַצט, אַז דער זשורנאַל וועט זיך צעגיין אין 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן. די לעצטנס־דערשינענע אידישע ביכער זיינען גוט אויפגענומען געוואָרן ביים אידישן עולם און אויך דער זשורנאַל וועט האָבן פאַראינטערע־סירטע לייענער — ספּעציעל אין די געביטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד נאָך דער מלחמה: בעסאַראַביע, ליטע, לאַטוויע, א. א.

— מיר זיינען ניט קעגן נאַטירלעכער אַסימילאַציע — האָט ווער־געליס צוגעגעבן — די אידן וואָס ווילן זיך אַסימילירן, אויף אַ נאַטיר־לעכן אופן, זאָלן זיך אַסימילירן. אָבער אַזוי ווי עס זיינען נאָך פאַראַן אידישע לייענער, וועט מען — אין איינקלאַנג מיט דער סאָוועטישער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק — אַרויסגעגעבן אידישע ביכער און אַ אי־דישע צייטשריפט.

ער האָט בכלל גערעדט האָפּערדיק און אָפּטימיסטיש: „ביי אונז, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָרגט די מעלוכע פאַר די שרייבער און קינסט־

לער״. ער האָט מיר געוויזן אַ אידיש ביכל און געזאָגט, אַז דער מחבר קריגט באַצאָלט 14 רובל פּאַר אַ שורה (אויף וויפיל איך געדענק ריכ־טיק. זאָל ער האָבן געזאָגט 14 קאָפּיקעס? — דאָס וואָלט געווען צו ווייניק!).

אַרן לוואָוויטש ווערגעליס — אַ רויט־האָריקער, אַ שלאַנקער און פעסט־געבויטער; זעט־אויס אין די פערציקער יאָרן; גראַדליניק; גע־ווען אַ סאָלדאַט אין דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד; רעדט שטענדיק שטרענג אין דער „ליניע״ און זייער אָפט דאַכט זיך אייך, אַז ער רעדט מיט עדיטאָריעלס פון דער „פּראַוודאַ״ (כ׳האָף, אַז ער וועט עס באַטראַכטן ווי אַ קאָמפּלימענט — אַנישט וואָלט איך עס ניט געזאָגט); דערמאָנט אין אַ באָלשעוויק פון די אַמאָליקע יאָרן (ס׳וואָלט אפשר פּינקטלעכער געווען צו זאָגן: אין אַ פּאָליט־קאָמיסאַר פון אַלטן שניט); זיין הקדמה צו אָשר שוואַרצמאַנ׳ס בוך איז געשריבן מיט פּיעטעט צום מחבר, שפּראַכלעך אָפּגעהיט, אין אַ גוטן לעבעדיקן אידיש און אַ פיינעם סטיל, באַשפּרענקלט מיט רעוואָלוציאָנערער מליצה — די אידייען: שטרענג קאָמוניסטיש (ניט בלויז בנוגע פּאָליטיק, נאָר אויך וואָס שייך נאַטור־שילדערונגען, למשל, און לעבנס־אָנשויאונג בכלל).

ער האָט מערערע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דער רעדאַקציע־לאָקאַל — ווי שכנים אין הויז פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ — איז בלויז צייטווייליק. אַזוי ווי מען האָט ניט געוואָלט אָפּלייגן דאָס אַרויסגעבן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, איז די רוסישע צייטונג גע־ווען אַזוי פריינטלעך און האָט זיי פאַרגעלייגט אויף דערווייל אַ דירה אין איר הויז. אָבער גאָר אינגיכן וועלן זיי האָבן אַן אייגן הויז אָדער אַ באַקוועמע דירה.

סתם אַזוי, צום אָנדענק — אָדער אפשר כדי אַזוי־אַרום צו דער־ציילן דער אידישער וועלט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד הויבט ווידער אָן צו דערשיינען אַ אידישע צייטשריפט — האָבן זיי פּאָר מיר אָנגע־שריבע עטלעכע ווערטער אויף אַן אָפיציעלן בלאַנק פון דער רע־דאַקציע: „דעם פריינט אַ... אַ באַוויז, אַז מיר זיינען דאָ״. אויף דעם רעדאַקציע־בלאַנק איז אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות, אויף אידיש און רוסיש, די איבערשריפט: „סאָוועטיש היימלאַנד — סאָוויעטסקאַיאַ ראָדינאַ, אָרגאַן פונעם שרייבער פאַרבאַנד פון ס. ס. ס. ר.״. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די צייטשריפט איז אַן אָרגאַן פון דעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד. אונטער די עטלעכע ווערטער האָבן זיך אונטערגעשריבן אַרן ווערגעליס, נ. אויסלענדער, ה. דאָבין און מ. לעוו. ביים אָנהויב פון דער באַגעגעניש זיינען אויך בייגעווען גרוביאַן און

אַ שרייבער פון ווילניוס (ווילנע), אַ גאַסט אין מאָסקווע, וואָס זיין נאָמען האָב איך ליידער פאַרגעסן (זיי זיינען אַוועק פריער און זיך דערפאַר ניט אונטערגעשריבן).

זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז געוויסע אידישע שרייבער פון אויס־לאַנד, וועלכע זיינען געקומען אויף אַ באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד און זיינען דאָרט גוט אויפגענומען געוואָרן דורך די אידישע שרייבער (און האָבן אַליין אויך גערעדט מיט פריינטשאַפט בעת זייער באַזוך) — האָבן שפּעטער, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, געשריבן בייזוויליק וועגן די אידיש־סאָוועטישע קאָלעגן. פאַר איינעם פון די געסט האָבן זיי אפילו געמאַכט אַן אויפנאַמע און ער אַליין האָט גע־האַלטן אַן ענטוזיאַסטישע רעדע, און דערנאָך האָט ער קעגן זיי גע־שריבן שלעכטס. אויב ער וויל ווידער קומען ווי אַ טוריסט — האָבן זיי געזאָגט — איז עס ניט אונזער עסק, אָבער מיר ווילן מער מיט אים קיין מגע־ומשא ניט האָבן.

— איך האָף, אַז איך וועל שרייבן גוט וועגן אייך — האָב איך געזאָגט, — אויב איך וועל בכלל שרייבן.

— אויב איר וועט שרייבן גוט וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד, וועט מען אייך דען דרוקן?

— כ׳האָף אַז יאָ, אויב מען וועט זען, אַז איך שרייב אויפריכטיק. אויסערדעם: אין אַמעריקע זיינען פאַראַן פאַרשידענע אידישע צייטונגען.

— אין וועלכער צייטונג שרייבט איר?

— פון צייט צו צייט אין „אידישער קעמפער״.

זיי האָבן ניט געפרעגט וואָס פאַר אַ צייטשריפט ס׳איז דער „אידי־שער קעמפער״; זיי האָבן געוואוסט.

כאָטש זיי האָבן געהאַט נאָר איין עקזעמפּלאַר פון אָשר שוואַרצ־מאַנ׳ס לידער־און־בריוו־זאַמלונג (וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַ אידישער דיכטערין אין מאָסקווע), האָט ווערגעליס מיר געשענקט דאָס בוך מיט דער צושריפט „׳אין נאָמען פון אַווטאָר׳ — פון זיין רעדאַק־טאָר — אַ מאַטאָנע דעם פריינט...״ זיי האָבן געוואָלט אַז כ׳זאָל דאָס בוך מיטנעמען און כ׳האָב בכלל געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי ווילן אַז מען זאָל וועגן זיי וויסן אין דער אידישער וועלט.

אין קעגנזאַץ צו מיינע שמועסן מיט סתם מענטשן (אידן און ניט־אידן) האָבן מיר אויסגעמיטן פּאָליטישע ענינים (אויסער וואָס זיי האָבן פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ לויב־וואָרט וועגן דער באַ־ציאונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג צו שרייבער און קינסטלער בכלל). מיר האָבן גערעדט וועגן אידישע אויסגאַבעס אין ניו־יאָרק, אָבער בעיקר וועגן צייטונגען. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז די

מערסטע פון זיי זיינען אינגערע מענטשן, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און די ווערק פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור — אויסער די קלאַסיקער און די סאַמע באַרימטע — זיי־נען זיי מסתמא אומבאַקאַנט. זיי האָבן מיך געפרעגט וועגן מיין שריי־בערישער אַרבעט און מיך געבעטן צושיקן מיינע ביכער (כ׳שטעל זיך פאָר, אַז עס האָט ניט צו טאָן מיט מיר פּערזענלעך, נאָר אַז זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט אידישער שרייבערישער טעטיקייט אין מערב־און וואָלטן אפשר געוואָלט באַקומען די ווערק פון די אינגערע אי־דישע שרייבער אין אויסלאַנד). ווי ס׳איז ביי זיי דער מנהג, האָבן זיי אויך געוואָלט פאָרלייענען אַ פראַגמענט פון מיינע שריפטן, אָבער איך האָב ניט געהאַט ביי זיך קיין שום בוך פון מיינע ביכער. נ. אויסלענדער האָט דערמאָנט די צייטן, ווען אידישע שרייבער פון איי־ראָפּע און אַמעריקע, ווי שלום אַש און אָפּאַטאָשו, האָבן באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין מיטן שמועס האָב איך דורך־אַגב דערציילט, אַז מיינער אַ זייער נאָענטער מענטש אין ניו־יאָרק איז לעצטנס, בעת מיין רייזע, קראַנק געוואָרן, און אַז ס׳איז אַ סברה, אַז אַ מעדיצין פאַר דער קראַנקייט קען מען באַקומען נאָר אין סאָוועטנפאַרבאַנד. זיי האָבן אַרויס־געוויזן אַ וואַרימע פאַראינטערעסירונג — און ניט בלויז ווייל זיי האָבן זיך געפילט שטאָלץ אין זייער סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, נאָר אויך סתם מענטשלעך. זיי זיינען געווען גרייט מיר צו העלפן (אין די לעגאַלע ראַמען, פאַרשטייט זיך). דער ליטעראַטור־קריטיקער נ. אויס־לענדער, וועלכער איז געווען אַ דאָקטאָר אין דער צייט פון בירגער־קריג — ער איז שוין איצט אין די זיבעציקער — האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט זיך נאָכפרעגן ביי זיינעם אַ באַקאַנטן, אַ פּראָפעסאָר, וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ מעדיצין. אַזויווי כ׳האָב גאָר אינגיכן געדאַרפט אַוועקפאָרן, האָט ווערגעליס געזאָגט, אַז אויב ס׳וועט נאָר זיין דערלויבט, וואָלטן זיי מיר אַרויסגעשיקט די מעדיצין מיט לופט־פּאָסט קיין אַמעריקע. בעת מיר האָבן גערעדט, האָט מ. לעוו, דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר, עטלעכע מאָל טעלעפאָנירט. ס׳האָט זיך דער־נאָך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט פּרובירט זיך צו פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט זיין פרוי, וועלכע איז אַ דאָקטאָרשע, כדי זיך נאָכצופרעגן וועגן דער מעדיצין, וואָס כ׳האָב דערמאָנט (כ׳האָב שפּעטער געהערט, אין וואַרשע, אַז לעוו און דאָבין זיינען געווען פּאַרטיזאַנען אין דער צייט פון דעם דייטשן איבערפאַל אויף דעם סאָוועטנפאַרבאַנד).

אָט־דער ענין האָט זיכער גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט ליטעראַטור

און מיט אַ טרעפונג צווישן שרייבער, אָבער ווי וואָלט י. ל. פרץ געזאָגט: „אויב ניט נאָך העכער...״

אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך באַמערקט:

— אַ מאָדנע זאַך: אַט פאַר איך צופעליק אויף אַ באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, פּונקט דעמאָלט ווערט קראַנק מיינער אַ נאָענטער מענטש, און אַט ווייזט זיך אַרויס, אַז גראָד אין סאָוועטנפאַרבאַנד קען מען באַקומען די געהעריקע רפואה. איך זאָג אייך: כ׳וועל אָנהויבן גלויבן אין גאָט!

די ווערטער האָבן אַוודאי אָפּגעקלונגען היפּשלעך מאָדנע אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, אויפן 5טן גאָרן פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״. אַ ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן. דאַן האָט זיך איינער פון זיי אָפּגערופן און האָט שטיל געזאָגט:

— אויב אַזוי, וואָלט איר דאָך גאָר געדאַרפט אָנהויבן גלויבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד — — —

כ׳וואָלט געקענט ענטפערן: נו, און ווער האָט געשאַפן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד? לענין! און ווער האָט באַשאַפן לענינ׳ען? און אַזוי ביז אָדם הראשון און ביז צום רבונו של עולם; ס׳וואָלט אָבער פאַרנומען צו לאַנג, און אויסערדעם: כ׳האַלט אַז גלויבן אין גאָט, בפרט אין אַ פערזענלעכן גאָט (השגחה פּרטית), איז אַ ריין פערזענלעכער ענין.

* * *

ווען כ׳טראַכט וועגן אָט־דער קליינער גרופּע אין דער גרויסער מאָסקווע, פיל איך צו זיי אַ מאָדנע פריינטשאַפט — אַן אומעטיקע פריינטשאַפט (אויב די ווערטער האָבן אַ זינען). יעדער שרייבער איז איינזאַם און זיי זיינען מסתמא נאָך איינזאַמער.

אַלע מיינע איינדרוקן וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד האָב איך געשריבן ספּאָנטאַן, אָן קווענקלענישן און ישוב־הדעת׳ן, אָבער שרייבנדיק וועגן די דאָרטיקע אידישע שרייבער, האָב איך געוואויגן און געמאָסטן יעדער וואָרט, יעדן אויסדרוק. כ׳וואָלט זיי ניט געוואָלט ווי טאָן (דורך וואַרפן שטיינער) און אַוודאי וואָלט איך זיי ניט געוואָלט פאַראורזאַכן קיין שאָדן. זיי נויטיקן זיך אין אָנערקענונג, פריינטשאַפט, אַ גוט וואָרט פון דער אידישער וועלט.

אויב מיר מיינען אויפריכטיק מיט דער פאָדערונג פון אידיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד, דאַרף אונז קלאָר זיין, אַז: קיין אַנדערע צייטשריפט (ס׳הייסט מיט אַנדערע אידייען) קען דאָרט איצט ניט דערשיינען, און קיין אַנדערע שרייבער (מיט אַן אַנדער איינשטעלונג) קע־

נען דאָרט ניט פאַרעפנטלעכן. עפּעס אַנדערש איז אַ אידישער שריי־בער, אַ קאָמוניסט, אין אַמעריקע, און גאָר עפּעס אַנדערש איז אַ אידי־שער שרייבער, אַ קאָמוניסט, אין סאָוועטנפאַרבאַנד; וואָרים דאָרט זיינען קיין אַנדערע שרייבער ניטאָ, אין קיין שום שפּראַך ניט. איז אויב מיר ווילן אידיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן מיר בלויז איין ברירה.

פון דער אַנדער זייט דאַרף אונז קלאָר זיין, אַז די צייטשריפט — אויף וויפל זי וועט זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטישע ענינים — וועט ניט בלויז שטיצן די סאָוועטישע ליניע בנוגע איבערקערענשן און רע־וואָלוציעס און סתם קאָנפליקטן צווישן מזרח און מערב; זי וועט אויך, צום ביישפּיל, (מוזן) שטיצן דעם רעאַקציאָנערן דיקטאַטאָר נאַסער קעגן דער דעמאָקראַטישער מדינת־ישראל — אפילו ווען אין איר שפּיץ זאָל שטיין אַ לינק־אָריענטירטע מפּ״ם־רעגירונג (אַזוי לאַנג ווי דער סאָוועטנפאַרבאַנד וועט האַלטן פאַר נויטיק צו שטיצן נאַסערן); און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שונא־ישראל עס קען איר אַמאָל אויסקו־מען צו שטיצן, בלויז ווייל די סאָוועטישע מושלים ווען האַלטן, אַז אָט־דער רעאַקציאָנער איז זיי נויטיק אין געגעבענעם מאָמענט אין זייער גערעאַנגל קעגן מערב?

איז אין דער סאָוועטישער פּאָליטיק — ווי טיף עס זאָל אונז ניט שאָקירן — איז עס די ליניע פון „גלאָבאַלער סטראַטעגיע און טאַקטיק״; אָבער אין אַ צייטשריפט פאַר אידן, מיט אידישע אותיות, וועט עס אויסזען ווי אַ פאַרזעעניש און אַ שרעקלעכער קאָשמאַר. אפשר וועלן די מערב׳דיקע קעמפער פאַר אידיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיך דאַן זאָגן: צו וואָס האָבן מיר עס באַדאַרפט?

* * *

די אידישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז תמיד, אפילו אין איר גלאַנץ־פּעריאָדע, געווען אָפּגעריסן פון דער אידישער ווירקלעכקייט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. פון די מעטער־לאַנגע (מען וואָלט אפשר געקענט זאָגן: קילאָמעטער־לאַנגע) לידער און פּאָעמען (ס׳הייסט, ווען מען שטעלט זיי אַוועק לעבן־אַדער איבער־אַנאַנדער) איז דאָך שוין אָפּגע־רעדט; אָבער אויך די פּראָזע־ווערק האָבן לחלוטין ניט אָפּגעשפּיגלט די דאָרטיקע רעאַליטעט אין וועלכער ס׳איז דימענסיע. איר וואָלט זיך געקענט אָנלייענען ווי אַ פּויק מיט סאָוועטיש־אידישע דערציילונגען און ראָמאַנען, און איר וואָלט לחלוטין ניט געוואוסט ווי אַ איד לעבט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי עס זעט־אויס זיין דירה, וואָס ער עסט, ווי ער איז אָנגעטאָן, וואָס ער טראַכט, וואָס עס דריקט אים אויף דער נשמה, זיינע מנהגים און זיין לעבנס־שטייגער, זיין אופן רעדן, זיינע

טרוימען, האָפענונגען און ראַנגלענישן. די ווערק האָבן אָפּגעשפּיגלט פּראָבלעמען פון דער פּאָליטגראַמאַטע, אָבער ניט פון לעבעדיקע מענטשן (אַן אויסנאַם זיינען געווען קולבאַק׳ס „זעלמעניאַנער" און אפשר נאָך עטלעכע קורצע דערציילונגען. מיר האָבן דאָ אין זינען די אַקטועלע פּראָזע־ווערק און ניט די „היסטאָרישע", וואָס האָבן געשילדערט דאָס אידישע לעבן אין רוסלאַנד פאַר דער רעוואָלוציע, ווי „משפחה משביר" א. אַ.).

פּראָזע־ווערק מוזן ניט זיין פשוט רעאַליסטיש. פאַרקערט, דער סימפּליציסטישער רעאַליזם איז אויסגעשטעלט דער געפאַר פון פלאַכקייט און וואולגאַריטעט (ווי מיר זעען עס אין דער שילדערונג פון אידישן לעבן אין אַ ריי ווערק פון אַנגלאָ־אידישע שרייבער אין אַמעריקע); אפילו דער רעאַליסט איז מחויב צו אַנטפּלעקן דאָס טרוים־האָפטע און של־מעלה׳דיקע פון אונטער דער שאָלעכץ — וואָס איז כמעט ניט אַנזעבאַר אין דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט. פּראָזע־ווערק קענען אויך איבערגעבן בלויז די עסענץ פון די פּראָבלעמען און שייכות׳ן פון דער ווירקלעכקייט (ווי ביי קאַפקאַ, צום ביישפּיל — אויב מיר זאָלן נעמען אַ צווייטן עקסטרעם). אָבער אויף אַט־דעם וועג איז די סאָוועטיש־אידישע ליטעראַטור זיכער ניט געגאַנגען (און האָט ניט געקענט גיין). ווען זי וואָלט כאָטש אַ קליין ביסל אָפּגעשפּיגלט די ווירקלעכקייט, וואָלט מען אין איר געפונען כאָטש אַ רמז אויף די כמאַרעס, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף דעם אידישן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד — אַ רמז אויף דעם טראַגישן גורל, וואָס האָט גע־לויערט אויף די שרייבער גופא.

ס׳איז זיכער ניט געווען די שולד פון די שרייבער; ס׳איז געווען זייער טראַגעדיע, ווי קינסטלער, אפילו אין די גוטע צייטן (כאָטש דער אָדער יענער יחיד האָט אפשר דערפון געמאַכט אַ קרדום לחפּור בו, פשוטו כמשמעו: אַ האַק צום האַקן קעפּ און צו באַגראָבן). ס׳איז גע־ווען דער אויסדרוק פון דער „ליניע" אין אַלע ליטעראַטורן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער בעת פון די רוסישע קאָלעקטיוויזאַציע־ראָמאַנען, ווי ביי שאָלאָכאָוו׳ן, האָבן — טראָץ דער ליניע־טרייהייט — אַרויסגעקוקט דאָס פּנים און דער שטייגער פונעם רוסישן מוזשיק אין זיין איבערגאַנג צום קאָלכאָזניק, זיינען די ממשות׳דיקע פּראָבלעמען פונעם איבערברוך און איבערבוי אין אידישן לעבן געווען „טאַבו", אומבאַרירבאַר, פאַר זיך גופא. אידישע שרייבער האָבן נאָך דערצו אפשר געמוזט זיין פאָרזיכטיקער ווי אַנדערע.

אויך אין דער נאָענטער צוקונפט וועט עס זיכער אַזוי זיין. ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן די עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס כ׳האָב

באַגעגנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד און די פּראָבלעמען, וועגן וועלכע כ׳האָב געהערט, ווייס איך אַז זיי וועלן דערוויילע ניט געפינען זייער תיקון אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס וועט דאָרט האָפנטלעך פונדאַסנײַ אויפקומען. דאַביי זיינען עס ניט געווען קיין יוצא־דופן׳דיקע מענטשן, נאָר כאַראַקטעריסטישע טיפּן, און די פּראָבלעמען האָבן ממש אויסגעשריען פון דער ווירקלעכקייט; אפילו אַ גאַסט אויף אַ וויַיל האָט זיי געקענט אויפכאַפּן, הגם אפשר בלויז אויבערפלעכלעך.

אָבער די צוקונפט פון דער דאָרטיקער אידישער ליטעראַטור דאַרף באַטראַכט ווערן פון אַ גאַנץ אַנדער פּערספּעקטיוו.

* * *

ס׳רוב שרייבער און וואָרטזאָגער, וואָס זעען־פאָר אַ שנעלן אונ־טערגאַנג (דורך אַסימילאַציע און פאַרמישונג) פונעם אידישן ישוב אין סאָוועטנפאַרבאַנד, באַטראַכטן אים פון אַ דערשטוינענדיק שמאָלער פּערספּעקטיוו — לויט אַ צייט־אָפּשניט פון עטלעכע צענדליק יאָר. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ ענגער האָריזאָנט?

אונזערע זיידעס, וואָס זיינען ניט געווען קיין פילאָזאָפן אָדער סאָציאָלאָגן, נאָר קליינשטעטלדיקע אידן, האָבן געמאָסטן צייט־שייכות׳ן מיט דער מאָס פון חיי־עולם און חיי־שעה. אָט־די באַגריפן זיינען גע־ווען ממשות׳דיקע מאָסשטאַבן פון זייער דענקען, וויל זיי זיינען גע־ווען זיכער אין השארת־הנפש. אפילו אַ פּראָסטער איד האָט געוואוסט, אַז זיין נשמה וועט לעבן אין הימל, איה״ש אין גן־עדן, ביז משיח וועט קומען — און דעמאָלט וועט ער ערשט אויפשטיין תחיית־המתים.

מיר, ווידער, האָבן טאַקע אָנגעפילט אונזערע בייכער מיט היס־טאָריע און מיר וויסן, אַז צייט איז אומענדלעך (אָדער זי עקזיסטירט בכלל ניט); אָבער אַזוי ווי מיר גלויבן ניט אין השארת־הנפש, האָבן מיר ווילנדיק־ניט־ווילנדיק אָנגעהויבן מעסטן דערשיינונגען מיט דער צייט־מאָס פון אונזער אייגענעם „איך״ — ס׳הייסט מיט דער מאָס פון אַן אינזעקט וואָס לעבט אַ מעת־לעת, בערך.

צא ולמד: ערשט מיט פופציק יאָר צוריק איז דאָס רוסישע אידנ־טום געווען דער צענטער פון ציוניזם, פון אידישער פילאַנטראָפּיע, פאָרשונג, אַרבעטער־באַוועגונג, אידישער און העברעאישער ליטעראַ־טור א. אַ. פון אַ ווייטער דיסטאַנץ, אין דער צוקונפט, וועט מען אפשר באַטראַכטן די אַנטוויקלונג פון דאָרטיקן אידישן ישוב לויט אַ צייט־אָפּשניט, וואָס איז פיל גרעסער ווי פינף אָדער צען צענדליק יאָר. און ווער ווייסט ווי עניינים וועלן אויסזען אין 50 יאָר אַרום?

אַ יונגערמאַן פון ערגיץ־וואו

— איר האַלט ניט, אַז ס׳איז איצט אַביסל פרייער?
— אונטער דעם ׳חית׳?
— יאָ.
— נו, יאָ, מען אָטעמט אַביסל פרייער ווי אונטער דעם ׳מאַן מיט דער וואָנצע׳; ס׳איז אָבער פאַראַן אַן אויג וואָס זעט און אַ האַנט וואָס שרייבט.
— — — — — — — — — — — —
— ס׳וועט אַמאָל קומען די גאולה?
— איר דאַרפט זיין פּאָרזיכטיק... ס׳איז דאָ היינט געקומען אַ דעלעגאַציע פון ניו־יאָרק... אידן, אָבער...
— קופּ׳ן?

די ציטירטע שטיקלעך דיאַלאָג זיינען ניט קיין סתרי־תורה אָדער גימטריאות; דאָס זיינען פראַגמענטן פון אַ שמועס מיט אַן אומבאַקאַנטן — מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט זיך צוגעזעצט צו מיין טיש׳ל אין אַ רעסטאָראַן, אין איינעם פון די גרויסע האָטעלן פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט. כ׳האָב זיי צונויפגעשטעלט צוזאַמען צוליב זייער נוסח. ס׳איז געווען אָוונט און דער זאַל איז געווען באַזעצט מיט אַ פילפאַרביקן עולם. מיר האָבן אין אָנהויב גערעדט טיילוויז בלשון רמז: צוליב דעם אַרומיקן פּובליקום, צוליב אינערלעכער אומזיכערקייט און ווייל ס׳האָט זיך סתם געפּאַסט צום רומל.

צוערשט זיינען ביים טיש׳ל געזעסן אַנדערע שכנים: קאַזאַכן, דאַכט זיך. פאַרוואָס עפּעס קאַזאַכן? ווייל כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון זייער לשון. און קיין קאַלמיקן זיינען זיי זיכער ניט געווען, וואָרים קאַלמיקן זיינען קליינוויקסיקע, און מיינע דריי שכנים זיינען געווען געשטאַלטנע, אָפּגעברוינטע חברה־לייט. זיי האָבן געלעפּלט פון גרויסע טעלערס באָרשטש און פאַרביסן מיט ראַזעווון ברויט, און איידער כ׳האָב

זיך אַרומגעזען איז דער אָנגעטורעמטער פּאַלומיסעק מיט ברויט נעלם געוואָרן פֿון טיש — ווי ניט געוואָרן.

כ׳האָב געטראַכט: קאַזאַכן, נעבעך, מוזן נעבעך אויסקומען מיט באָרשטש און שוואַרצן ברויט. ווייס איך וואָס! באַלד האָט זיי דער קעלנער דערלאַנגט פֿיינע פּאַרציעס שאַשליק (שישקע־באַב אויף אַ שפּיז). בין מאכל למאכל האָבן זיי זיך ספּראַוועט מיט היפּשן סלאַיק שוואַרצן קאַוויאַר, וואָס זיי האָבן געשמירט געדיכט אויפֿן ברויט. און נאָכן שאַשליק האָבן זיי זיך ערשט אַ נעם געטאָן צו אַ זיסער אָריענטאַלישער שפּייז, וואָס האָט אויסגעזען ווי האָניק־טייגלעך, אַ מין צפּיחית בדבש.

איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן זיין זייער חשוב׳ע לייט: וואָזשנע שישקעס אין דער פּאַרטיי, רעגירונגס־לייט אפשר? וואָרים אַ פּשוט׳ער קאַזאַך וואָלט געדאַרפֿט אויסגעבן דעם לוין פֿון עטלעכע טעג אַרבעט פֿאַר אַזאַ וויעטשערע, און ס׳וואָלט ערשט ניט געקלעקט. כ׳האָב זיך מתקנא געווען אין זייער באָרשטש — אַ „באָרשטש פּאַ מאָס־קיעווסקו״, מיט מאַרך־ביינער, אַרומשווימענדיקע שטיקלעך פֿלייש און אַלערליי שאַר־ירקות, וואָס אַפֿילו אין די קעטסקילס קענט איר אַזאַ ניט באַקומען. ס׳האָט אָבער געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז דער קעלנער האָט מיר געבראַכט דעם באַשטעלטן מאכל. אין אַ בעסערן סאָוועטישן רעסטאָראַן ווערט דאָס עסן סערווירט פּאַמעלעך, געלאַסן, לויטן רוסישן סטיל פֿון די אַמאָליקע גוטע צייטן.

דער פּשוט׳ער עולם עסט אין אַ „סטאָלאָוואַיאַ״, וואו די מעבל און די כלים זײַנען נאָך אַלץ פּרימיטיוו, און דאָס עסן — זייער באַשיידן. די בעסערע רעסטאָראַנען געפֿינען זיך כמעט אַלע אין די גרויסע האָטעלן. מען גייט אַהין פֿאַרברענגען אַן אָוונט: 2־3 שעה, און מער. די געסט, אויך די אָרטיקע, זײַנען גאַנץ גוט אָנגעטאָן, און מען זעט טיילמאָל אַ יונגע פֿרוי אין אַן אָוונט־קלייד, מיט אַ גרויסן דעקאָלטע אויפֿן רוקן און (דערווײַלע) ווייניק געשמאַק. עס שפּילט אַן אָרקעסטער (עס פֿעלן נאָר די ציגיינער־קאַפּעלעס).

דאָרט וואו מען האַלט־אַן אַ בורזשויסקן סטיל, פּירט מען זיך נאָך בירגערלעכער ווי ביי געוויינלעכע קאַפּיטאַליסטן — פּריציש כמעט. מען טוט אייך אָן דעם מאַנטל און מען עפֿנט פֿאַר אייך די טיר. אַז איר גיט טרינק־געלט — נעמט מען. אין האָטעל „יעווראָפּאַ״, אין לענינגראַד — ניט ווייט פֿון ווינטער־פּאַלאַץ — זיצט אַפֿילו ביי דער טיר פֿון רעסטאָראַן אַן אַלטער בכבוד׳יקער פּאַרטיע אין אַ „ליווריע״ (מיט זילבערנע קנעפּ), מיט אַ ווייסער, שפּיציקער באָרד און אַ הדרת־פּנים פֿון אַן אַריסטאָקראַטישן לאַקיי. ער זיצט און שווייגט זייער ערנסט.

ווען איך בין דאָרט איינגעשטאַנען, עטלעכע טעג פריער, איז דאָרט פּונקט אָנגעקומען אַ פּאַרטיע טוריסטן פון דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, אידן פון עלטערן דור, מערסטנס ווייבער (אַלטע אידענעס, וואָס זיינען אַמאָל געווען יונגע קאָמוניסטקעס, און סתם פרויען, וואָס זיינען געקומען זיך זען מיט משפחה — שוין 54 יאָר זיך ניט געזען!! — אין מינסק און קיעוו). דער הדרת־פּנים׳דיקער פּאַרטיע האָט שוויגנדיק געקוקט אויף זיי, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער שאָקלט מיט דער ווייסער, פאַרשפּיצער באָרד, ווי איינער זאָגט:

„אויך מיר קאַפּיטאַליסטן, מישטיינס געזאָגט!... ביי אונז, אין רוסלאַנד... אַמאַליקע יאָרן...“

פּונקט ווען כ׳האָב פאַרענדיקט דעם באָרשטש, זיינען די קאַזאַכן אַוועק. אַ יונגערמאַן האָט אַריבערגעטראָטן דעם שטול און זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט. ער האָט זיך צוגעזעצט ביי מיין טיש. כ׳האָב אים אָנגעבאָטן אַן אַמעריקאַנער סיגאַרעט, און ס׳איז געקומען צו רייד, אַז איך בין אַ טוריסט פון אַמעריקע. ער האָט באַדויערט, וואָס ער רעדט ניט קיין ענגליש; ער רעדט אָבער דייטש — האָט ער געזאָגט — ער האָט פאַרן קריג געענדיקט אַ דייטשע גימנאַזיע אין לעמבערג. מיר האָבן גערעדט דייטש און איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳בין אַ איד (ער האָט עס שוין מסתמא סיי־ווי געוואוסט) און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אויך אַ איד (כ׳האָב זיך אויך אָנגעשטויסן), און מיר האָבן אַריינגעוואָרפן אַלץ מער און מער אידישע ווערטלעך אין אונזער דייטש, און באַלד האָבן מיר שוין גערעדט פשוט מאַמע־לשון, און ווען ער האָט שפּעטער אַ זאָג געטאָן: „ס׳איז פאַראַן אַן אויג וואָס זעט, און אַ האַנט וואָס שרייבט“, האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן מיט אַ מאמר פון פרק אויף לשון־קודש:

„והפנקס פתוח והיד כותבת“ (און דאָס ביכל איז אָפן, און די האַנט שרייבט).

„ומצודה פרושה על כל־החיים... והכל מתוקן לסעודה“ (און אַ פאַסטקע איז אויסגעשפּרייט פאַר אַלע לעבעדיקע... און אַלץ איז גרייט פאַר אַ סעודה) — האָט ער ציטירט דעם סוף פון מאמר און אָנגעוויזן אויף די אַרומיקע טישלעך. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער רעדט אַ מאָדערנעם העבּרעאיש; אין גערויש פון די אַרומיקע שמועסן, אונטער די קלאַנגען פון מוזיק (דער אָרקעסטער האָט דערווײַלע אָנגעהויבן שפּילן) האָבן מיר אין סאַמע מיטן פון אַ סאָוועטישן רעסטאָראַן אַ ווײַלע גערעדט לשון־קודש.

— פון וואַנען קענט איר העברעאיש?

— פון דערהיים נאָך, פון פאַר דער מלחמה.

— און זינט דעמאָלט ? איר רעדט אַמאָל העברעאיש ?
— זעלטן, ביי אַ געלעגנהייט אַמאָל. אַפילו אין סיביר האָט מען טיילמאָל גערעדט אַ העברעאיש וואָרט.
— איר זיינט געווען אין סיביר ?
— צען יאָר.
— ווי אַ ביעזשעניעץ פון פוילן ?
— ניין, נאָך דער מלחמה שוין, ווי אַ סאָוועטישער.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַמאָליקער מזרח־גאַליציע, וואָס איז אין אָנהויב פון קריג באַזעצט געוואָרן דורך די סאָוועטן. ער איז נאָך דאַן געווען זייער יונג און איז אַוועקגעפאָרן שטודירן אין אַ גרויסער שטאָט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו ער האָט באַקומען אַ דיפּלאָם ווי אַ ביאָ־כעמיקער. נאָך דעם קריג האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. מען האָט אים גע׳מסר׳ט, אַז ער געהערט צו אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע — און מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר, וואו ער איז אָפּ־געזעסן צען יאָר אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

— אַוועקגע׳פּטר׳ט אַ לעבן — האָט ער צוגעגעבן מיט אומעט — וואָס מיינט איר, עס וועט נאָך אַמאָל קומען די גאולה ?
— פון וואַנעט נעמען זיי געלט צום עסן אין אַזאַ רעסטאָראַן ?
— האָב איך אָנגעוויזן אויפן עולם ביי די אַרומיקע טישלעך.
— כ׳ווייס ? . . . מען גנב׳עט !
— אַלע גנב׳ענען ?
— נישט אַלע, ס׳הייסט כמעט . . . פאַראַן מענטשן וואָס באַקומען הע־כערע לוינען : ספּעציאַליסטן, וויסנשאַפטלער, פאַרשער, דירעקטאָרן אין דער אינדוסטריע, מיליטער־לייט מיט הויכע ראַנגען. אָבער דער דורכ־שניט־מענטש, אויב ער וויל עפּעס מער ווי דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט, מוז ער לקח׳ענען.

מיר זיינען שוין געבליבן דעם גאַנצן אָוונט צוזאַמען — צוערשט אין רעסטאָראַן און דאַן אויף אַ לאַנגען שפּאַציר איבער דער שטאָט. פון דער גאָרקי־גאַס האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַן אונטערער־דישן טונעל, וואָס האָט געפירט ביז נאָענט צום „רויטן פּלאַץ״. מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט אין אַ שטילער אַלייע, וואָס ציט זיך אַרום דעם קרעמלין־היגל. אין אַ האַלב־קרייז, איבער דעם שיפּוע, האָבן זיך געהויבן די אַלטע „באַשניעס״ — די וואַך־טורעמס, וואָס די אַמאָליקע הערשער האָבן אויסגעבויט אַרום זייער פעסטונג. אַביסל העכער האָט זיך געשאָטנט דער „דוואָריעץ״ — דער פּאַלאַץ פון די צאַרן, וואו סטאַלין האָט געהערשעוועט אין משך פון לאַנגע יאָרן.

— ווי איז עס געווען אין סיביר? טאַקע אַזוי שרעקלעך ווי מען דערציילט?

— נישקשה. מיר האָבן געהאַקט וועלדער און געבויט אַן אייזנבאַן. מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן, פון קעלט און פון הונגער. אונטער יעדער בעלקע האָט מען באַגראָבן אַ מענטשן.

— אונטער יעדער בעלקע? — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אָה, זיינט איר נאַאיוו! נישט פּינקטלעך אונטער יעדער בעלקע... מיר האָבן נאָר אויסגערעכנט, אַז פאַר יעדער הילצערנער בעלקע, וואָס איז געלייגט געוואָרן צווישן די שינעס, איז אומגעקומען אַ מענטש. באַגראָבן האָט מען וואו ס'האָט זיך געלאָזט.

— איצט וואוינט איר אין מאָסקווע?

— ניין, כ'בין דאָ געקומען נאָר אויף עטלעכע טעג — האָט ער געזאָגט.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון סיביר, האָט ער, ווי אַ געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטאַנט, ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט ביי זיין פאַך. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ שוואַרצער אַרבעטער אין אַ פאַבריק און זיך פּאַמעלעך אַרויפגעאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע. איינער פון די דירעקטאָרן איז געפאָרן קיין מאָסקווע זיך באַמיען וועגן רוי־שטאָפן און האָט אים מיטגענומען ווי אַ ספּעציאַליסט.

— מיר קענען שרייבן צען מאָל און הונדערט מאָל, אַז מיר האָבן ניט קיין רוי־מאַטעריאַל, אָבער ס'העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. מען ענטפערט ניט. שיקט די פאַבריק אַרויס אַ מענטש אויף אַ „קאָמאַנדיראָווקע". מיר זיינען דאָ געגאַנגען צו איין דירעקטאָר און אים געגעבן אַ „צוקערקע", דעם צווייטן האָבן מיר געזאָגט אַ גוט וואָרט און... מיר האָבן באַקומען רוי־מאַטעריאַל.

— און ווען איר האָט ניט קיין רוי־מאַטעריאַל, שטייט די פאַבריק?

— ניין! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — די פאַבריק מוז סיי־ווי אַרבעטן, שטענדיק... ביי אונז אַרבעטן אַלע פאַבריקן שטענדיק.

ער איז שוין עטלעכע מאָל געפאָרן אויף אַזעלכע „קאָמאַנדיראָווקעס", אַמאָל מיט אַ דירעקטאָר און טיילמאָל אַליין. זיין פּרעסטיזש איז געשטיגן, אויך זיין לוין איז פאַר דער צייט געהעכערט געוואָרן. די פאַבריק אַרבעט טאַקע סיי־ווי, ס'איז אָבער אָנגענעמער ווען זי אַרבעט מיט רוי־מאַטעריאַלן איידער גלאַט־אַזוי.

— איז גייט דאָך אייך ניט שלעכט! — האָב איך געזאָגט — איר אַרבעט, איר פֿאַרדינט, איר האָט אַ פֿרוי, קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין.

ער האָט זיך אָבער געפֿילט ווי אין אַ פֿאַסטקע: אָפּגעריסן פֿון דער וועלט, דערשראָקן, אומזיכער. אפֿשר זיינען אים אויך די סיבירער יאָרן געלעגן אין די ביינער? און ער האָט אויך ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דער פֿרייהייט פֿון דעם „נייעם קורס".

— אַוודאי אָטעמט מען אַצינד פֿרייער ווי אונטער דעם „מאַן מיט דער וואָנצע" — האָט ער געזאָגט — אָבער מען האַלט אַן אויג אויף יעדן איינעם. עס ווערט געגנבֿעט פֿאַרשריבן וואָס איר זאָגט און וואָס איר טראַכט, און טאָמער מאַכט זיך אַ שטיקל בהלה, איז היידאַ, מען וועט שיקן צוריק אין סיביר! אָט האָט זיך געמאַכט דער טומל מיט קובאַ, איז שוין מיין פֿרוי געוואָרן אומרואיק. מיר האָבן זיך געשראָקן פֿאַר אַ קלאַפּ אין דער טיר.

— אייער פֿרוי פֿילט זיך דאָ אין לאַנד אַזוי ווי איר?

— ניין, ניט איינגאַנצן. אירע עלטערן, אין אַמאָליקן פּוילן, זיינען געוועזן זייער רייך, און זי איז געוועזן, ווי אַ סך אידישע באַלעבאַטישע טעכטער, אַן אַקטיווע קאָמוניסטקע. אַוודאי איז זי איצט אַנטוישט, אָבער פֿון דער אַנדער זייט... זי דערמאָנט זיך אין דעם דינסטמיידל אין זייער גבֿירישן הויז: אַן אָרים באַשעפֿעניש, האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן, געאַרבעט פֿון באַגינען ביז ביינאַכט, אַן אויס־זיכטן, אַן אַ צוקונפֿט. איצט, זאָגט זי, לעבן אַלע אָרים, אָבער מיט דער צייט וועט אפֿשר בעסער ווערן.

— דער עולם רעדט איצט פֿרייער, כ׳מיין צווישן זיך?

— אין אַלגעמיין הערט מען דאָ און דאָרט אַ פֿרייע מיינונג, אָבער אַז די שטימען וועלן ווערן העכער, וועט מען מסתמא ווידער צוקוועטשן מיטן שטיוול. די אויפֿדעקונג פֿון סטאַלינס מעשׂים, האָט אַביסל צע־עפֿנט די מיילער, אָבער כרושטשעוו האָט שוין דערקלערט: „מיר וועלן ניט אָפּגעבן סטאַלינען צו די פֿיינט..." אויף מיין וועג אַהערצו בין איך צופֿעליק געפֿאָרן אין באַן צוזאַמען מיט אַ פּאַרוואַלטער פֿון אַן אָפּטיילונג אין אַ פֿאַבריק, ס׳הייסט אַ מער אינטעליגענטער מענטש. ער האָט געלייענט אַ ציטונג. מיטאַמאָל האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ: „גיט נאָר אַ קוק!" — האָט ער געזאָגט — „זיי שרייבן וועגן דעם אייכמאַן־פּראָצעס. אָבער איזראַעיל איז דאָך אַ פֿאַשיסטיש לאַנד, טאָ ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ פֿאַשיסטיש לאַנד זאָל משפּט׳ן אַ פֿאַשיסט?"
ס׳איז אויך מיטגעפֿאָרן מיט אונז אַ זשורנאַליסטקע פֿון דער פּראָווינץ, אַן עלטערע פֿרוי. זי, דאַקעגן, האָט זיך באַקלאָגט, הלמאי די סאָווע־

טישע צייטונגען דערציילן וועגן יעטווידער אַעראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע אין אויסלאַנד, אָבער אַז עס זיינען לעצטנס אומגעקומען פיל הונדער־טער מענטשן בעת אַ דאַמבע־אויפריים אין קיעוו, האָבן אונזערע צייטונ־גען עס ניט דערמאָנט אַפילו מיט קיין איין וואָרט. אַמאָליקע יאָרן וואָלט זי ניט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע ווערטער פון מויל.

— און ווי האַלט עס מיט אַנטיסעמיטיזם?

— אין סטאַלינס לעצטע יאָרן האָט דער אַנטיסעמיטיזם אָנגע־הויבן בושעווען כמעט אָפן. לעצטנס איז ניטאָ קיין אָפיציעלער אַנטי־סעמיטיזם, אָבער אין געוויסע פּראָפעסיעס ווערט די צאָל אידן סיי־ווי באַגרעניצט. נעמט, צום ביישפּיל, מעדיצין. עס זיינען דערווייליע פאַראַן אַ סך אידישע דאָקטוירים; מען דערוויטערט ניט די אַלטע, אָבער די צאָל אידישע סטודענטן אויף מעדיצין ווערט באַגרעניצט. דאָס זעלביקע אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע. ס'איז ניטאָ קיין געזעץ קעגן אידן, אָבער...

— אָבער וואָס?

— עס פאַרזאַמלען זיך, צום ביישפּיל, דירעקטאָרן פון פאַבריקן אין אַ געוויסן ראַיאָן. מען רעדט אַרום אַלערליי עקאָנאָמישע ענינים. דרך־אגב גייט איינער אַ זאָג צו אַ געוויסן דירעקטאָר: „וואָס טוט זיך עס ביי דיר אין פאַבריק? ס'איז דאָך ביי דיר אַ גאַנצע סינאַגאָגע!...“

— אָבער אַזאַ זאַך קען ער דאָך ניט זאָגן גלאַט אַזוי, אויף דער אייגענער האַנט! — האָב איך געזאָגט — ניט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ס'איז דאָך אַ פּאָליטישער ענין. עס מוז דאָך קומען פון אויבן, פון סאַמע אויבן!

דער יונגערמאַן האָט געשוויגן.

— איר ווייסט, אַז מען גייט אַרויסגעבן אַ אידישן זשורנאַל אין מאָסקווע? — האָב איך געזאָגט.

— מיר האָבן עס שוין געהערט הונדערט מאָל.

— דאָסמאָל וועט מען דעם זשורנאַל טאַקע אַרויסגעבן. ער וועט דערשיינען גאָר אינגיכן.

— כ'וועל אים סיי־ווי ניט לייענען.

— פאַרוואָס?

— זיי וועלן שרייבן דאָס זעלביקע וואָס אין דער „פּראַוודאַ“, קען איך דאָך לייענען די „פּראַוודאַ“. מיט וואָס וועט עס זיין אַ אידישער זשורנאַל?

ער האָט מיר דרך־אגב דערציילט, אַז דער געהיים־אַגענט, וואָס

האָט אים אַרעסטירט און שטאַרק געשלאָגן, און האָט עדות געזאָגט קעגן אים אויפן פּראָצעס, ווען מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר — איז געווען אַ איד. דער דאָזיקער פאַקט האָט אפשר באַאיינפלוסט זיין באַציאונג צום זשורנאַל. אין ווייטערדיקן לויף פון שמועס, האָט ער געזאָגט, אַז ווען זיי ווילן לערנען מיט די קינדער אידיש, אין דער שטאָט וואו ער וואוינט, האָבן זיי ניט קיין פּאַסיקע אידישע אותיות. עס פעלט זיי ממש אויס אַן אלף־בית מיט גרויסע בוכשטאַבן, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר קינדער. אַ לוח, דאַקעגן, קען מען באַקומען. פאַראַן עלטערע מענטשן, וואָס שרייבן איבער לוח׳ס מיט דער האַנט, אין מערערע עקזעמפּלאַרן, און פאַרקויפן זיי.

ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך חצות, ווען מיר זיינען צוריקגעגאַנגען איבער דעם „רויטן פּלאַץ״. הויך, איבער אַ טורעם פון „דוואָריעץ״, האָט געוויעט די רויטע פאָן. ביים אַריינגאַנג צום לענין־מאָזאָלעי זיינען געשטאַנען צוויי שוויגנדיקע סאָלדאַטן, ווי סטאַטועס, מיט געווער אין די הענט. דער יונגערמאַן (זיין נאָמען האָב איך ניט געוואוסט און ניט געפרעגט) האָט מיך צוגעפירט צום אויטאָבוס. ער האָט געוואוינט אין אַן אַנדער געגנט פון דער שטאָט: אין אַ קליינער „גאָסטיניצע״, זאַלבעדריט אין אַ צימער.

— איר קומט אָפט דאָרט אין רעסטאָראַן? — האָב איך אים געפרעגט.

— זעלטן. פאַר אַ נאַש־בראַט איז עס צו טייער. ווען כ׳קום אויף אַ „קאָמאַנדיראָווקע״ אין אַ גרויסער שטאָט, כאַפּ איך זיך אַמאָל אַריין אין אַזאַ רעסטאָראַן. מען טרעפט אַמאָל אַ מענטשן, מען הערט וואָס עס טוט זיך אין דער אידישער וועלט, אין ארץ־ישראל, אין דער וועלט בכלל.

— איר וואָלט ניט געוואָלט אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט? וואו עס זיינען פאַראַן מער אידן?

— ס׳רעדט זיך אַזוי! — האָט ער געזאָגט — ביי אונז פאָרט זיך ניט אַזוי לייכט. יעדער מענטש איז ביי אונז רעגיסטרירט אין אַ געוויסער שטאָט אָדער דאָרף. אַז מען וויל זיך אַריבערקלייבן ערגיץ אַנדערש, דאַרף מען באַקומען אַ דערלויבעניש פון נייעם אָרט, און כדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש, מוז מען צוערשט האָבן אַ דירה, און... קיין דירה׳ס זיינען ניטאָ.

— מען איז הייסט עס אַ נכתב, ווי אַמאָל?

— ריכטיק, ביי אונז איז יעדער מענטש אַ נכתב, ס׳איז נישט הפקר פּעטרושקע!

ביים געזעגענען זיך איז ער געוואָרן אומעטיק, ווי איך וואָלט פאַרגעשטעלט אין זיינע אויגן די ווייטע וועלט, וועגן וועלכער ער האָט גע'חלומ'ט. כ'האָב אים געטרייסט:

— זייט זיך ניט מייאש! ס'וועט נאָך זיין גוט. און דערווייילע לעבט איר דאָך, איר אַרבעט, איר פאַרדינט, איר האָט אַ משפחה.

— אָבער די יאָרן לויפן, און דערווייילע גייט אַוועק דאָס לעבן! וואָס מיינט איר, ס'וועט נאָך אַמאָל קומען די גאולה?

* * *

אַזאַ שאַרפע אָפּגעפרעמדקייט האָב איך ניט געפילט ביי די אַנדערע אינגערע אידן, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. כמעט אַלע האָבן זיי געשפּירט, אַז ס'איז דאָרט פאַראַן אַ „אידן־פראַגע". אַ סך פילן זיך דאָרט פונדעסטוועגן ווי ביי זיך אינ־דערהיים; אַנדערע פילן זיך געקריוודעט צוליב זייער אידישקייט; זיי זיינען אָבער אויפגעוואַקסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד און דאָס לעבן אין לאַנד איז פאַר זיי געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך — צופרידן אָדער אומצופרידן: ס'איז געוואָרן זייער לעבן.

דער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן האָט זיך געפילט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה.

ווען מיין רייזע־פירערין האָט מיך געפרעגט, ערב מיין אָפּפאָר, וועגן מיינע איינדרוקן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, האָב איך איר, צווישן אַנדערן, דערציילט, אַז כ'האָב זיך באַגעגנט אויך מיט מענטשן, וואָס זיינען קעגן דעם רעזשים.

— אויסלענדער אָדער סאָוועטישע? — האָט זי געפרעגט.

— סיי אויסלענדער און סיי סאָוועטישע.

— אויך סאָוועטישע? — איז זי געוואָרן אויסער זיך (אָדער זי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז אויסער זיך).

— מערסטנס אויסלענדער — האָב איך זי געטרייסט — אָבער אויך סאָוועטישע.

— אַזעלכע מענטשן וואָלטן ניט געדאַרפט לעבן דאָ אין לאַנד — האָט זי געזאָגט.

— יאָ — האָב איך צוגעשטימט — זיי וואָלטן געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. וואָס פאַרוואָס נוצן קענען זיי דען ברענגען דעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד? און מען מוז צוליב זיי האַלטן אַ פּאָליציי־אַפּאַראַט, וואָס זאָל אויף זיי האַלטן אַן אויג. ס'וואָלט געוואָרן אַמבעסטן ווען זיי פאָרן אַוועק קיין אויסלאַנד. קיין סך אַזעלכע מענטשן זיינען דאָך זיכער ניטאָ. און וואָס פאַרוואָס ראָלע וואָלט עס געשפּילט פאַרן סאָוועטנ־פאַרבאַנד, ווען אַ מיליאָן מענטשן, אַ שטייגער, וואָלטן אַרויסגעפאָרן?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מיר בײדע האָבן מסכים געװען; איצט האָט נאָר געפעלט די הסכמה פון נאָך אײנעם, אַ דריטן... אַז מען טראַכט זיך אַרײַן אין דער זאַך, קומט מען צום אױספיר, אַז אפשר װעט נאָך קומען אַ טאָג, װען ער װעט אױך מסכים זײַן.

אַלערליי באַגעגענישן

דער פּאַרטיי'נער און דער גלגול

ווער קען מיך דאָ רופֿן ביים נאָמען? ביי די אַרומיקע טישלעך האָבן געפּרישטיקט דעלעגאַטן פון כינע און טשילע, פון אונגאַרן און איראַק. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט. ס'איז געווען א״ת ב״ש, אַ אידישער דיכטער פון ניו־יאָרק, וואָס האָט באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אויף זיין וועג קיין מדינת ישראל.

מיר זיינען אַרויס אויף אַ שפּאַציר לעבן האָטעל. די „גאָסטיניצאַ אוקראַאינאַ" הויבט זיך אויף אַ רחבות'דיקן סקווער, וואָס איז באַזוימט מיט ביימער, ביים ראַנד פון טייך מאָסקוואַ. אויף דער אַנדערער זייט פון אַ ברייטן בולוואַר ציען זיך נייע, הויכע אַפּאַרטמענט־הייזער — אַ מאָדערנער קוואַרטאַל פון מאָסקווע. מיר האָבן גערעדט אידיש. פון ערגיץ־וואו איז אויסגעוואַקסן אַ מיטליעריקער שטשופּלער מאַן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אונז. אויף זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ ברייטער שמייכל.

— איר רעדט אידיש? שלום עליכם! איר זיינט אידן... טוריסטן אַוודאי?

— יאָ... עליכם שלום!

— פון וואַנען?

— פון אַמעריקע.

— שלום עליכם! — האָט ער זיך געפרייט מיט אונז — איך בין אַ היגער, אַ סאָוועטישער, אַ מאָסקווער טאַקע. כ'בין פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך געהערט אַז איר רעדט אידיש...

ער האָט גערעדט אַ גוטן אוקראַאינישן אידיש מיט אַ לייכטן רוסישן אַקצענט. אַ טונקעלער, האָט ער אויסגעזען ווי ניט ראַזירט. ער איז געווען שלעכט אָנגעטאָן, אַזוי אַז זיינע אָפּגעטראָגענע מלבושים האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן, און זיין גאַנצע פיזיאָנאָמיע האָט

דערמאָנט אין אַ קליינשטעטלדיקן אידישן שוסטער (אפשר ווייל ביי אונז אין שטעטל איז געווען פונקט איינער אַזאַ, און ער איז געווען אַ שוסטער).

— ווי לעבט זיך אייך דאָ?

— גוט. מיר האָבן אַלץ, מען אַרבעט, מען איז פאַרזאָרגט. כ׳וואוין טאַקע דאָ אַנטקעגן, אין די נייע הייזער. צוויי צימערן מיט אַ קיך. אַלע באַקוועמלעכקייטן. ס׳פעלט אונז קיין זאַך ניט. מיר האָבן אַ ראַדיאָ, אַ טעלעוויזאָר, אַ...

ער האָט געשפּרודלט מיט אָפּטימיזם און האָט אויסגערעכנט נאָך מער ישועות ונחמות. אַז אַ מענטש איז אַזאַ בעל־בטחון, האָב איך ניט קיין האַרץ אים צו רעדן אַנטקעגן. זיך אַריינלאָזן אין אַ דיקוסיע? אַרגומענטירן? ס׳קען אים נאָך, חס־ושלום, פאַרשאַפן עגמת־נפש, האַרץ־ווייטיק. מיין באַגלייטער, דער דיכטער, איז אָבער ניט געווען אַזאַ רודף־שלום׳ניק:

— און וואָס איז מיט אידיש, אַה? — האָט ער שטרענג אַ פרעג געטאָן — אפילו אַ שטיקל אידישע צייטונג איז דאָך ביי אייך פאַרבאָטן!

— אַה, דאָס מיינט איר?... — האָט זיך אונזער איד ניט פאַר־לאָרן און זיך ניט אויפגערעגט — ס׳איז גאָרניט! דאָס איז בלויז צו־ליב דער מעשה מיט דער „פאָסאָלסטוואָ"... ווען די „פאָסאָלסטוואָ" פון איזראַאיל איז אַהערגעקומען, האָבן אונזערע אידן אָנגעמאַכט אַ צו גרויסן טומל, אַ גאַנצע דעמאָנסטראַציע אין די גאַסן. און דאָס קען אונזער רעגירונג ניט דערלויבן. מיר זיינען אָבער פריי און גלייך מיט אַלעמען. אונזער רעגירונג און די פּאַרטיי זאָרגן פאַר אַלץ. איך בין אַ פּאַרטיי׳נער און איך ווייס. מיר קענען רעדן פריי אידיש, און די מאָסקווער סינאַגאָגע איז אָפן, ווער עס וויל קען גיין דאַווענען. איך בין אַ פּאַרטיי׳נער און איך גיי ניט, אָבער אַנדערע גייען. און מיר רעדן אידיש וויפיל ס׳האַרץ געלוסט, און...

ביזע צינגער זאָגן, אַז מען שיקט ספּעציעל אונטער מענטשן, דאָרט וואו עס דרייען זיך אַרום טוריסטן, כדי זיי זאָלן צופעליק דער־ציילן נסים ונפלאות. כ׳ווייס? אפשר. אָבער אונזער איד איז געווען צו־שלעכט אָנגעטאָן פאַר אַזאַ מיסיע. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיך באמת דערפרייט מיט אונז. און אויסערדעם: אַז אַן אומ־באַקאַנטער איד זאָגט מיר שלום־עליכם אויף אַ פרעמדער גאַס, פיל איך זיך ניט בארעכטיקט אים חושד צו זיין. אונזער איד האָט סיי־ווי גערעדט ווי פון סידור:

— אידן זיינען ביי אונז מיט לייטן גלייך: מען אַרבעט ביי אַלע פּראָפעסיעס, די קינדער לערנען. אָט דאָרטן, איר זעט, שטייט אַ אידי־שע פרוי און פאַרקויפט סאָדע־וואַסער, וואַבשטשעם...

אַ ביסל ווײַטער, אויפֿן טראָטואַר, איז געשטאַנען אַ ברייטלעכע פֿרוי אין הויכע קאַמאַשן, מיט אַ פֿאַטשיילקע איבערן קאָפּ, און האָט פֿאַרקויפֿט סעלצער פֿון אַ וועגעלע. אויפֿן ראָג, פֿון דער אַנדערער זייט, לעבן דער „גאָסטיניצאַ אוקראַאינאַ", איז געשטאַנען אַ מיליציאָנער מיט אַ רויטן לאַמפּאַס אַרום היטל. ער האָט ווי אַריבערגעקוקט צו אונדז און זיך געלאָזט גיין מיט געלאַסענע טריט אין אונדזער זייט. אונדזער איד האָט געזאָגט אַ „גוטן טאָג" און איז אַוועק. דער דיכטער (ער איז דורך אגב געווען אַ פֿיזישער אַרבעטער אַלע יאָרן פֿון זיין לעבן) האָט אַ רעד געטאָן מיט מידת־הדין (און אַ ביסל ווי אַ „לועג־לרש"):

— איר׳ט געהערט אַ לשון? אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אַ אידיש וואָרט טאָר מען ניט דרוקן, און עס גייט אים גוט! אַ גדולה אויף זיין קאָפּ!... און ווי־נאָר ער האָט דערזען אַז דער מיליציאָנער גייט, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן...

דער מיליציאָנער איז שטיין געבליבן און זיך אַ וויש געטאָן מיט די פֿינגער איבער די שפּיצן פֿון דער וואָנצע, ווי ער וואָלט זיך עפּעס מיישב געווען. ווער ווייסט, אפשר איז אין אים אַריין אַ גלגול פֿון אַ צאַרסקן אוראַדניק און ער האָט אונדז דערשמעקט פֿון דערווייטנס? דאָס קול פֿון „דיבוק" האָט זיך אפשר צעשריען אין אים:

— זע נאָר, דריי אידן שטייען אינמיטן גאַס און רעדן וועגן „יעווריעסקי וואָפּראָס"... געוואַלד, קראַמאָליאַ!

דער מיליציאָנער האָט זיך פֿאַרקירעוועט און איז אַוועק אויף צוריק. אפשר איז ער גאָרניט ניט אויסן געווען? אפשר האָט ער זיך סתם אַזוי שפּאַצירט אַהין און צוריק. אפשר איז גאָר אין אונדז אַריין אַ גלגול? נאָך אַזויפֿיל יאָרהונדערטער פֿון רדיפֿות, נאָך אַזויפֿיל שבכל־דור־ודור׳ס...

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער ברייטלעכער אידענע ביים וועגעלע, כדי צו דערקוויקן די נשמה מיט אַ גלעזל קאָמוניסטישן סאָדע־וואַסער.

פֿרייע געהיימע וואַלן

דער יונגערמאַן פֿון „ערגיץ־וואו" איז ניט געווען פֿון לעמבערג און ער האָט דאַרט ניט געענדיקט קיין גימנאַזיע.

ס׳איז שוין באַלד ווי די מעשה מיט איינעם אַ אידן, באַרנשטיין, וועלכער האָט געוואָלט אַרויספֿאָרן פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד (אין די צייטן פֿון צאַר) און האָט בשום אופֿן ניט געקראָגן קיין פּאַספּאָרט (אין כל חדש...). וואָס טוט מען? האָט ער געמאַכט אַ פֿאַלשן פּאַס, אונטער אַן אַנדער נאָמען, פֿאַרשטייט זיך. ווען ער איז געקומען צו דער גרע־

ניק, האָט דער איספּראַווניק גענומען דעם פּאַס, אַ קוק געטאָן אויפן פּאַסאַזשיר און אים אַ פרעג געטאָן:

— ווי הייסט איר?

אונזער איד האָט זיך אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם נאָמען, וואָס איז געשטאַנען אין פּאַס. האָט ער געזאָגט:

— כ׳האָב פאַרגעסן!... נאָר איין זאַך געדענק איך אויף זיכער: אַז מיין נאָמען איז ניט בארנשטיין...

איך געדענק אויך נאָר איין זאַך: אַז ער איז בכלל ניט געווען קיין גאַליציאַנער.

כ׳זאָג עס אַנטקעגן דעם וואָס אפשר איז אין יענע טעג צופעליק געקומען קיין מאָסקווע אַ יונגערמאַן פון לעמבערג, וואָס האָט געפּאַסט צו מיין שילדערונג. און טאָקע דער יונגערמאַן פון „ערגיץ־וואו״ האָט מיר דערציילט דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד, וואָס פּאַסט זיך צום ענין:

אין 1952, אין דער צייט פון סטאַלין־אַנטיסעמיטיזם (ערב דעם אַרעסט פון די אידישע דאָקטוירים), זיינען אין מאָסקווע פאָרגעקומען וואַלן. ווי דער שטייגער זיינען די וואַלן געווען פרייע און שטרענג געהיימע. איינער אַ מאָסקווער איד, — אַ שטיקל טשודאַק, זאָגט מען — האָט געשטימט פאַר דער פּאַרטיי־ליסטע און פאַר סטאַלינ׳ען, אַלץ כשר וישר, נאָר אויפן וואַל־צעטל האָט ער צוגעשריבן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וואָלט געדאַרפט עפּעס טאָן קעגן אַנטיסעמיטיזם. ס׳איז ניט שיין!...

אַזויווי די וואַלן זיינען שטרענג געהיימע, האָט מען ניט געוואוסט ווער ס׳האָט עס געשריבן. וואָס טוט מען? האָט די געהיים־פּאָליציי דורכגעקוקט די וואַל־ליסטעס פון ראַיאָן און האָט דאָרט אויפגעציילט זעכציק אידן. האָט זי געשיקט רופן די אַלע אידן, און מען האָט זיי גענומען אויפן צימבל, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מען האָט געפונען דעם חברה־מאַן. נישט בלויז האָט ער זיך מודה געווען, נאָר אַ סברה אַז אין דעם פאַל איז עס אפילו געווען אמת. ווי עס זאָל ניט זיין, — אפשר דערפאַר וואָס ביי געהיימע וואַלן טאָר מען ניט סתם שרייבן אויף די שטים־צעטלען — מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר, און ער איז דאָרט אָפּגעזעסן שיינע עטלעכע יאָר.

אין דער צייט פון דער אַמנעסטיע, נאָך סטאַלינ׳ס טויט, האָט מען אים באַפרייט. ווי מען זאָגט, איז ער צוריק אין מאָסקווע — און ער איז נאָך אַלץ אַ טשודאַק.

דער כוח פון געהיימע וואַלן!

אַן אַרמענער פון די בראָנקס

ס'איז געווען שוין נאָך דער פּאָס־קאָנטראָל און דער צאָל־קאָנטראָל. מיר האָבן געוואַרט, אין אַרויסגאַנג־האָל, אויפן אעראָפּלאַן קיין וואַרשע. איינער אַ פּאָליאַק, אַ „פּאָזנאַנטשיק", איז ניט אָפּגעטראָטן פון מיר. ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון אַ וויסנשאַפטלער־קאָנגרעס אין מאָסקווע. ער האָט געוואָלט באַנוצן די געלעגנהייט און רעדן אַ ביסל ענגליש — האָט ער מיר דערקלערט.

פון אַ ווייטן ווינקל אין האָל זיך צו אונז דערנענטערט אַ יונגער בחור אין די צוואַנציקער. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, האָט ער לייכט געוואַקלט מיט די לענדן, ווי דער דרך פון אַמעריקאַנער ־יונגוואַרג.

— איר זיינט אַ ניו־יאָרקער? — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן אויף ענגליש.

— יאָ.

— כ'האָב גלייך דערקענט... — האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר — פון די בראָנקס?

— ניין, פון ברוקלין.

— שלום עליכם! האַו־דו־יו־דו? — האָט אַ האַרציקער שמייכל זיך צעגאָסן אויף זיין אָפענעם טונקעלן פּנים — איך בין פון די בראָנקס! וואָס מאַכן עפּעס די „דאַדזשערס", די ברוקלינער „באָמס"?

— גאַנץ פיין, אָבער זיי האָבן פאַרלאָזן ברוקלין...

— און די „יענקיס"?

אויף אַזוי ווייט זיינען שוין מיינע קענטעענישן ניט געגאַנגען:

— זיי זיינען מסתמא אָלל־ראַיט — האָב איך געזאָגט — איר זיינט אַ טוריסט?

— ניין, איך לעב אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— אין מאָסקווע?

— ניין, אין אַרמעניע...

ער האָט דערקאָנט די פאַרוואונדערונג אין מיין בליק און האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין אַן אַרמענער. כ'בין געבאָרן געוואָרן אין די בראָנקס, צווישן אידן. אַלע מיינע חברים זיינען געווען אידישע באָיעס. מיט אַ יאָר 13 צוריק האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעפּאַטריאַציע פון אַרמענער איבער דער וועלט קיין סאָוועטנפאַרבאַנד: אין דער אַרמענישער סאָוועטישער רעפּובליק. מיינע עלטערן זיינען אַהינגעפאָרן און האָבן מיך מיטגענומען. איך בין דאַן געווען אַ אינגל פון אַ יאָר צען.

— אַה, כ'פאַרשטיי...

— די אַרמענער זיינען ענלעך צו אידן — האָט ער ווייטער גע־

רעדט — שאַרפע קעפּ, גוטע ביזנעס־לייט, צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, מיט אַ געשיכטע פון פאַרפּאַלגונגען הינטער זיך. איר האָט געהערט וועגן די שחיטות פון די אַרמענער אין טערקיי?

— יאָ, כ׳האָב געלייענט „די 40 טעג פון מוסאַ דאַג״... איר וואוינט מיט די עלטערן?

— ניין, כ׳האָב פאַר דער צייט חתונה געהאַט.

— מיט אַ סאָוועטישער?

— ניין, מיט אַ מיידל פון... חיפה!

— פון חיפה?

— יאָ, זי איז אַן אַרמענישע, זי האָט געלעבט אין חיפה און זי האָט זיך אויך רעפּאַטריאירט אין דער אַרמענישער סאָוועטישער רע־פובליק.

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז די אַרמענער זיינען צעשפּרייט איבער דעם גאַנצן מיטעלן מזרח, און אַז אַ קליינע געמיינדע זייערע האָט געוואוינט אין ארץ־ישראל. אַ סך פון זייערע יוגנטלעכע זיינען געווען קאָמוניסטן.

— אָט־דאָס טענה איך דאָך צו מיין ווייב — האָט ער געלאַכט — כדי חתונה־צו־האָבן מיט אַ מיידל פון חיפה, האָב איך געדאַרפט פאָרן אין דער אַרמענישער סאָוועטישער רעפּובליק? מיט אַ מיידל פון חיפה האָב איך דאָך געקענט חתונה האָבן אין די בראָנקס...

ער האָט דערציילט, אַז די רעפּאַטריאַנטן, אַ סך פון זיי טעכניקער און געשולטע פאַכלייט, האָבן געהאָלפן אויפהויבן דעם ניוואָ פון לעבן אין דער אַרמענישער רעפּובליק, וואָס איז געווען זייער צוריקגעשטאַ־נען. די באַפעלקערונג האָט געלעבט הויפּטזעכלעך פון לאַנדווירטשאַפט; אָרימע פויערים. לעצטנס האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינדוסטריע. ער אַליין אַרבעט אין אַ דרוקעריי. אין דער רעפּובליק דערשיינען ביכער און צייטונגען אויף אַרמעניש.

ער האָט זיך אָבער כסדר צוריקגעקערט, אין זיינע רייד, קיין אַמעריקע: די בראָנקס, די „דאַדזשערס״, דער יענקי־סטאַדיום, די פּאָבליק סקול, די באַיעס און מיידלעך אַרום די קענדי־סטאָרס — ווי ער וואָלט אין זיין גייסט נאָך אַלץ געלעבט אין ניו־יאָרק.

— און ווי לעבט זיך אייך דאָ? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— נישקשה... נישט שלעכט...

— און וואָס טוט איר דאָ, אויפן מאָסקווער אעראָדראָם?

— כ׳בין געקומען אָפּוואַרטן מיינעם אַן אָנקל פון ניו־יאָרק, וועל־כער דאַרף באַלד אָנקומען פון אַמעריקע.

— ער רעפּאַטריאירט זיך אויך אין דער אַרמענישער רעפּובליק?

— אָה, ניין, די רעפּאַטריאַציע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט, מיט יאָרן צוריק. ער קומט אין אַ דעלעגאַציע. מען גייט פייערן דעם 40־יעריקן יובל פון דער אַרמענישער סאָוועטישער רעפּובליק און מיין אָנקל פירט־אָן מיט דער אַרמענישער דעלעגאַציע, וואָס קומט פון אַמעריקע צו דער פייערונג.

אַ שטימע אין הויכשפּרעכער האָט אָנגעזאָגט, אַז די פּאַסאַזשירן קיין וואַרשע דאַרפן אַרויסגיין צום עראָפּלאַן. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען.

— איר בענקט ניט נאָך אַמעריקע?

— אָה!... ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ.

ער האָט מיר געדריקט די האַנט:

— פאַרגעסט ניט צו גריסן די חברה אין די בראָנקס!

וואָס איז אַ „סיאָן"?

ווען די וועג־וויזערין האָט מיר פאַרגעשלאָגן מיך צו נעמען אויף אַ טור פון די „וואָפן־קאַמערן" פון קרעמלין, האָב איך זיך לכתחילה אָפּגעזאָגט:

— כ'בין אַ פּאַציפיסט — האָב איך גע'טענה'ט — און כ'אינטערעסיר זיך ניט מיט געווער.

אָבער קאַטיאַ איוואַנאָוואַ האָט מיר דערקלערט, אַז די אַזוי־גערופענע „וואָפן־קאַמערן" טראָגן בלויז אַזאַ נאָמען; גאָר אַמאָל־אַמאָל האָבן טאַקע די ערשטע צאַרן דאָרט געשמידט וואָפן, אָבער אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן זיי דאָרט געזאַמלט זייערע אוצרות, טראַכטן און אַנטיקן. איצט זיינען די קאַמערן אַן עפנטלעכער מוזעאום.

מיינע סאָוועטישע באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיך געפירט אַן אַנדערש מאָל איבער דעם קרעמלין — אַן אורזאַלטע פעסטונג אויף אַ באַרג, מיט שפּעטער־צוגעבויטע טורעמס, קירכעס און פּאַלאַצן, אַרומגערינגלט מיט גערטנער און פּאַרקן אויפן ראַנד פון דעם טייך מאָסקווע — האָבן מיר דערקלערט, אַז ערשט אין די לעצטע יאָרן איז דערלויבט געוואָרן דעם עולם צו באַזוכן די געביידעס און גערטנער.

— און פריער?

— פריער האָט ער דאָרט געוואוינט, ער אַליין. מען האָט מורא געהאַט צוגיין צו נאָענט...

איצט שטייען אויפן ראָג פון „רויטן פּלאַץ" וועג־וויזער און יעדע פופצן מינוט גייט־אָפּ אַן עקסקורסיע איבער דעם קרעמלין. מען מעג אויך אַליין באַזוכן די צערקוועס און געוויסע בנינים, און פריי שפּאַ־

צירן איבער דעם גאַנצן שטח. דער עולם אין סאָוועטנפאַרבאַנד האַלט שטאַרק פון בילדונג, וויסן און קולטור. ווי טיף און ווי עכט קען זיין קולטור אָן פרייהייט — ווען אַ מענטש טאָר ניט טראַכטן אומאָפּהענגיק, נאָר ער מוז אָננעמען פּאַרטיקע פאָרמולעס און פעסטגעשטעלטע לאַ־יעבור׳דיקע אמת׳ן? דאָס איז שוין אַ פראַגע פאַר זיך.

די „וואָפן־קאַמערן" זיינען פול געוועזן מיט באַזוכער: עקסקורסיעס און יחידים. כדי מען זאָל ניט אָפּטרעטן דעם טייערן הילצערנעם פּאַרקעט, מוז מען ביים אַריינגאַנג אָנטאָן לייוונטענע לאַפּטשעס איבער די שיך. אין אַ האַלבער טוץ זאַלן איז אויסגעשטעלט די מאַכט און די פּראַכט פון דער צאַרישער אימפּעריע און אירע הערשער און כלי־קודש: קרוינען פון צאַרן און צאַריצעס און צאַרעוויטשלעך — די גאָר אַמאָליקע: שווערע, פון מאַסיוון גאָלד, די שפּעטערדיקע: לייכטערע, איידעלערע, זיי זאַלן ניט אַזוי שטאַרק קוועטשן אויפן קאָפּ; אַלערליי קריגס־טראָפּייען: געווער און פאָנען, וואָס זיינען דעראָבערט געוואָרן אין שלאַכטן — פון פוילן און טערקיי, פון שוועדן און טאַטאַרן; טע־פּיכער פון בוכאַרע און גילדערנע טאַבאַקיערקעס און סערוויסן פון פראַנקרייך; בגדי־מלכות פון אימפּעראַטאָרן און בגדי־שרד פון פּאָפּן און אַרכירייען; אויסגעפּאַקטע פערד אין זייער פולער נאַטירלעכער גרויס מיט זאָטלען און צוימען באַזעצט מיט בריליאַנטן און אַלערליי איידל־שטיינער...

מיין אויג איז געפאַלן אויף אַ גרויסער, רונדער גילדערנער פּושקע מיט אַ געוועלבטן דעקל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קופּאָל. זי איז געווען באַזעצט מיט אַ קרייז פון פיגורן — סטאַטועטקעס פון „הייליקע". איבער זייערע קעפּ האָט זיך געצייכנט איין וואָרט: סיאָן.

— טשטאָ עטאָ טאַקאָיע? — האָב איך געפרעגט מיין וועג־ווייזע־רין.

— דאָס איז אַ „סיאָן" — האָט זי געזאָגט.

— וואָס מיינט אַ „סיאָן"?

— אַ סיאָן... אַ סייאָן!... — האָט זי אַרויסגערעדט דאָס וואָרט אויף ענגליש. זי איז געוואָרן אומגעדולדיק און זיך געלאָזט גיין ווייטער. אַ פּושקע מער אָדער אַ פּושקע ווייניקער — ס׳איז דאָ פאַראַן אַזויפיל צו זען! אָבער איך האָב זיך אַלץ ניט גערירט פון אָרט:

— וואָס הייסט אַ „סייאָן"?

— ס׳איז אַ פּושקע אַזאַ, וואו די אַמאָליקע צאַרן (די צאַריצעס, מסתמא) פלעגן האַלטן זייער צירונג — האָט זי מיר דערקלערט.

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער: צווישן שפּיזן, פערד, זאָטלען, פּאַנ־צערן פון קריגער און צאַרישע טראָגנען. ווען מיר זיינען אַרויס אין דרויסן, האָב איך זיך אָפּגערופן:

— איר ווייסט, דער „סיאָן" אָדער „סייאָן", וואָס מיר האָבן געזען, ס'איז ניט קיין פושקע אויף האַלטן צירונג.

— ניין? וואָדען?

— „סיאָן" מיינט אויף לשון־קודש „ציון"; ס'איז דער נאָמען פון אַ באַרג אין ירושלים. ס'איז דער סימבאָל פון ירושלים און פון ארץ־ישראל... ס'איז...

כ'האָב גערעדט אַ לענגערע ווײלע. זי האָט זיך ערנסט צוגעהערט, מיט קאָפּ. דערנאָך האָט זי זיך פריינטלעך באַדאַנקט פאַר דער אינפאָר־מאַציע. אַ גוטער וועג־וויַיזער דאַרף אַלץ וויסן!

אויב ס'וועט אײַך אויסקומען צו באַזוכן די „וואָפן־קאַמערן" פון קרעמלין אין מאָסקווע, און איר וועט האָבן קאַטיאַ איוואַנאָוואַ'ן ווי אייער וועג־וויַיזערין, וועט זי אײַך אפשר געענוי דערקלערן, וואָס עס מיינט אַ „סיאָן". ווער ווייסט? אפשר.

דער חידוש

איבער דעם האָטעל „יעווראָפּאַ“, וואָס שטייט בשכנות פון דעם „ווינטער־פּאַלאַץ“ אין לענינגראַד, הויערט נאָך דער גייסט פון אַמאָל — פון די הויף־לייט און פון די רייכע „קופּצי“ מיט דער ברייטער האַנט און דער אַזוי־גערופענער ברייטער רוסישער נשמה: לאַנגע, געדרייטע קאָרידאָרן, רחבותדיקע האָלן מיט שפּיגל־ווענט, טעפּיכער אויף די ברייטע טרעפּ, געשליפענע קאַנדעליאַברען, אַלקאָוון מיט פּאַרצויגענע פּאָרהאַנגען פאַר די ברייטע בעטן אין די „נומערן“. דער האָטעל איז איבערגעבליבן אַ ירושה פון „אַלטן רעזשים“.

דעם מאָדערנעם האָטעל אין מאָסקווע האָבן שוין אויפגעבויט די סאָוועטן — מיט עטלעכע יאָר צוריק. ער איז געבויט אין אַמעריקאַנער סטיל: אַ „וואָלקן־קראַצער“ פון אַ דרייסיק עטאַזש, גראָד־ליניק, קו־ביסטיש, מיט אַ סך ליכט און מיט ווינדעס, וואָס אײַלן זיך אַרויף־אַראָפּ — דער סטיל פון אַ פּראַקטישער, אוטיליטאַרער געזעלשאַפט. אָבער עטלעכע שטריכן פון זיין אינערלעכער סטרוקטור שפּיגלען־אָפּ דעם רעזשים — אַ ניכטערע סטרוקטור מיט אַ טראָפּן קאַפקאַ־פאַנטאַזיע. זיי דערמאָנען אין דעם גייסט פון אַ געביידע אין קאַפקאַס אַ פאַנטאַס־טישן ראָמאַן.

אַז איר גייט אַרויס פון דער ווינדע („עלעוויטאָר“) — אויף וועלכן עטאַזש עס זאָל נישט זיין — קומט איר אַריין אין אַ קליינעם פיר־קאַנטיקן האָל. פון די פיר ווינקלען פון האָל ציען זיך גראָד־ליניק קאָרידאָרן, ווי די פּיסלעך פון אַ „ח“, נאָר אין ביידע ריכטונגען. אַנט־קעגן דער טיר פון דער ווינדע שטייט אַ טישל, און הינטער דעם טישל זיצט אַ פרוי, אַן אויפזעערין. 24 שעה אין מעת־לעת זיצט זי דאָרט. פון איר סטראַטעגישער פּאָזיציע קען זי באַאָבאַכטן, ווי פון אַן אָב־סערוואַטאָריום, די באַוועגונג פון די געסט. ס׳איז, אַזוי צו זאָגן, „אין יוצא ואין בא“ — זי זעט יעדן איינעם וואָס קומט אַריין און גייט אַרויס.

ווען איר קלייבט זיך אַריין אין האָטעל, רעגיסטרירט איר זיך אין צענטראַלן ביוראָ, אונטן, אין דער לאָבי. דערנאָך האָט איר מיט אים מער קיין מגע־ומשא נישט. איר גייט אַריבער אין רשות פון דער אויפזעערין אויף אייער גאָרן: איר גיט איר דעם שליסל, ווען איר גייט אַרויס, איר צאָלט איר פאַרן צימער, איר ווענדט זיך צו איר וועגן אַלע קלייניקייטן.

— וויפל שעה אַ טאָג אַרבעט איר? — האָב איך געפרעגט מיין אויפזעערין.

זי האָט מיר דערקלערט, אַז זי אַרבעט 24 שעה נאָכאַנאַנד (וואָס דאָס מיינט דריי אַרבעט־טעג), און דערנאָך האָט זי צוויי טעג פריי. אַזויווי זי קריגט אויך אַ פרייען „זונטיק", קומט זי אַריין אויף צוויי מעת־לעת אַ וואָך. די לאַנגע שעה'ן מאַטערן־אויס, אָבער דערפאַר האָט זי פרייע טעג פאַר דער משפחה. אין די פאַרטאָג־שעה'ן קען מען אויך כאַפּן אַ דרימל אָנגעשפאַרט אויפן טישל.

די אויפזעערינס זיינען געווען אין די מיטעלע יאָרן און עלטער; עטלעכע פון זיי האָבן געהאַט שטרענגע פּנימער, די אַנדערע האָבן אויסגעזען ווי מוטערלעכע באָבעס; אַלע זיינען זיי געווען העפלעך, כאָטש זיי האָבן נישט געקענט די קונסט פון אַמעריקאַנער שמייכל. מען זאָגט, אַז זיי דערפילן נישט בלויז די פונקציעס פון האָטעל־אויפזעערינס — אַז זיי האַלטן אויך אַן אויג אויף די טועכצן פון די געסט, דערפילן די פונקציע פון „משגיחים" איבער פּאָליטישער כשרות, שטייען אין פאַרבינדונג מיט געוויסע אַמטן א. אַ. וו.

נאָר וועגן די אויפזעערינס פון האָטעל זאָגט מען עס? — איר הערט עס וועגן יעדן באַאַמטן: וועגן דער יונגער וועג־וויזערין פון „אינטוריסט", וואָס באַגלייט אייך אויף די טורן, וועגן דעם פאָרשטייער פון די אַרבעטער אין דער פאַבריק, וועגן דעם רעדאַקטאָר פון אַ צייטשריפט, וואָס איר האָט באַזוכט, וועגן אַלע רעדאַקטאָרן, דירעקטאָרן, פאַרוואַלטער. אַלץ וואָס איר זאָגט, הייסט עס, ווערט איבער־געגעבן וואו מען דאַרף, און עס ווערט פאַרשריבן — אויב מען דאַרף.

אין מערבדיקן אויסלאַנד זאָגט מען בקיצור: ער איז אַ מסור! אָבער וואָס איז דאָ שייך צו זאָגן „מסור"? ס'איז כמעט ווי צו זאָגן וועגן אַ פערד, אַז ער איז אַ פערד...

לאָמיר באַטראַכטן דעם ענין פון אַ מערבדיקער פּערספּעקטיוו: אויב אייער שכן וועט דערטראָגן דאָרט וואו מען דאַרף, אַז איר נאַרט־אָפּ די אַמעריקאַנער רעגירונג און איר צאָלט נישט די געהעריקע שטייערן, וועט איר זאָגן, אַז אָט־דער טייערער שכן אייערער איז אַ מסור (אַפילו ווען ער האָט געזאָגט דעם אמת). אָבער אַז אַן אָנגע־

שטעלטער פון שטייער־אַמט וועט אייך כאַפּן ביי דער האַנט, אַז איר האָט נישט געצאָלט די געהעריקע שטייערן? איר וועט זיכער זיין בייז אויף אים, אָבער פאַר קיין מסור וועט איר אים נישט האַלטן. וואָרים איר פאַרשטייט, אַז ס׳איז זיין דזשאַב און זיין פליכט.

און ווי איז דער דין אין אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער איינער איז אַ באַאַמטער פון דער רעגירונג? ער דערפילט דאָך אייגנטלעך נאָר זיין פליכט...

די אַמעריקאַנער רעגירונג און די גרויסע מערהייט פון אַמעריקאַ־נער פאָלק זיינען קעגן קאָמוניזם און קאָמוניסטן. אָבער די מערסטע אַמעריקאַנער האַלטן מסתמא, אַז עס וואָלט געוועז זייער טרויעריק, ווען יעדער בירגער זאָל אָנהויבן שפּיאָנירן און מסרן אינדיווידועלע קאָמוניסטן. אַזאַ טעטיקייט וואָלט מער דעמאָראַליזירט אַמעריקע איידער זי וואָלט געבראַכט שאָדן די קאָמוניסטן (וואָרים יעדע פּריוואַטע מסירה דעגענערירט געוויינלעך אין פאַלשער מסירה). פאַר אַט־דער אַרבעט איז פאַראַן די „עף־בי־אַי“.

אַ טאָטאַליטאַרער רעזשים שטרעבט צו פאַרוואַנדלען אַלע זיינע בירגער אין אַגענטן. אויב ער קען עס נישט דערגרייכן מיט יעדן מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, שטעלט ער אָבער די פאָדערונג צו יעדן באַאַמטן: פון דער אויפזעערין אין האָטעל ביז צום רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג און נאָך העכער. ס׳איז אַ טייל פון דער אַרבעט — און אַ וויכטיקער טייל. דאָס נישט־מסרן ווערט גאָר פאַרוואַנדלט אין אַ זינד און אַ פאַרברעכן.

עמעצן קען נאָך איינפאַלן, אַז איך בין דאָ מלמד־זכות אויף מוסרים. אין דער אמתן בין איך אויסן צו זאָגן דאָס פאַרקערטע: אויב מסירה איז אַ שרעקלעכע זאַך, איז אָבער נאָך שרעקלעכער אַ געזעלשאַפט, וואו מסירה ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נאָרמאַלער, זעלבסט־פאַרשטענדלעכער דערשיינונג און וואו דער מסור איז אַן אָרענטלעכער, דורכשניטלעכער, טיילמאָל אַפילו פריינטלעכער מענטש (און ווידער־אַמאָל: פון סתם מסירה ביז פאַלשער מסירה איז בלויז אַ שריט — ס׳איז נאָר אַ פראַגע פון אומשטענדן).

מיר דאַכט זיך, אַז דעם סאָוועטישן רעזשים איז נישט געלונגען צו צעשטערן אַלע מענטשלעכע לאָיאַליטעטן און אָוועקצושטעלן אויף זייער אָרט די געטריישאַפט צום רעזשים און צום שטאַט. די משפחה־קרובה׳שאַפט האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אויף דעם געביט. ס׳איז מעגלעך, אַז דער מיסטרויען פון רעזשים לגבי אידן איז טיילווייז אַ פּועל־יוצא פון דעם טראַדיציאָנעלן אידישן שאַרפן ווידערווילן צו מסירה.

וועט יעדער סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מוזן גיין אויף דעם וועג? דערווייל קען מען זאָגן, אַז סאָוועטן־רוסלאַנד איז געווען אַן אויסנאַם. דער טעראָר און די שאַרפע השגחה אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען ניט בלויז אַ פּאָליטישער ענין — אַן אויסדרוק פון ווילן צו קאָנ־טראָלירן פּאָליטיש, און גייסטיק בכלל, יעדן בירגער אין לאַנד; זיי זיי־נען אויך פאַרבונדן מיט דעם געיעג נאָך פּינקטלעכקייט און פּערפעקטער אָרגאַניזאַציע. דווקא ווייל די רעוואָלוציע איז פּאָרגעקומען אין אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד, וואו די מיליאָנען פּויערים זיינען נישט געווען צוגעפּאַסט צום אינדוסטריע־טעמפּאָ און די בירגער האָבן נישט געהאַט קיין געפיל פאַר פּינקטלעכקייט — האָבן די באָלשעוויקעס איבערגע־דרייט דעם שטעקן אויף דער אַנדער זייט. אין די מערב־לענדער האָט די מאָדערנע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע זיך אַנטוויקלט בהדרגה׳דיק, אין משך פון אַ יאָרהונדערט; די באָלשעוויקעס האָבן זי געוואָלט דערגרייכן אין איילעניש, אין משך פון אַ „פּיאַטילעטקע". זיי האָבן דעריבער געמוזט איינפירן אַ פּאָליציי־רעזשים און טעראָר.

איר פילט דעם קראַמף און די געשפּאַנטקייט בנוגע פּינקטלעכקייט און אָרגאַניזאַציע אַפילו ביי אַלערליי קלייניקייטן. ווען מיין וועג־ווייזערין האָט איינמאָל פאַרשפּעטיקט אויף אַ האַלבער שעה, ווייל זי האָט זיך געפילט נישט־גוט, האָט זי שוין געוואָלט שיקן איר מאַן זיך צו אַנטשולדיקן. ווען דער אויטאָ פון „אינטוריסט" איז איינמאָל געקומען 5 מינוט צו שפּעט, האָט זי זיך צען מאָל אַנטשולדיקט. אויף געוויסע געביטן — ווי רוים־פאָרשונג, מיסילס א. אַ. — איז וואַרשיינ־לעך די אָנשטרענגונג געלונגען; אָבער אין אַלגעמיין הערט איר, אַז די אָרגאַניזאַציע — אָדער דער מאַנגל אין אָרגאַניזאַציע — איז דער שוואַכסטער פּונקט (צוגלייך מיט גניבה, אפשר) פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיע.

* * *

מנהגו של עולם, אַז אַ מענטש פאָרט אַוועק פון אַ האָטעל, לאָזט ער איבער טרינק־געלט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס טרינק־געלט אָפיציעל אָפּגעשאַפט געוואָרן — אָבער אַלע נעמען. מען דערציילט אַנעקדאָטן וועגן איינעם אַ רוס, וואָס איז נאָך דער מלחמה געקומען קיין פּוילן און האָט דאָרט דורך־אַגב אַ פרעג געטאָן:

— ווי הייסט אייער פּרעזידענט?

— ביערוט — האָט מען אים געזאָגט.

— ווייס איך וואָס! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — ביי אייך איז פאַראַן אין ביערוט; או נאָס, ביי אונז, זעט איר, וסיע ביערוט...

און וויבאַלד אַלע נעמען, האָב איך באַשלאָסן איבערצולאָזן דער אויפֿזעערין אַ מתנה: שאָקאָלאַד. כ׳בין אַראָפּגעפֿאָרן אונטן, אין בופֿעט פֿון דער לאַבי, און האָב אָנגעוויזן דורכן גלאָז אויף אַ פּליטקע שאָקאָלאַד, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ פּעקל סיגאַרעטן און דין ווי אַ בראָדער לאָקש:

— סקאָלקאָ? — האָב איך געפֿרעגט דער פֿאַרקויפֿערין.

— אַ רובל מיט זעקס קאָפּיקעס...

לויטן קורס מאַכט עס אויס... אַ דאָלאַר מיט 20 סענט; וואָס שייך קויף־קראַפֿט, איז עס דער דורכשניטלעכער לוין פֿון אַן אַרבעטער פֿאַר אַ האַלבן טאָג אַרבעט.

פֿאָרנדיק דערנאָך מיט מײַנע וואַליזעס אין דער ווינדע, צווישן דעלעגאַטן פֿון אויסערן־מאָנגאָליע און בראַזיל, האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דער מעשה מיטן ראָגאַטשאָווער. צום ראָגאַטשאָווער גאון איז אַמאָל געקומען אַ מחבר פֿון רייגראָד און האָט בײַ אים געבעטן אַ הסכמה אויף זײַן חיבור. האָט דער ראָגאַטשאָווער אַ בלעטער געטאָן אין ספֿר און ער האָט גלײַך דערזען, אַז דער חיבור איז נישט געוואַלטיק. האָט ער געזאָגט צום מחבר: „קיין הסכמה וועל איך אײַך נישט געבן, אָבער איך מוז אײַך זאָגן, אַז אין אײַער ספֿר זײַנען פֿאַראַן חידושים״. איז דאָך דער מחבר צוגעשטאַנען צום גאון, אַז ער זאָל אים געבן אַ הסכמה, און דער ראָגאַטשאָווער האָט געהאַלטן אין איין טענה׳ן: „קיין הסכמה וועל איך אײַך נישט געבן, אָבער אין אײַער ספֿר זײַנען פֿאַראַן חידושים״. האָט שוין דער מחבר געזען, אַז ס׳איז פֿאַרפֿאַלן, האָט ער געזאָגט: „מילא, רבי, כ׳זע דאָך, אַז קיין הסכמה וועט איר מיר שוין נישט געבן, אָבער זאָגט מיר כאָטש, כ׳בעט אײַך, וואָס פֿאַר אַ חידוש האָט איר אַנטדעקט אין מײַן חיבור?״ האָט דער ראָגאַטשאָווער זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד און ער האָט געזאָגט:

— איר פֿאַרשטייט? פֿון דעם שער־בלאַט אין אײַער ספֿר האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין רייגראָד איז פֿאַראַן אַ דרוקערײַ...

און איך האָב זיך אויך דערוואוסט פֿון דער גאַנצער געשיכטע — אַז אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז שאָקאָלאַד באמת זייער טײַער.

אויף אַ היימישער שמחה אין אַ מאָסקווער פאָרשטאָט

מיטאָמאָל איז מיר פאָרגעקומען ווי איך וואָלט אַריינגעפאַלן ערגעץ אין די בראָנקס, אויף אַ מיטינג פון אַ ׳פעמילי סוירקל׳, אָדער סתם צוגאָסט אויף אַ משפחה־פּאַרטי: עלטער־מומעס, וואָס זיינען נאָך אַרי־בערגעקומען פון מעבר־לים; מיטליעריקע מענטשן, ס׳רוב ביזנעס־לייט, טיילמאָל אויך אַ שאָפּ־אַרבעטער, וואָס רעדן חצי־אידיש, פּאָלאָ־ווינע־גוי׳איש; יונגע חברה־לייט, וואָס גייען אין האַי־סקול אָדער אין קאָלעדזש, און כאַפּן אַ זייטיקן שמועס, אויף ענגליש, וועגן בייזבאָל אָדער אַ מואווי־סטאַר.

אַוודאי, אַנשטאָט ענגליש האָט מען דאָרט גערעדט רוסיש; אויך דער קאָלאָריט איז געווען אַן אַנדערער: מומע טאָניאַ, די אַלטע באָל־שעוויטשקע — אַלט אין יאָרן און אויך לויט איר טיטל, פון דער ׳אַלטער גוואַרדיע׳, הייסט עס; די 19־יעריקע קאָמסאָמאָלקע, נאַטאַשאַ, און איר יונגע קוזינקע, סוועטלאַנאַ, אַ גימנאַזיסטקע און אַ פּיאָנערקע, און זייער קוזין מישאַ, אויך אַ פּיאָנער (׳רויטע פּיאָנערן׳, פאַרשטייט זיך).

אָבער די פּנים׳ער און די פיזיאָנאָמיעס זיינען געווען ענלעך און אויך דער ניגון פון די רייד איז געווען אַן ענלעכער, טיילמאָל אַפילו די רייד גופא. און אויסערדעם: ניט אַלע זיינען געווען פּאָליטיש באַפאַרבט אָדער באַטיטלט. מומע באַשע, אַ שטייגער (אַ לייבלעכע שוועסטער פון דער ׳אַלטער באָלשעוויטשקע׳), איז געווען סתם אַ אידענע, וואָס האָט אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען אינגער, און ווען מען האָט נאָך געוואוינט אין אוקראַאינע — אַ סך געקינדלט. דערנאָך איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און דער בירגער־קריג, און מען האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין קיעוו און פון קיעוו קיין מאָסקווע. די קינדער זיינען שוין דאָ אויפגעוואַקסן. מען האָט פון זיי געהאַט סיי צער און סיי נחת — ווי דער שטייגער פון דער וועלט.

דער מיטעלער זון אירער, אַבראַשאַ, איז אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי אויפן פראַנט, און איז געפאַלן ביים דאָן, אין דער מלחמה קעגן היטלערן. ער האָט איבערגעלאָזן אַ קליין קינד, אַ בת־יחידה׳קע. איצט איז זי שוין אַ גאַנצע באַרישניע — נאַטאַשאַ, די קאָמסאָמאָלקע. אַבראַ־שאַ׳ס פרוי איז נאָך דעמאָלט געווען זייער יונג, אָבער זי האָט שוין קיין צווייט מאָל ניט חתונה געהאַט. זי האָט געקראָגן אַ פּענסיע פון דער רעגירונג פאַר דער טאָכטער, האָט געאַרבעט צוביסלעך און זיך געהאַלטן ביי דער משפחה. און נאַטאַשאַ אַרבעט שוין אין אַ לאַבאָ־ראַטאָריע און זי וויל גאָר גיין ביינאַכט אין אינסטיטוט און שטודירן אויף דאָקטאָר־מעדיצין.

און די איינגסטע טאָכטער אירע, דער מומע באַשעס, איז פאַר־בליבן אַ מיידל. זי וואוינט מיט דער מאַמען, זשעניאַ. פאַרוואָס האָט זי ניט חתונה געהאַט? — כ׳ווייס, אפשר האָט זי געקליבן צו־לאַנג. ס׳טרעפט זיך. זי איז ניט קיין פאַרזעסענע מויד, ערשט אַ יאָר 40 אַלט, אַ רונדלעכע, מיט פולע רויטלעכע באַקן און בכלל. און זי האָט אַ גוטע שטעלע — אַ בוכהאַלטערשע אין אַ גרויסן זאַוואָד. — פאַר־וואָס? — גיט איר אַ בחור און זי וועט חתונה האָבן!

עטלעכע קינדער זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטע מקומות. אָבער פון עלטסטן זון, פון באָריס׳ן, האָט זי געהאַט נחת, סיי פון זון און סיי פון די אייניקלעך. טאַקע ביי אים אין שטוב, ביי באָריס׳ן, איז פאַרגעקומען די שמחה. וואָס איז די שמחה? זיין עלטערער זון, אַ יונגער בחור נאָך, וועלכער האָט פאַרענדיקט אויף שאָכטן־אינזשי־ניער און איז אַוועק אין די אוראַלן, אַזש ביי מאַגניטאָגאָרסק, האָט געקראָגן אַ פּרעמיע און איז דערהויבן געוואָרן צו גאָר אַ וואַזשנער שטעלע; און דעם אינגערן, מישקאַ׳ן, איז געוואָרן 13 יאָר. מען האָט ניט געפּראַוועט קיין בר־מצווה — ווי קומט אַ פּיאָנער צו בר־מצווה? — נאָר גאָרניט, די משפחה איז זיך צונויפגעקומען שבת־צו־נאַכט, עלהיי מען פּראַוועט אימיענינעס. אַז אַ אינגל ווערט אַלט דרייצן יאָר, איז איידער מען זעט זיך אָרום איז ער שוין באַלד אַ קאָמסאָמאָלעץ.

באָריס איז געווען מער איד ווי די אַנדערע. מען האָט עס געזען אין זיין גאַנצן הילוך, אין די תנועות, אין די מלבושים אפילו. אין שול איז ער ניט געגאַנגען און אין דערהיים האָט ער אויך ניט גע־דאַווענט; ער האָט אָבער גערעדט אידיש, האָט ליב געהאַט אַ אידישן וויץ און אַ אידיש ליד. און ער האָט אָפּגעהיט דעם טאַטנס יאָרצייט — געזאָגט אין דער שטיל „קדיש“ ערגעץ אין אַ ווינקל פון שטוב. ער איז נאָך אויפגעוואַקסן אין שטעטל, אין דער אוקראַאינע, פלעגט גיין

מיטן טאַטן ע״ה אין שול און איז אַפילו עטלעכע מאָל מיטגעפאָרן אויף אַ יריד.

* * *

מיטגענומען אויף דער שמחה, שבת־צו־נאַכט, האָט מיך מומע טאַניאַ, די אַלטע באַלשעוויטשקע. כ׳בין ביי איר געווען צוגאַסט אויף מיטאָג און בין שוין פאַרבליבן ביז אין אָונט. זי האָט געוואוינט אין אַ טיפּיטשנער מאָסקווער דירה, אין אַן אַלטן, געדיכטן „עמך״־קוואַרטאַל. איר גייט אַריין דורך אַ טויער אין אַ שטויביקן הויף און דאָרט פאַרנעמט איר זיך אין אַ פּירהויז. טאַניאַ׳ס צימער איז געווען ביים אַנדערן עק פון אַ לאַנגן קאָרידאָר, לעבן דעם וואַש־צימער. לענגאויס דעם קאָרי־דאָר האָבן מערערע טירן געפירט אין באַזונדערע „דירה׳ס״ — צימערן, וואו ס׳האָבן געוואוינט אַנדערע שכנים: פאַר־פאַלקן און משפחות מיט קינדער. ווען טאַניאַ האָט געקאָכט, האָב איך פון שוועל געוואָרפן אַ בליק אין קיך, וואס האָט זיך געפונען ביים אַריינגאַנג. עס זיינען דאָרט געשטאַנען פינף טישלעך — אַ סימן, אַז אין דער גאַנצער וואוינונג האָבן געלעבט פינף לאָקאַטאָרן. צוליב שלום־בית האָט יעדע באַלע־באַסטע געהאַט איר אייגן טישל.

אַמאָל־אַמאָל האָט משמעות געוואוינט אין דער וואוינונג איין פאַר־מעגלעכע פאַמיליע. נאָך דער רעוואָלוציע האָט זיך איר באַפעלקערונג פאַרמערט. דאָס וואַש־צימער איז באַשטאַנען פון אַ בית־הכסא און אַ קראַן מיט פליסנדיקן וואַסער. כאָטש ס׳איז באַנוצט געוואָרן פון אַלע שכנים, איז עס פונדעסטוועגן געווען זויבער. נאָר דער קאַלך פון די ווענט האָט זיך דאָ און דאָרט געקרישלט און די קראַנען זיינען געווען אַביסל פאַרזשאַווערט.

מיר האָבן געגעסן אין טאַניאַ׳ס צימער. אויסער אַ טיש זיינען אין לענגלעכן צימער געשטאַנען אַן אַלטמאָדישע הויכע בעט (מיט אַנ־לענען צוקאָפּנס און צופוסנס), אַ ראַדיאָ, אַ ביכער־שאַפּקע. דורכן פענסטער האָט מען געזען ביימער און בלומען־קוסטעס. זי האָט פאַר־שפּרייט אַ ווייסן טישטוך איבערן טיש און אָוועקגעשטעלט אַ טעלער ברויט. זי האָט מיר אָנגעגאָסן אַ פולן טעלער זופּ — אַ געדיכטער זופּ, מיט בולבעס און שאַר־ירקות — איז געשטאַנען איבער מיר און איז צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל ניט איבערלאָזן קיין לעק. און ערשט דעמאָלט האָט זי מיר אָנגעגאָסן אַ צווייטע פאָרציע. פאַר זיך גופא האָט זי אָנגעגאָסן אַ קליין שיסעלע זופּ. „אין מיינע יאָרן עסט מען שוין ניט קיין סך״ — האָט זי געזאָגט. כ׳האָב שוין פריער געהאַט געהערט, אין דער משפחה, וועגן איר פאַרגאַנגענהייט: אַז זי איז יאָרן־לאַנג געווען פאַרשיקט אין סיביר און אַז זי איז געבליבן געטריי דער פאַרטיי.

— ווי איז עס געווען אין סיביר? אין לאַגער? — האָב איך געפרעגט.

— הלמאי זאָל איך זאָגן, געווען שווערע יאָרן — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — הונגער... קעלט... אָבער ס׳ערגסטע איז געווען, וואָס אין שפּיץ פון לאַגער זיינען געשטאַנען גנבים, סוואָלאַטשעס, שונאים פון פאָלק און... אַנטיסעמיטן. זיי האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער די זאַקליוטשאָניע (׳פּאַרשלאָסענע׳), ספּעציעל איבער אידן...

— אַפילו אַנטיסעמיטן?

— יאָ... אָבער זיי האָבן אַלע געקראָגן זייער פּסק. מען האָט זיי אַלעמען איינגעזעצט, ביז איינעם. נישקשה, די פּאַרטיי האָט שוין צו־געזען... נאָך אַביסל זופּ?

— ניין, אַ דאַנק. כ׳דאַנק אייך, באמת.

— איר זיינט אַ קאָמוניסט?

— ניין.

— אוי, ווי איז מיר! — האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — טאָ צו וואָס דערציילט איך עס אייך אַלץ? אַ פרעמדן וואָלט איך אַזעלכע זאַכן ניט דערציילט...

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איינער אַ קרוב האָט איר דער־ציילט גלייכצייטיק סיי וועגן מיר און סיי וועגן דער ניו־יאָרקער „פאָלקס־דעלעגאַציע״, וואָס איז געקומען קיין מאָסקווע לכבוד דעם ערשטן מאַי — און זי האָט פאַרמישט די יוצרות.

זי האָט אַריינגעבראַכט אַ מין קוגל פון געוויקטן ברויט און מיך מכבד געווען מיט אַ היפּשער פּאָרציע:

— עסט, ס׳איז אַ היימישער מאכל!

— אַ דאַנק! — האָב איך זיך גענומען צום קוגל — און ווי לאַנג זיינט איר געווען אין סיביר?

— אַרום און אַרום?... אַ יאָר אַכצן מסתמא... ס׳הייסט צו־ערשט בין איך געווען סתם פאַרשיקט, אַ יאָר צען... און דערנאָך האָט מען מיך אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין אַ לאַגער...

— ס׳הייסט אויף דער פאַרשיקונג האָט מען ערשט גענומען און אייך אַרעסטירט?

— יאָ... ס׳הייסט וואַרטסט!... ס׳איז געווען אַזוי: בעת דער גרויסער טשיסטקע האָט מען אונז פאַרשיקט קיין סיביר. כ׳בין דאָרט אַריין אַרבעטן אין אַ פאַבריק. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, דאַכט זיך, בין איך געקומען אויף אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין מאָסקווע, געווען דאָ עטלעכע וואָכן, און פּונקט דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען די גרויסע אַרעסטן. דאַסמאָל האָט מען שוין פאַרשיקט אין אַ לאַגער, אין סיביר.

זי האָט זיך פאַרפּלוטעט און האָט פאַרפּלאָנטערט די דאַטעס. זי איז געווען אין די זיבעציקער און האָט אַ סך דורכגעמאַכט — און דער זיכרון האָט איר מער ניט געדינט ווי געהעריק. אירע האָר זיינען געווען ווייס און דאָס פּנים צעאַקערט מיט טיפע קנייטשן. איר גוטמוטיקער, מוטערלעכער בליק איז טיילמאָל ווי פאַרנעפּלט געוואָרן — ווי זי וואָלט פאַרלאָרן דעם פאָדעם פון אירע געדאַנקען.

אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווען זי האָט זיך צערעדט וועגן די שפּעטערדיקע טעג — ווען זי האָט דערלעבט די נחמה. נאָך סטאַלינס טויט, בעת דער גרויסער אַמנעסטיע, האָט מען זי באַפרייט, ריינגעוואַשן און צוריקגעשטעלט אין אירע רעכט. אַפילו די סיבירער יאָרן האָט מען איר פאַררעכנט אין איר סטאַזש. איצט געהערט זי צו דער קאַטעגאָריע „אַלטע באָלשעוויקעס", וועלכע באַקומען געוויסע פּריווילעגיעס. זי קריגט אַ העכערע פּענסיע ווי אַ געוויינלעכער צוריקגעצויגענער אַרבעטער פון איר קאַטעגאָריע און זי צאָלט ניט פאַר אַ בילעט אין „מעטראָ" (סאָבוועי). זי האָט אייגנטלעך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן די אמונה אין דער פּאַרטיי, אַפילו ניט אין לאַגער. ס'איז געווען אַ טעות, אַ קאָשמאַר. איצט זיינען די עוולה'ס פאַרריכט געוואָרן. מען האָט איר אויך געוואָלט געבן אַ מאָדערנע דירה, אין איינעם פון די נייע פּראָיעקטן, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. צו וואָס? זי איז שוין אַלט און איר צימער איז גענוג גוט פאַר איר.

— ווי לאַנג זיינט איר אין דער פּאַרטיי?

— אָה, שוין לאַנג... ס'הייסט אין דער פּאַרטיי גופא זינט דער רעוואָלוציע, אָבער שוין אין 1911 האָב איך געהערט צו אַ רעוואָלוציאָנערן קרייז. אויך יענע יאָרן האָט מען מיר פאַררעכנט.

— אַן „איסקראַ"־גרופּע, מסתמא?

— ניין, ביי אונז אין שטעטל זיינען ניט געווען קיין „איסקראַוועצעס". געווען ס. ס. און ציוניסטן און בונדיסטן... די סאַמאָאָבאָראָנע... מיר, אונזער גרופּע, זיינען געווען אינטערנאַציאָנאַליסטן...

זי האָט געדענקט יענע יאָרן ווי אין חלום. זי איז געווען אַ דינסט ביי אַ רייכער אידישער משפּחה. די טאָכטער פון די באַלעבאַטים, אַ סטודענטקע, איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנערקע. זיי פלעגן זיך טרעפן אויף סכאָדקעס. קיינעם איז אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז די פּראָסטע דינסט האָט צו טאָן מיט אַזעלכע זאַכן. אין די קרייזלעך האָט זי זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. דערנאָך איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, דער בירגער־קריג, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פּיאַטילעטקעס. זי האָט ניט חתונה געהאַט, ניט געהאַט קיין אייגן לעבן;

איר לעבן האָט זי אָפּגעגעבן דער פּאַרטיי. אַ לאַנגע צייט האָט זי אַפֿילו ניט געהערט פֿון דער משפּחה. לעצטנס האָט מען זיך דערנענטערט.

— וואָס מיינט איר, כּרושטשאָוו איז אַן אַנטיסעמיט? — האָב איך זי אַ פֿרעג געטאָן.

— געווען... ניט מער... — האָט זי געזאָגט און זיך גענומען אָפּרוימען פֿון טיש.

כ׳האָב געוואָלט מיטגיין אין קיך, כּדי אָפּצוואַשן די כּלים, אָבער זי האָט מיך אויסגעלאַכט. דערווײַלע איז אַרײַנגעקומען אירע אַ פּלימעניצע, סאָניאַ, אַ יונגע פֿרוי פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק, אַ מיידל נאָך, וואָס האָט געוואוינט אין שכנות.

אויך וועגן איר האָב איך שוין פֿריער געהאַט געהערט. זי איז געווען אַ כעמיקערין פֿון פֿאַך, אָבער מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זי געקראָגן אַ נערוון־צוזאַמענברוך און לעצטנס האָט זי בכלל ניט געאַרבעט. אַ טונקעלע, מיט שוואַרצע אויגן, האָט זי גערעדט הויך אויפֿן קול, נערוועז, און האָט אויסגעזען זייער אידיש.

זי איז געווען פֿון די ערשטע אינגערע סאָוועטישע אידן, וואָס כ׳האָב באַגעגנט; און ווי דער שטייגער, האָב איך זי גלײַך באַוואָרפֿן מיט טויזנט שאלות. אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט און מען איז געקומען צו דער אידן־פֿראַגע אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

— מען פֿילט דאָ אַנטיסעמיטיזם? כ׳מיין, אין טאָג־טעגלעכן לעבן? — האָב איך זי געפֿרעגט.

— אַנטיסעמיטיזם איז בײַ אונדז פֿאַרבאָטן — האָט זי געזאָגט — נו, יאָ, ס׳געשעט אַמאָל, אַז עפּעס אַ שיכּור׳ער כוליגאַן הויבט־אָן בילן אויף אידן אין גאַס, אָבער וואָס פֿאַראַ זינען האָט עס צו לויפֿן בײַ יעדער קלייניקייט רופֿן אַ מיליציאָנער?

— מען דאַרף ניט אויפֿרייצן... — האָט אַ מורמל געטאָן די אַלטע, אויף אידיש.

— כ׳האָב עס ניט געוואָלט זאָגן — האָט געזאָגט די יונגע, אויף רוסיש — אָבער וויבאַלד זי האָט עס געזאָגט...

די אַלטע איז אַוועק אין קיך אָפּוואַשן די כּלים. דערנאָך וועט זי זיך אַ ווײַלע צולייגן, האָט זי געזאָגט, כּדי זי זאָל ניט זײַן שלעפֿעריק בײַ באָריס׳ן אויף דער שמחה. כ׳בין אַרויס מיט דער פּלימעניצע אויף אַ שפּאַציר. די גאַס האָט געווימלט פֿון אַ גרויסן עולם אין אָפּגעטראָגענע מלבושים. נאָר דאָ און דאָרט האָט מען געזען אַ קאָלירפֿול זונטיק־קלייד. סאָניאַ איז געוואָרן היימישער, באַרעדעוודיק. איצט איז

די לאַגע פיל בעסער — האָט זי געזאָגט. ווען זי האָט פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, זיינען פונקט געווען די „שווערע“ יאָרן, און זי האָט בשום אופן ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט אין איר פאַך.

— ווייל איר זיינט אַ אידישע?

— מסתמא... יאָ...

— וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— אַז ס'איז ניטאָ קיין פרייע שטעלע. כ'בין געגאַנגען פון איין אָרט צום אַנדערן, אין פאַבריקן, לאַבאָראַטאָריעס, און אומעטום איז געקומען דער זעלבער ענטפער: ניטאָ קיין פרייע שטעלע.

— וואָס האָט איר געטאָן?

— כ'האָב געאַרבעט ביי וואָס ס'האָט זיך געלאָזט: ווי אַ סעקרע־טאַרשע, אַ ביבליאָטעקאַרשע... ביי אַט־די אַרבעטן האָט מען יאָ צוגעלאָזט. אַצינד וואָלט איך זיכער געקענט קריגן אַרבעט אין מיין פאַך — האָט זי צוגעגעבן מיט אומעט.

אָבער איצט האָט זי בכלל ניט געקענט אַרבעטן. זינט איר נערוון־צוזאַמענברוך איז זי נאָך ניט געקומען אינגאַנצן צו זיך. איז דער צוזאַמענברוך געווען אַ רעזולטאַט פון די כסדר'דיקע אָפּזאָגן? פון דער טיפער אַנטוישונג און דערנידעריקונג? כ'וועל דאַרפן אַ פרעג טאָן אין דער משפחה.

דערווײַלע האָט זי אָנגעהויבן דערציילן וועגן דער נייער אוניווער־זיטעט, וואָס מען האָט לעצטנס אויסגעבויט אין מאָסקווע. אַ בנין — פלאַי־פלאַים! מיט ריזיקע, ליכטיקע זאַלן, מאָדערנע לאַבאָראַטאָריעס, אויטאָמאַטישע ווינדעס פאַר דער ביבליאָטעק. אַפילו אַ שווים־באַסיין איז דאָרט פאַראַן. מען בויט בכלל אַ סך אין מאָסקווע, גאַנצע קוואַר־טאַלן! — האָט זי צוגעגעבן מיט שטאָלץ.

* * *

מיר זיינען געפאָרן צוערשט מיט דער „מעטראָ“ (טאַניאַ האָט געוויזן איר קאַרטל און האָט ניט געצאָלט פאַר קיין בילעט) און דערנאָך זיינען מיר איינגעשטיגן אין אַן אויטאָבוס. באָריס'עס משפחה האָט געוואוינט אין אַ פאָרשטאָט, וואָס איז אַמאָל געווען האַלב־דאָרף האַלב־דאַטשע. ווען מיר זיינען אָהינגעקומען, איז שוין געווען טונקל. די בודקעס און געשטעלן אין מאַרק זיינען געשטאַנען אויסגעלאָשן, פאַרשלאָסן. איינצלנע כאַטעס האָבן זיך געהויבן צווישן גערטנער און סעדער.

אַ טייל פון עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט און געסט האָבן אַלץ געהאַלטן אין קומען, כמעט אַלע קרובים: פעטערס און מומעס, און קוזינען — פון באָריס'עס צד און פון דער באַלעבאָסטעס צד.

באָריס׳עס משפּחה האָט געשטאַמט פון דער אוקראַאינע. נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען זיך ביסלעכווייז אַריבערגעצויגן קיין מאָסקווע. דאָ האָט מען זיך מתחתן געווען מיט אידן פון ווייסרוסלאַנד, אָדעס, מינסק. די אינגערע קינדער זיינען שוין געבאָרן געוואָרן אין מאָסקווע. דאָ און דאָרט האָט זיך אויך אַ שיקסע אַריינגעגליטשט אין דער משפּחה, אָבער אין יענעם אָוונט זיינען אויף דער שמחה געווען נאָר אידן.

די מיטליעריקע האָבן ס׳רוב געהערט צום סאָוועטישן מיטל־קלאַס: ביזנעס־אַנגעשטעלטע, נידעריקע פּאַרוואַלטערס, בוכהאַלטערס, א. אַ. (לויט דעם ווי כ׳האָב געהערט, זיינען פּאַראַן פּאַרשטעט, וואָס ליגן ווייטער פון מאָסקווע, ס׳רוב אין וואַלד, אויף דער פּושקין־ליניע, אַ שטייגער, וואו עס וואוינט דער העכערער קלאַס, די סאָוועטישע „אַריסטאָקראַטיע״: דירעקטאָרן, עלעקטראָניק־אינזשיניערן, אַקאַדעמי־קער, הויך־ראַנגיקע מיליטער־לייט, פיזיק־פאָרשער א. אַ. אין עטלעכע פון די דאָזיקע פּאַרשטעט קאָנצענטרירט זיך אויך די העכערע געזעל־שאַפט פון אחינו־בני־ישראל).

אַביסל שפּעטער איז אַריינגעקומען סתם אַ שכן, אַ קאָסאָקער איד, אַ קוסטאַר, ס׳הייסט אַ זעלבסטשטענדיקער האַרעפּאַשניק, וואָס אַרבעט פאַר זיך (ניט אין קיין שטאַטס־אונטערנעמונג). ער האָט פּראָדוצירט לאַפּטשעס ביי זיך אינדערהיים און האָט זיי פאַרקויפט אויף די פרייע מערק אין דער געגנט. ער האָט מיטגעבראַכט זיין זונדל, מישאַ׳ס אַ חבר פון דער אָרטיקער גימנאַזיע, אויך אַ פּיאָנער.

און אויך אַ יונגער בחור פון דער שכנות איז אַריינגעפאַלן, אַן אומפּאַרטייאישער, מיט אַן אייגענעם פאָטאָ־אַפּאַראַט. ער האָט זיך גלייך פאַררעדט מיט נאַטאַשאַ דער קאָמסאָמאָלקע. די חברה פּיאָנערן האָבן אַרויסגענומען זיין קאַמעראַ פון פוטלאַר און זי באַטאַפּט פון אַלע זייטן.

באָריס האָט מיך אַרומגעפירט איבער דער דירה — זיין אייגן הויז: אַ געראַמיק עס־צימער, אַ שלאָף־צימער, אַן אַלקער און אַ גרויסע קיך. ווען זיי האָבן זיך דאָרט אַריינגעצויגן, מיט יאָרן צוריק, איז עס געווען אַ האַלב־איינגעפאַלענע כאַטע. זיי האָבן עס פאַמעלעך אויסרעמאָנטירט — האָט ער מיר דערציילט מיט שטאָלץ — און ביסלעכווייז אַריינגע־שטעלט די אינסטאַלאַציעס, שטיק נאָך שטיק: אַ וואַנע, עלעקטריע, צענטראַל־הייצונג. הינטער דעם הויז האָט זיך געצויגן אַ גאָרטן, אַ סאָד פון עטלעכע ביימער. לעבן אַ בודקע האָט זיך צעבילט אַ הונט אויף אַ קייט.

פאַר דעם עסן האָט דער עולם, ווי דער שטייגער, זיך אַרומגע־

דרייט איבער דעם עס־סאַלאָן, געשמועסט אין קאָמפּאַניעס. כ׳האָב אַ רעד געטאָן מיטן בעל־הבית וועגן עניני־דיומא:

— וואָס זאָגט איר עפּעס וועגן קובאַ? — האָב איך אים געפרעגט (דער ראַדיאָ און די צייטונגען האָבן גראָד געפּויקט זינט עטלעכע טעג וועגן דער אימפּעריאַליסטישער אינוואַזיע אין קובאַ).

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? מיין טאַטע האָט אָפּגע־לעבט זיבעציק יאָר, און איז אויסגעקומען אָן קובאַ — האָבן זיינע אויגן אַ לאַך געטאָן — און איך וועל שוין ווי־נישט־איז אויך אויסקומען אָן קובאַ...

די אַלטע באַלשעוויטשקע איז געשטאַנען ניט ווייט פון אונז, אָבער זי איז געווען טויבלעך אויף אָן אויער. די פּיאָנערן זיינען געווען פאַר־טאָן מיטן פּאָטאָ־אַפּאַראַט. די באַלעבאָסטע האָט דערווייַלע געגומען גרייטן צום טיש. אַ שוואַרץ־חנ׳עווודיקע, מיט אַ שטילן ברען אין די אויגן, האָט זי דערמאָנט אין אַ ראָמאַנטישן זון־פאַרגאַנג אין דער אוקראַאינע (מיט די מעלאַנכאָליש־האַרציקע לידער, וואָס געהערן דער־צו). מיטאַמאָל איז זי מיר פאַרגעקומען באַקאַנט. וואו האָב איך זי געזען? — טוביה דעם מילכיקער׳ס טאָכטער — די שענסטע פון אַלע! כ׳האָב איר געהאָלפן צעשטעלן די שטולן אַרום טיש.

וואָס ווייסן די יונגע חברה־לייט וועגן אידן? — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן — וועגן אידישער געשיכטע?

— זיי ווייסן, אַז זיי זיינען אידן, ווייל מען לאָזט זיי עס פילן — האָט זי געזאָגט — אָבער לאָמיר זיך ניט נאַרן: זיי פילן זיך אומ־באַקוועם מיט זייער אידישקייט. צו וואָס זאָלן זיי זיין אַנדערש? אָמ־ליבסטן וואָלטן זיי געוואָלט זיין ווי אַלע אַנדערע.

זי איז אַריין אין קיך און איז צוריקגעקומען מיט אַ פלעשל משקה און גלעזלעך אויף אַ טאַץ.

— און איר? ווי פילט איר זיך דאָ ביי אונז?

— גאַנץ גוט, בעסער ווי כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט.

— מיט וואָס, אַ שטייגער?

— אָט בין איך געקומען צו אייך צוגאַסט, כ׳פיל זיך היימיש, מיר שמועסן פריי...

זי האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט:

— נו, איר וואָלט געוואָלט בלייבן לעבן ביי אונז?

— ניין, דאָס ניט! — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— פאַרוואָס ניט?

— היינט איז טאַקע פרייער, אָבער ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן

וועט ברענגען. כ'האָב ניט קיין חשק צו לעבן אין אַ לאַנד, וואו מען וועט אפשר מאָרגן ציטערן פאַר אַ קלאַפּ אין דער טיר...

באָריס האָט אויפגעכאַפּט אונזער שמועס. ער האָט זיך דער־נענטערט:

— אַז אַ אידישע צייטונג איז דאָך אַפילו ניט דערלויבט ביי אונז!

— האָט ער געזאָגט.

— פאַראַן אָבער אידישע קאָנצערטן, אמת? — האָט זי געזאָגט.

— וואו וועסטו קריגן בילעטן אויף אַ אידישן קאָנצערט? טאָמער מאַכט זיך אַמאָל אַ אידישער קאָנצערט, איז אויספאַרקויפט וואָכן־לאַנג אין פאָראויס!

— גוט, גוט, נעם און אוגאָשטשאַיע בעסער די געסט מיט אַ גלעזל וואָדקאַ! — האָט זי פאַרענדיקט דעם דיספּוט צווישן מאַן־און־וויב.

די מאַנסבילן האָבן אָנגעהויבן זיך אויסזעצן אַרום טיש. די מומעס און קוזינעס האָבן געהאָלפן דער באַלעבאָסטע אַריינצוברענגען די מאכלים פון קיך. ס'איז געווען אַ קאַלטע וויעטשערע. דער טיש האָט אַ שיין געטאָן מיט כל טוב: ווייס ברויט און שוואַרץ ברויט, פליישׁ, עטלעכע סאָרטן געריכערטע הערינג, שוואַרצער קאַוויאַר, קעז, אייער.

די געסט האָבן אויפגעהויבן די גלעזלעך און זיך צוגעוואונטשן:

— לחיים!

די פּיאָנערן און נאַטאַשאַ, די קאָמסאָמאָלקע, און דער אומפּאַר־טייאישער בחור מיט דעם אייגענעם פּאַטאַ־אַפּאַראַט, וואָס איז געזעסן לעבן איר, האָבן נאָכגעזאָגט:

— לחיים!

די באַלעבאָסטע האָט צוגערעדט דעם עולם צו נעמען אין מויל, אָבער די געסט האָבן געגעסן פאַרזיכטיק, מיט איינזען. „מיינט נאָר ניט, אַז מען עסט ביי אונז שטענדיק אַזוי!" — האָט מיר אַ שכן אַריינגערוימט אין אויער. נאָר באָריס האָט געריבן אויף ביידע באַקן.

— ביי אונז, אין אַמעריקע, איז אַ פּראָבלעם ווי ניש צו עסן... ווי אָפּצונעמען — האָב איך געזאָגט.

— וואָסי?

— זיי זאָגן, אַז אויב מען ווערט צו־דיק, קריגט מען אַ האַרץ־אַטאַק, כל'ערליי קרענק... מאַלע וואָס...

— און ביי אונז, זעט איר, איז נאָר דאָס וואָס מען לייגט אַריין אין זיך, איז מען זיכער, אַז מען האָט עס — האָט געזאָגט באָריס.

ער האָט אויסגעזופּט דאָס גלעזל וואָדקאַ און זיך געווענדעט צו מיר:

— איר זאָגט דאָך, אַז איר קומט אַצינד דירעקט פון ארץ־ישראל — האָט ער געזאָגט — איז אפשר האָט איר דאָרט געטראָפן איינעם אַ איסאַק מעיעראָוויטש בעלקין?

— איסאַק?... מעיעראָוויטש?... בעלקין?...

— איר פאַרשטייט? — האָט ער אַ לאַך געטאָן — ביי אונז אין שטעטל איז דאָ געווען איינער אַ איסאַק בעלקין, האָט ער אַנגעזעצט דאָס גאַנצע שטעטל און האָט געמאַכט ויברח אַזש קיין תל־אביב...

— ווי איז ער אַריבער די גרענעץ?

— זאָרגט זיך פאַר איסאַק מעיעראָוויטשן! ערשטנס האָט ער געהאַט צוויי טעכטער, און די טעכטער האָבן חתונה געהאַט מיט ביעזשענצעס פון פוילן, און זיי זיינען צוזאַמען מיט זייערע מאַנען אַוועק קיין פוילן און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. דערנאָך איז איסאַק בעלקין אַליין אויך אַוועק: קיין לעמבערג, צי קיין בעסאַראַביע, און פון דאָרט האָט ער זיך שוין אַריבערגעפּעקלט...

— איסאַק מעיעראָוויטש בעלקין?... — האָב איך נאָכגעטראַכט אויפן קול — אַוודאי האָב איך אים געטראָפן! אין תל־אביב!

— וואָס מאַכט ער? ווי גייט עס אים?

— ער האָט שוין אַנגעזעצט האַלב תל־אביב!

— אוי־וואַ! אוי־וואַ! — האָט זיך באָריס צעלאַכט און זיך געריבן די הענט פון שמחה — איר׳ט געהערט, מענטשן? — האָט ער אויס־גערופן צום גאַנצן עולם — אונזער איסאַק מעיעראָוויטש האָט שוין אַנגעזעצט האַלב תל־אביב!... אוי־וואַ! האַלב תל־אביב!...

די אַלטע באַלשעוויטשקע האָט געשמייכלט. איצט האָט זי משמעות געהערט אַפילו אויף איר טויבן אויער. די קאָמסאָמאָלקע און די פּיאָנערן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. זיי האָבן פאַרשטאַנען ווייניק אידיש און האָבן אַוודאי אויפגעכאַפּט נאָר עטלעכע ווערטער. אָבער עפּעס־ס׳איז איז מסתמא שטעקן געבליבן אין זייער זיכרון: קובאַ, תל־אביב, לעמבערג. בלילה על משכבו האָט אפשר דער אָדער יענער פון זיי פאַרנעפּלט אַ טראַכט געטאָן וועגן די זאַכן.

דער עולם האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון טיש. סאָניע, די כעמיקערין, האָט געשמועסט אין אַ ווינקל מיט קאָסאַקן קוסטאַרניק. די באַלעבאָסטע האָט ערשט איצט געפונען צייט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין. באָריס האָט זיך צוגעזעצט צו איר און האָט דערווײַלע ווידער געכאַפּט אַ בייס. כ׳האָב זיך צוגעשטעלט צו זיי:

— פון וואָס האָט סאָניע געקראָגן דעם נערוון־צוזאַמענברוך? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— איר האָט ניט געהערט, אַז זי איז עטלעכע יאָר אַרומגעלאָפן און בשום אופן נישט געקענט קריגן קיין שטעלע? — האָט געזאָגט באַריס.

— און אפשר דערפאַר וואָס זי האָט ניט געקראָגן קיין חתן? — האָט די באַלעבאָסטע אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער זייט מיט אַ סקעפּטיש־אומעטיקן בליק.

* * *

כטוב לב המלך ביין, אַזוי ווי כ'האָב געהאַט אויסגעטרונקען עט־לעכע גלעזלעך וואָדקאַ, האָב איך זיך אַ שאַר געטאָן צו דער חברה יונגוואַרג און פאַרפירט אַ שמועס מיט נאַטאַשאַ, דער קאָמסאָמאָלקע. אַ שוואַרץ־חנ'עוודיקע, אַ רונדלעכע, מיט יוגנטלעכער פרישקייט אין פּנים, שוואַרצע אויגן און לאַנגע, שאַטנדיקע וויעס, האָט זי געכאַפּט דעם אַנבליק פון אַ ספרדישער קראַסאַוויצע. כ'האָב זי אויסגעפרעגט וועגן איר אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע און אירע פּלענער צו שטו־דירן מעדיצין. ווי די טאָכטער פון אַ קריגס־העלד, וואָס איז געפאַלן אין דער פאַטערלענדישער מלחמה, האָט זי געהאַפּט אַנצוקומען אויפן מעדיציניש אינסטיטוט.

— ווי פילט איר זיך ביי דער אַרבעט?

— גוט.

— כ'מיין, די באַציאונג צו אייך מצד די אַנדערע אַרבעטער?

— גוט, מיר לעבן גוט צווישן זיך. מיינע בעסטע חבר'טאָרינס זיינען מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין אונזער לאַבאָראַטאָריע. ביי אונז אַרבעטן הויפּטזעכלעך פרויען.

— און ס'איז ניטאָ קיין ערגערע באַציאונג צו אייך, ווייל איר זיינט אַ יעווריקאַ, אַ אידישע?

די פראַגע האָט זי ניט דערשטוינט. זי האָט שוין זיכער געהערט וועגן די זאַכן, אין די שמועסן פון דער משפחה, אַ שטייגער, אפשר אַפילו געשמועסט וועגן דעם.

— ביי אונז אין דער לאַבאָראַטאָריע פילט מען ניט קיין שום אונטערשיד צווישן אידן און ניט־אידן — האָט זי געזאָגט.

— פאַראַן אַ סך אידן אין אייער לאַבאָראַטאָריע?

— איך בין די איינציקע צווישן עטלעכע צענדליק מיידלעך.

— נאַטאַשאַ זאָגט, אַז מען באַציט זיך צו איר ווי צו יעדער אַנדער מיידל — האָט זיך אַנגערופן איר מוטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן לעבן אונז.

— די אַנדערע מיידלעך ווילן אַפילו ניט גלויבן, אַז איך בין אַ יעווריקאַ, אַ אידישע — האָט געזאָגט נאַטאַשאַ.

דער עולם האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אונז און זיך צוגעהערט מיט אינטערעס. נאַטאַשאַ איז געוואָרן אַביסל פאַרלעגן. ס׳איז אָבער קענטיק געווען, אַז עס געפעלט איר צו שטיין אין צענטער פון דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט. איך האָב אָנגעהויבן רעדן וועגן פריי־לעכערע זאַכן:

— איר וואָלט חתונה געהאַט מיט אַ רוס, אַ ניט־אידן? — האָב איך זי געפרעגט.

— ווען איך פאַרליב זיך אין אים?

— נו, יאָ...

— ווען איך פאַרליב זיך אין אים, וואָלט איך מיט אים חתונה געהאַט. ליבע איז איבער אַלץ! — האָט זי געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אייער ענטפער געפעלט מיר ניט, נאַטאַשאַ — האָב איך זי לייכט גע׳מוסר׳ט — ווען איר זאָגט מיר, אַז איר וואָלט מיט אים חתונה געהאַט, ווייל איר זיינט אַן אינטערנאַציאָנאַליסטקע און ווייל איר האַלט אַז ס׳איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן איד און גוי, וואָלט איך פאַרשטאַנען; אָבער „ליבע איבער אַלץ...״ פּוסטיאַקי, נאַרישקייטן!

— און איך בין קעגן געמישטע חתונות! — האָט זיך אָפּגערופן באָריס פון אַ זייט.

— מילאַ, מילאַ! — האָט זיין ווייב אים געכאַפּט ביי דער האַנט — אָט האָט ער אַנומלט געשריבן אַ בריוו צו אונזער עלטערן זון, אַז אויב עס וועט זיך אים דאָרט מאַכן אַ פיינע שיקסע, מעג ער מיט איר חתונה האָבן.

— דו פאַרשטייסט ניט דעם שכל פון דער זאַך — האָט באָריס זיך צעלאַכט — וואו וועט ער דאָרט נעמען אַ פיינע שיקסע?

— וואו נעמט איר רוי־שטאָף אויף צו פּראָדוצירן אייערע לאַפּ־טשעס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם קאָסאַקן קוסטאַרניק.

מיר האָבן זיך פאַרטיפט אין אַ שמועס וועגן די פּראָבלעמען פון אַ זעלבסטשטענדיקן פּראָדוצענט („אַ רעשטל פון קאַפּיטאַליזם״) אין אַ סאָציאַליזירטער עקאָנאָמיע: וואו און ווי ער באַקומט רוי־מאַטעריאַלן, שטייערן, קאָנקורענץ. ביים אַריינגאַנג צום שלאָף־צימער האָט אַ האַר־ציקע שטימע זיך צעזונגען אויף אידיש:

פאַר מיר ביסטו שיין
פאַר מיר ... מלא חן

— איר האָט אידישע פּלאַסטינקעס? — האָב איך געפרעגט באַריס׳ן.

— ניין, ס׳איז אַ מאַשין אַזאַ — האָט ער מיר אָנגעהויבן דערקלערן, און ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די זינגערין האָט אַרויסגעזונגען פון אַ טעיפּ־רעקאָרדער. כ׳האָב אים געוואָלט פרעגן, וואו זיי האָבן אויפגעכאַפּט אַ אידיש ליד אויפן טעיפּ־רעקאָרדער, אָבער אין דעם מאָמענט האָט דער אומפּאַרטייאישער בחור אויסגערופן:

— טאָוואַרישטשי, פאַרנעמט אייערע פּלעצער! איך גיי פאָטאָגראַפירן.

דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט פאַר אַ פאַמיליע־בילד. אויבנאָן האָט מען אַוועקגעזעצט די מומע טאַניאַ, די אַלטע באַלשעוויטשקע. זי איז לעצטנס געווען דאָס שיינדל פון דער משפּחה — דער יחוס. און זי האָט זיך ניט ווייניק אָנגעליטן אין איר לעבן. מומע באַשע האָט זיך געזעצט דאַנעבן, און אַרום זיי — כל הנערים: קינדער, אייניקלעך קוזינען. די באַלעבאָסטע און באַריס האָבן זיך געהאַלטן אונטערן אָרעם און צוגענויגט די קעפּ צו־אַנאַנדער, ווי חתן־כלה. די פּיאָנערן האָבן זיך אויסגעצויגן צופוסנס, אויף דער פּאָדלאָגע, סוויעטלאַנאַ אינמיטן און די צוויי אינגלעך פוןביידע זייטן, זייערע אָרעמס פאַרפּלאָכטן איבער די אַקסלען. דער קאָסאָקער קוסטאַר האָט זיך געשטעלט ביי דער זייט, אַביסל אָפּגערוקט — ער איז בלויז געווען אַ שכן.

— שטעלט זיך צו! — האָבן עטלעכע קולות מיך אַ רוף געטאָן.

— כ׳על זיך ליבערשט ניט פאָטאָגראַפירן.

— פאַרוואָס?

— איך בין פון דער אַנדער זייט פאַרהאַנג.

— איר האָט זיך מורא?

— ניט צוליב מיר... צוליב אייך.

— פוסטיאַקי! נאַרישקייטן! — האָט אויסגערופן באַריס — קומט אַהער, שטעלט זיך לעבן זשעניען!

— ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען... — האָב איך אַ מורמל געטאָן.

דאָס ליכט האָט אַ בליץ געטאָן. דער אומפּאַרטייאישער האָט זיך געפּלייסט און האָט גענומען אַזש פיר בילדער. אויסערדעם האָט ער נאָך פאָטאָגראַפירט גאַטאַשאַ׳ן באַזונדער. מיך האָבן דערווײַלע אַרומגערינגלט די פּיאָנערן. זיי האָבן געוואָלט הערן וועגן אַמעריקע דירעקט פונעם מויל פון אַן אַמעריקאַנער.

— אַמעריקאַנער מיידלעך גייען טאַקע שטענדיק אַרום אין שאָר־

טיקי? — האָט געוואָלט וויסן די 13־יעריקע סוויעטלאַנאַ (וואָס שייך איר נאָמען, איז זי געבאָרן געוואָרן אַביסל צו־פרי — מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן נאָך סטאַלינ׳ס טאָכטער). די אינגלעך האָבן מיך אויסגעפרעגט וועגן ערנסטערע זאַכן:

— מען לינטשט טאָקע נעגערס אין אַמעריקע?

— ס׳איז אמת, אַז נעגערס טאָרן ביי אייך ניט פאָרן אין זעלביקן אויטאָבוס ווי ווייסע?

זיי האָבן זיך צוגעהערט ערנסט און אויפמערקזאַם צו מיינע דער־קלערונגען וועגן דעם אונטערשיד צווישן דעם „צפון" און דעם „דרום", וועגן האַרלעם, אַז אין ניו־יאָרק קען אַ נעגער עסן אין יעדן רעסטאָראַן, וועגן דער אַנטוויקלונג צום גוטן אין די לעצטע יאָרן. כאָטש זיי האָבן כסדר געהערט אין דער שולע און אין די „פּיאָנערן", אַז מען האַלט אין איין לינטשן נעגערס אין אַמעריקע, זיינען זיי פונדעסטוועגן געווען דערשטוינט צו הערן פון מיר, אַז אין „דרום" מוזן נעגערס באמת פאָרן אין באַזונדערע אויטאָבוסן אָדער אָפּטיילונגען — אַזוי טיף איז שוין געווען זייער מיסטרויען צו אָפיציעלע קוועלן. און זיי האָבן אויך זייער פרי אַנטוויקלט אַ פעאיקייט צו טאָפּלט־דענקען.

— וואָס וואָלסטו געוואָלט זיין, ווען דו וועסט עלטער ווערן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם קוסטאָרס אינגל.

— אַן אינזשיניער.

— און דו, מישאַ?

— אַן אינזשיניער פון עלעקטראָניקס.

— און סוויעטלאַנאַ?

— כ׳ווייס נאָך נישט... אפשר ביאָלאָגיע, כאָטש ליב־האָבן האָב איך ליב פּאָעזיע, אָבער כ׳ווייס...

— אַלע קינדער געהערן ביי אייך צו די פּיאָנערן?

— אַלע! — האָבן געענטפערט אַלע דריי אויף אַמאָל.

— אָבער אויב איינער לערנט זיך שלעכט, אָדער ער פירט זיך ניט אויף ווי געהעריק, וואַרפט מען אים אַרויס פון די פּיאָנערן — האָט צוגעגעבן מישאַ.

— און דערנאָך, ווען מען ווערט עלטער?

— גייט מען אַריין אין קאָמסאָמאָל.

— אַלע?

— אַלע.

— און דערנאָך?

— דערנאָך גייט מען אַריין אין דער פּאַרטיי.

— טאָ פאַרוואָס זיינען פאַראַן אַזוי ווייניק מיטגלידער אין דער פאַרטיי ?

— ווייניק ?... וויפיל ?... פאַרוואָס ?... — האָבן זיי אָנגעהויבן מורמלען.

זיי האָבן ניט געוואוסט. אפשר וועט נאַטאַשאַ וויסן ? כ'האָב נאָך געוואָלט שמועסן מיט איר וועגן אַ סך זאַכן, זי אויספרעגן. דער אומ־פּאַרטייאישער בחור האָט זיך גראָד געפּאָרעט ביי זיין אַפּאַראַט און נאַטאַשאַ איז געשטאַנען אַליין אין אַ ווינקל. כ'בין צוגעגאַנגען צו איר.

— איר וואָלט געוואָלט אויסגיין מיט מיר אין אַ רעסטאָראַן ?

— וואו ? ווען ?

— ווען איר ווילט. אין נאַסיאָנאַל, אין מעטראָפּאָל, וואו איר ווילט.

זי איז געווען אַנטציקט. אין אַ סטאָלאָוואַיאַ איז איר אָפט אויס־געקומען צו עסן, אָבער אויסגיין מיט אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט אין אַ באַרימטן רעסטאָראַן, וואו עס שפּילט מוזיק און עס קומען אויסלענדער !... זי איז נאָך דאָרט קיינמאָל ניט געווען. פּונקטעסטוועגן האָט זי זיך נאָך אַ ווײַלע געקווענקלט :

— איך אַליין ? — האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבערן עולם.

— גוט, זשעניאַ וועט אויך מיטגיין. זשעניאַ ! — האָב איך אַ רוף געטאָן דער מומע באַשעס אינגסטע טאָכטער, וואָס איז געווען אַביסל אַ פאַרזעסן מיידל — איר וועט מיטגיין מיט אונז אין אַ רעס־טאָראַן ? אין פּראַגאַ אָדער אין נאַסיאָנאַל.

זשעניאַ האָט גלייך מסכים געווען און מיך באַדאַנקט מיט אַ האַרציקן שמייכל. נאַטאַשאַ'ס מאַמע האָט משמעות פון דערווייטנס צוגעלייגט אַן אויער און געהאַלטן אַן אויג אויף איר בת־יחידה'קע. זי איז צוגעקומען צו אונז.

— ניין, נאַטאַשאַ זאָל בעסער ניט גיין ! — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס ניט ? — האָב איך זיך געוואונדערט — מיר גייען דאָך זאַלבעדריט. זשעניאַ גייט אויך מיט.

— זשעניאַ איז עפּעס אַנדערש. אָבער נאַטאַשאַ... איר פאַר־שטייט ?... אַ קאָמסאָמאָלקע... און זי דאַרף אָנקומען אויפן אינסטי־טוט... מיט אַ סטיפּענדיע... ס'איז ניט גוט, אַז מען זאָל זי זען אין דער סינאַגאָגע...

— וואָס פאַרא סינאַגאָגע ?

— איר האָט ניט געזאָגט, אַז איר ווילט זי מיטנעמען שבת אין דער סינאַגאָגע ?

— ווער רעדט וועגן דער סינאַגאָגע ? — מיר האָבן זיך אָפּגערעדט

צו גיין אין אַ רעסטאָראַן, אין מעטראָפּאָל צי אין פּראַגאַ, אויף מיטאָג אָדער וויעטשערע, אַלצאיינס...

— אין אַ רעסטאָראַן איז עפּעס אַנדערש — האָט די מאַמע נאָכגעגעבן — אויב איר ווילט דווקא...

— כ׳האָב סיי־ווי אַ סך איבעריקע קופּאָנען — האָב איך זיך אַנטשולדיקט — נו, איז ווען גייען מיר? — האָב איך זיך געווענדעט צו מיינע צוויי באַרישניעס.

— מאָרגן — האָט געזאָגט זשעניאַ — מאָרגן, פּאָנימאַיעטיע, איז ביי אונז זונטיק, וואָלטן מיר געקענט עסן מיטאָג אין פּראַגאַ, און דערנאָך וואָלטן מיר געגאַנגען אַביסל גולאַיען, און אין אָוונט וועלן מיר אַריינגיין אין אַ קינאָמאַטאָגראַף — האָט זי דערוויילע אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַ מין קורצע פּיאַטיליעטקע — אויף דער גאָרקי־גאַס גיבן זיי, דאַכט זיך אַן אַמעריקאַנער פילם.

דער אומפּאַרטייאישער האָט אין גרויס איילעניש צונויפגעלייגט זיין אַפּאַראַט און זיך דערנענטערט צו אונז. ער האָט אונז אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט. וואָס האָט מען דאָ אָפּגעטאָן הינטער זיין רוקן? זיין בליק איז געפאַלן אויף נאַטאַשאַ׳ן און ער האָט זי געגעסן מיט די אויגן. ס׳וועט מסתמא זיין אַ שידוך! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און אויפן זינען איז מיר געקומען די באַרימטע לאָזונג איבער די באַרימטע וואַל־פּלאַקאַטן:

„שטימט פאַר דער פאַראייניקטער ליסטע פון די קאָמוניסטן און אומפּאַרטייאישע!“

מיניאַטורן

צום אָנדענק פון חיים פּעט

ווען מע אַ טאַטאַר און ווען — אַ לאַטאַר

אומזיסט געוואַרט. נאַטאַשאַ, די קאָמסאָמאָלקע, איז נישט געקומען, און אַפילו איר באַגלייטעריך, זשעניאַ, וואָס איז געווען עלטער, און נית קיין פּאַרטייאישע, איז אויך ניט דערשינען. פאַרוואָס? — כ'ווייס נישט. אפשר האָבן זיי זיך אין דער לעצטער מינוט דערשראָקן (אַן אַמעריקאַנער, אַ צענטראַלער רעסטאָראַן — מען דאַרף זיך היטן פאַר עין־הרע), און אפשר האָבן זיי סתם חרטה געקראָגן. ווי לאַנג וואָלט איר געוואַרט אויף אַ קאָמסאָמאָלקע, וואָס איר האָט זיך מיט איר אָפּגערעדט צו טרעפן ביי דער טיר פון אַ האָטעל־רעסטאָראַן? איך האָב געוואַרט דריי־פערטל שעה.

די 19־יעריקע קאָמסאָמאָלקע איז נישט געקומען; אָנשטאָט איר האָט דער אויבערשטער מיר צוגעשיקט אַ 50־יעריקן פויער פון קרע־מענטשוג. מילא, מכל מלמדי השכלתי, אויך פון אַן אוקראַאינישן פויער קען מען עפּעס לערנען. וויאַזוי מיר האָבן זיך פונאַנדערגע־רעדט — קען איך זיך נישט דערמאָנען. ער האָט דאַכט זיך אויף קיינעם נישט געוואַרט (און אַז אַ מענטש וואַרט נישט אויף קיינעם, וואַרט ער אייגנטלעך אויף... משיחן). מיר זיינען געשטאַנען אויפן ראָג פון דער גאָרקי גאַס (אין לעצטן מאָמענט האָט זשעניאַ אויסגע־קליבן דעם „נאַסיאָנאַל", אָנשטאָט „פּראַגאַ"); קעגן־איבער, אויף דער אַנדער זייט פון אַ רחבותדיקן פּלאַץ, האָט זיך געהויבן אַ מיטל־אַלטערלעכע וואַנט פון אַ פעסטונג, און אַביסל העכער האָבן די צערק־ווּעס פון קרעמלין געשטאָכן דעם הימל. אַ געדיכטער זונטיקדיקער עולם האָט שפּאַצירט אַהין און אַהער. כ'האָב פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אים געפרעגט, צי ער רויכערט.

— ניין, אַ דאַנק... — האָט ער געזאָגט. זיין בליק איז געפאַלן אויפן פּעקל: — ס'הייסט אַמאָל... ביי אַ געלעגנהייט...

ער האָט גענומען אַ פּאַפּיראָס און אים נייגעריק באַטראַכט פון אַלע זייטן.

— ס׳אַן אַמעריקאַנער — האָב איך געזאָגט.

— אַן אַמעריקאַנער ?

— איך קום פון אַמעריקע.

— אַה ?... — זיינע אויגן האָבן אויפגעלעבט. איצט האָט ער מיך באַטראַכט מיט נייגעריקייט. כ׳האָב אים דערלאַנגט פייער.

— און איר ? איר זיינט אַ מאָסקווער ?

— ניין, פון קרעמענטשוג. איר׳ט מן־הסתם נישט געהערט פון אַזאַ שטאָט. ס׳איז אין דער אוקראַאינע.

— כ׳האָב געהערט פון קרעמענטשוג.

אייגנטלעך שטאָם איך פון אַ דאָרף אין יענער געגנט, אָבער די לעצטע יאָרן אַרבעט איך אין אַ פאַבריק אין קרעמענטשוג.

— און ווי לעבט זיך דאָרטן ?

ער האָט מיר אַ ווײַלע אָנגעקוקט :

— ס׳איז ווי איינעם — האָט ער אַ ציִ געטאָן פון פּאַפּיראָס און צעשפּרייט די הענט — איינעם בעסער, איינעם ערגער.

פון זיין קול האָט אַרויסגערעדט שטילע רעזיגנאַציע. ווען ער וואָלט געווען אַ איד, אַ יודע־ספר, וואָלט ער אַוודאי צוגעגעבן : אין כל חדש תחת השמש, ס׳איז נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. ער איז אָבער געווען אַ פּשוטער אַרבעטער, אַ געוועזענער פּויער, און ער האָט זיכער קיינמאָל נישט געהערט פון קוהלת. אָבער „אַ פּויעריש ווערטל איז, להבדיל, אַ האַלבע תורה״, זאָגט אַ אידיש גלייכווערטל.

ער האָט גערויכערט דעם פּאַפּיראָס פּאַמעלעך, באַזאַכט, מיט ישוב־הדעת און הנאה, ווי אַ פּויער עסט אַ הערינג. ווי עסט אַ פּויער אַ הערינג ? — ער ציט פון אים אַראָפּ די הויט און ער ווייקט אים איין אין וואַסער. דערנאָך עסט ער אויף דעם הערינג, און ער עסט אויף די הויט און ער טרינקט אויס דאָס וואַסער. כ׳האָב שוין אָנגע־צונדן אַ דריטן סיגאַרעט און ער האָט אַלץ געהאַלטן ביים ערשטן. ער האָט אים געדרייט צווישן די פינגער, באַטראַכט די בוכשטאַבן און זיינע אויגן האָבן געקוקט פאַרטרוימט אויף די קייקעלעך רויך, וואָס האָבן זיך געקרייזלט אין רוים. אַזוי האָבן מסתמא די מדבר־וואַנדערער געטרוימט וועגן ארץ זבת חלב ודבש, דאָס לאַנד וואָס פליסט מילך און האָניק — און וואַסער־קוואַלן.

ער האָט גערן דערציילט וועגן אַמאָל. זיינע עלטערן זיינען געווען פּאַראָבקעס אויף אַ הויף פון אַ רייכן פּוילישן פּריץ (דער פּוילישער

פאַן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, איז אפשר ערשט שפּעטער אַריינ־געוועבט געוואָרן אין דער געשיכטע). זיין פאָטער איז צוריק־געקומען פון דער מלחמה (דער ערשטער וועלט־קריג) אַ האַלב־טויטער, אַ שאָטן. ער איז לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען. באַלד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. די פּאַנעס זיינען זיך צעלאָפן. עטלעכע האָט מען געכאַפּט און דערשאָסן. די באַלשעוויקעס האָבן צעטיילט די פּריצישע הויפן. זיין מוטער האָט באַקומען אַ שטיקל באָדן און זיך געמאַטערט מיט די קליינע יתומים. ער איז געווען דער עלטסטער, אַ יאָר 11 אַלט, און האָט שווער געהאָרעוועט אין פעלד. איידער מען האָט זיך אַרומ־געזען, האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלעקטיוויזאַציע. מען האָט פאַרשיקט די „קולאַקעס" קיין סיביר. די משפחה איז אַריין אין אַ קאָלכאָז. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די יאָרן פון גרויסן הונגער — מען האָט זיך ממש דערנערט מיט גראָז. נאָר די שטאַרקע, און די וואָס האָבן גע־האַט מזל, האָבן איבערגעלעבט. ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פּיאַטי־לעטקעס און די אינדוסטריאַליזאַציע, איז ער אַוועק אַרבעטן אין שטאָט. דערנאָך איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג, די אָקופּאַציע פון די היטלער־אַרמייען — און ווידער־אויפבוי פון דאָס ניי.

ער האָט גערעדט רואיק, רעזיגנירט, פאַטאַליסטיש כמעט — ווי ער וואָלט געוואָרן אימון צו קאַטאַסטראָפעס און אידעאָלאָגיעס. ווען כ'האָב פּרובירט פאַרפירן אַ שמועס וועגן איצט, איז ער ווידער גע־וואָרן מרוקוואַטע. ער האָט נישט קריטיקירט דעם רעזשים, אָבער קיין נסים ונפלאות האָט ער פון אים אויך נישט דערוואַרט.

— און ווי איז עס ביי אייך אין אַמעריקע ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— אין אַלגעמיין נישט שלעכט, מענטשן לעבן נישט שלעכט, אַפילו אַרבעטער האָבן אייגענע אויטאָס; ס'איז אָבער ווי איינעם . . .

— איינעם בעסער, איינעם ערגער . . . — האָט ער אונטערגעכאַפּט מיט הסכמה, ווי כ'וואָלט אים געטראָפן אין פּינטל אַריין. דער קורצער זאַץ האָט ווי אויסגעדריקט זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס איז באַשטע־טיקט געוואָרן אויך דורך דעם נייעם רעזשים פון נאָך־דער־רעוואָלוציע.

אויפן זינען איז מיר געקומען אַ געשיכטע אין איינעם פון די ראָמאַנען פון באַרימטן סאָוועטישן שרייבער באָריס פּילניאַק. ס'איז געווען גלייך נאָך דער רעוואָלוציע. לענין האָט פּראָקלאַמירט, אַז סאָציאַליזם מיינט נאַציאָנאַליזאַציע פּלוס עלעקטריפיקאַציע. אַ גרופּע פּויערים איז געקומען פון דאָרף אין שטאָט אַריין, איז שטיין געבליבן לעבן אַ געשעפט פון עלעקטרישע מכשירים און זיך גענומען לייענען

דעם שילד מיט דער גרויסער איבערשריפט, וואָס האָט אויסגערעכנט אַלערליי מאָדערנע כלים: קאָמוטאַטאָר, אַקאָמולאַטאָר, א. אַ. וו.

אָבער אַזוי ווי זיי זיינען געווען פּראָסטע פּויערים און זיי האָבן קוים געקענט לייענען, האָבן זיי לאַנגזאַם בוכשטאַבירט די איבערשריפט און דערביי צוגעגעבן אַן אייגענעם פּשט: „קאַמו טאַטאַר אַ קאַמו לאַטאַר...״ ס׳הייסט: ווּעמען אַ טאַטאַר און ווּעמען אַ לאַטאַר...

פּילניאַקן — וועלכער איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע סאָוועטישע שרייבער אין דער נאָך־רעוואָלוציע צייט — האָט מען, דאַכט זיך, פאַר דער צייט אַרעסטירט; ער איז נעלם געוואָרן: דער־שאָסן אָדער געשטאָרבן אין תּפיסה. אָבער די פּויערים, וואָס זיינען פאַר דער צייט געוואָרן קאָלכאָזניקעס, לייענען משמעות נאָך אַלץ דעם שילד מיט זייער אַלטן פּויערישן פּשט:

קאַמו טאַטאַר אַ קאַמו לאַטאַר...

אליהו הנביא׳ס צייכנס

ווען איר שפּאַצירט אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד, בפרט אין צענ־טער, וואו עס קומען אַ סך אויסלענדער, געשעט אָפט, אַז עס וואַקסן אויס קעגן־איבער אייך עטלעכע קינדער; איר בלייבט שטיין. זיי קוקן אויף אייך מיט מילדע, גוטמוטיקע אויגן און זאָגן איין וואָרט:

„זנאַטשקי? זנאַטשקי!״

דאָס זיינען נישט קיין בעטלער. זיי פרעגן אייך, צי איר האָט אָפּצייכנס, וואָס איר וואָלט זיי אפשר געוואָלט געבן אַ מתנה, אָדער אויסבייטן אויף אַנדערע אָפּצייכנס, וואָס זיי האַלטן גרייט אין דער זשמעניע. ס׳איז אַ מנהג אַזאַ — און אייגנטלעך אַ גאַנץ פיינער מנהג. אין די רוסישע הויפּט־שטעט קומען אָפט פאַר אַלערליי קאָנגרעסן, ספּאָרט־פאַרמעסטן אָדער טעאַטער־פעסטיוואַלן: אַל־סאָוועטישע, אַזיאַ־טישע, אַפריקאַנער, פון די לענדער הינטער אייזערנעם פאָרהאַנג, און טיילמאָל אויך מיט דער באַטייליקונג פון דער מערב־וועלט. ס׳רוב דעלעגאַטן טראָגן אָפּצייכנס און די קינדער זאַמלען אָט־די זנאַטשקי אָדער עמבלעמען; ס׳איז ביי זיי אַן ערגן־זאַך ווער עס וועט אָנזאַמלען מער. און וואָס מער אַן עמבלעם איז אויסטערלישער, עקזאָטישער, אַלץ חשובער איז ער.

מיט מיר האָבן די קינדער קיין מזל נישט געהאַט. אַזוי ווי כ׳פיל אַ ווידערווילן צו יעדן מין קאָקאַרדעס און שליפעס, האָב איך ממילא נישט געהאַט קיין זנאַטשקי. אָבער איין מאָל, אין לענינגראַד, ווען צוויי קינדער האָבן מיר פאַרשטעלט דעם וועג, אויף אַ זייטן־גאַס פון ניעווסקי פּראָספּעקט, און האָבן ווי געוויינטלעך אַ פרעג געטאָן:

„זנאַטשקי?״ — איז מיר איינגעפֿאַלן, אַז כ׳האָב עפּעס פּאָר זיי. אין קעשענע האָב איך געהאַט אַ בייטל מיט ישראל־מטבעות, וואָס זיינען מיר פֿאַרבליבן פֿון דער רייזע. יעדער קינד האָט געקראָגן אַ מאָנעטע.

זיי האָבן געוואָרפֿן אַ בייגעריקן בליק אויף די מאָדנע זנאַטשקי, מיט די עקזאָטישע אותיות, וואָס אַזעלכע האָבן זיי נאָך מסתמא אויף זייער לעבן נישט געזען, און זיינען אַזש אונטערגעשפּרונגען מיט אַ קוויטש פֿון גרויס שמחה. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט לויפֿן הענדום־פּענדום. די פֿייגל אונטערן הימל האָבן משמעות צעטראָגן דאָס קול, וואָרום באַלד בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַ קאַפּטע ווייסע־חברה׳ניקעס, וואָס האָבן אַלע געוואָלט זנאַטשקי. און אַזוי בין איך פּלוצלונג געשטאַנען אין מיטן אַ לענינגראַדער גאַס און אויסגעטיילט ישראל־מטבעות צו אַ חברה סאָוועטישע קינדער.

אויפֿן ראָג איז דערשינען אַ מיליציאָנער. די קינדער זיינען זיך צעפֿלויגן ווי אַ טשאַטע צעשראָקענע פֿייגל (ס׳איז נישט קיין פּאַר־ברעכן, אָבער מען דאַרף נישט באַלעסטיקן די טוריסטן...). אַ ווײַלע האָב איך זיך דערפֿילט אומהיימלעך: אויב דער אָרדענונגס־היטער זאָל כאַפּן אַ קינד און וואַרפֿן אַ בליק אויף די מאָדנע זנאַטשקי, וואָלט עס געקענט הייסן, אַז כ׳האָב זיך פֿאַרנומען מיט פֿירן ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יונגע סאָוועטישע בירגער.

אָבער די קינדער זיינען שוין געווען עט ווייט־ווייט. יאָג דעם ווינט אין פֿעלד! און דער מיליציאָנער האָט כלל נישט בדעה געהאַט עמעצן נאָכצולויפֿן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו מיר, ווי איינער זאָגט: „אָט, ווייסע חברה׳ניקעס!״

„קינדער זיינען אומעטום קינדער!״ — האָב איך צוריקגעשמייכלט. וואָס איז געשען מיט די מטבעות? — האָב איך אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט — די קינדער וועלן דאָך וועלן וויסן, וואָס די אותיות באַדייטן.

כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן. די קינדער פֿאַרזאַמלען זיך ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון אַ פּאַרק און סאָוויטשעווען איבער די זנאַטשקי. קיינער ווייסט נישט. איינער פֿון זיי זאָגט, אַז ער וועט שוין דערגיין דעם סוד פֿון דער געהיימער שריפֿט. זיין זיידע ווייסט אַלץ. ער איז אַן אַלטער מאַן, זיין זיידע, מיט אַ ווייסער, שפּיציקער באָרד, ווי אַ פּראָ־פֿעסאָר. ער איז אַלט אפֿשר טויזנט יאָר. וואָרום ער האָט נאָך געלעבט אין אַן אַנדער וועלט, ווען אין ווינטער־פּאַלאַץ האָט נאָך געוואוינט איינער אַ צאַר און איבער די גאַסן האָבן זיך אַרומגעדרייט און געריטן אויף לעבעדיקע פֿערד די אַלע פֿאַרשטיינערטע פֿיגורן, וואָס שטייען אַצינד אויף הויכע פּעדעסטאַלן אויף די סקווערן און פּלעצער פֿון דער שטאָט.

ער קומט אַהיים און ווייזט דעם זיידן דעם מיסטעריעזן זנאַטשאָק:

— וואָס איז דאָס, דיעדושקאָ?

דער זיידע טוט־אָן די שפּאַקולן, קוקט און קוקט, און זיינע אויגן ווערן פייכט. אַוודאי האָט ער שוין געהערט און געוואוסט; אָבער זען זעט ער צום ערשטן מאָל. זיינע ליפּן שעפּטשען:

„שהחיינו... וקיימנו..."

— וואָס מורמלסטו, אַלטער מאַן?

— גאָרנישט, גאָרנישט, מיין קינד... — זיינע פינגער גלעטן די מטבע — וואו האָסטו עס גענומען?

— אין גאַס.

— אין גאַס?

— יאָ, אין גאַס. ביים טייך איז געשטאַנען אַ פרעמדער מאַן און האָט געטיילט די זנאַטשקי. ער האָט געהאַט אַ פולע קעשענע, אַ זאַק אַ גאַנצן, אַ מיליאָן אפשר, און אפשר נאָך מער... און ער האָט אַלעמען געטיילט... ווען נישט דער מיליציאָנער וואָלט איך געקראָגן אַ גאַנצן הויפן...

אַ פּיקחותדיקער שמייכל דערלאַנגט אַ שיין אין די אויגן פון אַלטן:

— אפשר אליהו הנביא?... — מורמלט ער צו זיך אַליין.

— דו קענסט אים, דיעדושקאָ?... ווי הייסט ער? ווי האָסטו געזאָגט: אלי...

„גיי דערציילט אַ סאָוועטישן קינד אַ מעשה ווער ס'איז אליהו הנביא!"

— פון וועלכן לאַנד איז עס? לייען! — שטייט־צו דאָס קינד און ווייזט אויף די אותיות — ווער זיינען זיי? אַטלעטן? פריינט פון שלום? אַפריקאַנער? קובאַנער? פּיאָנערן?

צווישן קרעמלין און דער מאָסקווער סינאַגאָגע

— אוּן ווי וועל איך געפֿינען די סינאַגאָגע אין מאָסקווע ? — האָב איך פֿאַר מיין אָפּפֿאָר געפֿרעגט איינעם אַ מאַן, וואָס האָט שוין עטלעכע מאָל באַזוכט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

— גאַנץ פּשוט — האָט ער געזאָגט — איר וועט נעמען אַ טאַקסי און איר וועט זיך הייסן פֿירן צו דעם ספּאַסאָגלינישטשעווסקי פּערע־אולאָק. דאָרט וועט איר זיך נאָכפֿרעגן. פֿאַראַן אָפּילו טאַקסי־שאָפֿערס וואָס ווייסן...

— וואַרט, וואַרט ! — האָב איך אים איבערגעהאַקט. מיר האָבן גערעדט אויפֿן טעלעפֿאָן און איך האָב זיך גענומען בוכשטאַבירן דעם אַדרעס : ספּאַ־סאָ־גלי־ני־ש־טש... כ׳בין קיינמאָל פֿריער נישט געווען אין מאָסקווע און יעדער שריט אין דער רויט־לעגענדאַרער הויפּט־שטאָט איז מיר פֿון דערווייטנס פֿאָרגעקומען פּונקט אַזוי קאָמפּליצירט ווי דער כינעזישער אַלף־בית (פֿון 40 טויזנט צייכנס).

כ׳האָב נישט גענומען קיין טאַקסי. אַ מאָסקווער איד האָט מיך באַ־גלייט, צופֿוס, אין שול אַריין צו קבלת־שבת. און נישט נאָר האָט ער מיך באַגלייט, נאָר אויך אַ היטל האָט ער מיר אויסגעבאָרגט. און ס׳איז געווען שוין איינמאָל אַ היטל — ווי פֿון די לעגענדע־מעשיות, וואָס ווען מען טוט עס אָן אויפֿן קאָפּ, ווערט מען אַן „אינו נראה" (אַזאַ איינער, וואָס די אַרומיקע זעען אים נישט) — אַ היטל פֿון אַ רויטלעכן טוך, מיט נאַאושניקעס, וואָס פֿאַרקלאַפּן זיך אַרויפֿצו, און מיט אַ רי־זיקן דאַשעק אין פֿראָנט.

אמת, קיין „אינו נראה" בין איך נישט געוואָרן, אָבער די מראה פֿון אַן אַמעריקאַנער טוריסט האָב איך פֿאַרלוירן ; ווי דורך אַ צויבער בין איך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאַמאַראָדנעם איזוואָשטשיק פֿון די ביאַליסטאָקער כאַנאַיקעס אָדער פֿון גראָדנער פֿיש־מאַרק אויף דער „שוויענטע טראַיצע".

אויב אַן אידיאָט און אַ סוואָלאָטש — איז ווער־זשע דען?

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אויפן „רויטן פּלאַץ״. ער האָט זיך פּאַרשפּעטיקט. כ׳האָב געוואַרט אויפן ראָג, לעבן דעם „גום״ — דעם באַרימטן דעפּאַרטמענט־סטאָר פון מאָסקווע. קעגן־איבער האָבן זיך געצייכנט די מאַסיווע פיר־קאַנטיקע ווענט פון לעניןמאַזאָלעאום, וואָס זיינען ווי איינגעבויט אין די מויערן וועלכע רינגלען אַרום דעם קרעמלין. לינקס האָט זיך געהויבן די מאָלערישע צערקווע „וואַסילי בלאַזשעני״ (״דער הייליקער וואַסילי״) מיט אירע טורעמלעך, פּאַרצירונגען און ביזאַנטישע אָרנאַמענטן. פיר פון אירע קאַפּעלן טייטלען אין די פיר זייטן פון דער וועלט און די פינפטע, מיט אַ קופּאָל אין אַ ציבעלע־פאָרם, שטייגט־אויף הויך אין דער מיט. מען זאָגט, אַז זי איז די שענסטע צערקווע אין מאָסקווע און מען זעט זי אויף אַלע בילדער און פּאָסט־קאַרטלעך פון „רויטן פּלאַץ״.

אויפגעבויט האָט זי איוואַן „גראָזני״, דער שרעקלעכער, מיט 400 יאָר צוריק. ער האָט אַ נדר געטאָן, אַז אויב דער אויבערשטער וועט אים העלפן און ער וועט פאַרטרייבן די טאַטאַרן פון קאַזאַן, וועט ער אים אויפבויען אַ שיינעם קלויסטער אויף אַ באַרג אין מאָסקווע. און ווען ער האָט באַזיגט די טאַטאַרן אין קאַזאַן, האָט ער געשיקט רופן דעם באַרימטסטן בוי־מייסטער־אַרכיטעקט פון רוסלאַנד און אים געהייסן בויען די קירכע, ווי אַ דאַנק און אַ לויב דעם אויבערשטן פאַר דעם זיג. און אַז די צערקווע איז פאַרטיק געוואָרן, און איוואַן האָט זי אָנגעקוקט און ער האָט געזען איר שיינקייט און איר פּראַכט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התפעלות, אַז... ער האָט באַפוילן אויסצושטעכן די אויגן פון בוי־מייסטער־אַרכיטעקט, כדי ער זאָל חס־ושלום נישט אויפבויען נאָך אַזאַ שיינע צערקווע פאַר עמעצן אַנדערש.

ווען מיין וועג־ווייזערין האָט מיך — אַן אַנדערש מאָל — אַרומגעפירט ווייזן דעם קרעמלין, האָב איך פאַר איר דערמאָנט די דאָזיקע לעגענדע. זי האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: נאַרישקייטן, באָבע־מעשה׳ס! לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם!... און ס׳איז קיין וואונדער ניט: „אין שטוב פון אַ געהאָנגענעם זאָל מען נישט דערמאָנען קיין שטריק״ — און דאַנעבן, אין מאַזאָלעאום ליגט יאָסיף סטאַלין, אָנגעטאָן אין זיין קורטקע, מיט אַ שטיף־געוואַקסטער וואָנצע, אויסגעצויגן ברייטלעך ווי ביים טאַטן אין ווייַנגראָטן. אויפן זיבען איז מיר געקומען יענער איד — אַ איד אַ כעסן, און דערצו אַ פּראָסטער איד, אַ בעל־עגלה צי אַ בעדער — וואָס איז איינמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן גרימצאָרן און איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס מיט קולי־קולות:

— דער אידיאָט! דער סוואָלאָטש, דער מערזאַוויעץ, דער הינ־טישער זון!... — האָט ער געגוואַלדעוועט.

איז אונטערגעקומען אַן אוראַדניק און האָט אים אַרעסטירט:

— האָסט באַליידיקט אונזער קייסער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט כעס.

— וואָס קייסער? ווער קייסער? ווער רעדט דען וועגן קייסער?

— האָט געטענה'ט דער איד.

— דו, זיי נאָר ניט אַזאַ חכם! — האָט דער אוראַדניק זיך צעבייזערט — אַז דו זאָגסט „דער אידיאָט, דער סוואָלאָטש, דער הינטישער זון", איז וועמען־זשע דען מיינסטו דערמיט, אויב נישט אונזער באַטיושקאַ, דעם צאַר?

אַ שפּאַציר אין געשיכטע

פון קרעמלין ביז צו דער גרויסער סינאַגאָגע איז נישט וויט, סך־הכל אַ האַלבע שעה צופוס, בערך. אָבער דער גאַנג פירט ווי דורך יאָרהונדערטער געשיכטע. פון „רויטן פּלאַץ" פאַרנעמט איר זיך צו־ערשט דורך דער גאַס פון „25טן אָקטאָבער" — אַ לאַנגע גרויע גאַס, וואָס ווימלט פון מענטשן, מיט נידעריקע הייזער און צעעפנטע אַלט־מאָדישע הויפן פון ביידע זייטן. ס'איז אַן אַלטע גאַס פון דער אַמאָליקער מאָסקווע, אָבער צוליב איר שכנות מיטן קרעמלין, משמעות, האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן לויט דער דאַטע פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

איר קומט אַרויס אויף אַ רחבותדיקן פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך די מעטראָ־סטאַנציע אויפן נאָמען פון דזיערזשינסקי. דזיערזשינסקי איז געווען אַ פּאָלאַק, אַן אַלטער באָלשעוויק, דער גרינדער פון דער „טשערעזוועטשאַיקע", וואָס האָט שפּעטער געטראָגן יתרוס נעמען, ווי טשע־קאַ, גע־פּע־או, ען־קאַ־ווע־דע א. אַ., און איז פאַרבליבן די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט.

ערשט שפּעטער האָב איך געהערט, אַז יענע געגנט הייסט „די לוביאַנקאַ" און אַז אויף יענעם פּלאַץ שטייט טאַקע די „לוביאַנקאַ" — די באַרימטע תפיסה, וואו עס זיינען צוערשט געזעסן עס־ערן און סאָציאַליסטן, און שפּעטער, אונטער סטאַלינען, די מערסטע באָלשעוויסטישע גדולים און די מנהיגים פון דער וועלט־רעוואָלוציע. אַ סברא אַז טאַקע דאָרטן, אין די קעלערן פון דער „לוביאַנקאַ", האָבן בוכאַרין, קאַמענעוו, זינאָוויעוו, ראַדעק א. אַ. „זיך מודה געווען".

דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען דורך אַ גאַס, וואָס הייסט פּשוט „די נייע גאַס", און מיר זיינען אַרויסגעקומען אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס אין איינעם פון זיינע ווינקלען איז געוואַקסן אַ קליינער פּאַרק,

אַרומגערינגלט מיט שטאַכעטן, און הינטער די שטאַכעטן האָט זיך געהויבן אַ מאָנומענט מיט סטאַטועס פון באַוואָפּנטע זעלנער. דער מאָ־נומענט איז אויפגעשטעלט געוואָרן צום אָנדענק פון די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געפאַלן אין פּלעוונע, בולגאַריע, בעת דער טערקיש־רוסישער מלחמה, אין די 70ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ס'איז געווען אַ מלחמת־מצווה, אַן אידעאָלאָגישער קריג, הייסט עס: רוס־לאַנד האָט געוואָלט באַפרייען די פּראַוואָסלאַוויע און די ברידער סלאַוון אויפן באַלקאַן פונעם יאָך פון די מאַכמעדאַנישע טערקן (און פאַר איין וועג האָט זי שוין געוואָלט זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו די אָפענע וואַסערן פון מיטלענדישן ים). אין מיינע אויערן איז אויפגעגאַנגען אַ געזאַנג, וואָס כ'האָב געהערט אין מיין פריער קינדהייט, אַ געזאַנג פון מאַר־שירנדיקע ראָטעס:

הוראַ! הוראַ! פאַידיאָמי נאַ וואָינו,
זאַ מאַטושקו ראָסעאַי, זאַ ביעלאַוואָ צאַראַ!

די זון האָט געניטערט אין מערב און אַן אַנדער ניגון האָט אויפ־געטויכט אין מיין זכרון. כ'האָב מורא געקראָגן, אַז כ'וועל פאַרשפּעטיקן צום „לכה דודי", האָב איך איבערגעלאָזט די זעלנער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר „מוטערל רוסלאַנד און דעם ווייסן צאַר", און זיך גע־לאָזט גיין ווייטער. אויפן קומענדיקן טאָג האָט מיין באַגלייטער זיך געזעגנט מיט מיר. ער האָט מיך נאָר באַגלייט, אָבער אין שול אַריין איז ער נישט געגאַנגען.

— ס'איז שוין דאָ־באַלד — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ טומלדיקער גאַס קעגן־איבער — איר וועט גיין מיט אָט־דער גאַס ביז צום צווייטן ראָג און זיך פאַרנעמען רעכטס, באַרג־אַראָפּ. דאָס איז דער פערעאולאָק. איר וועט שוין דערקענען דאָס הויז, איר וועט זען מענטשן גייען אַריין...

נאָך עטלעכע הונדערט שריט זיינען מיר פאַרבליבן ביז צו דער שול, אָבער אויפן וועג האָט מיך דערוואַרט אַ סיורפּריז. די גאַנצע צייט האָב איך גוט פאַרמערקט אין קאָפּ אונזער מאַרשרוט, כדי איך זאָל קענען אַליין טרעפן דעם וועג אויף צוריק (דרך־אַגב, אין מאָסקווע קען מען נישט באַקומען קיין פּלאַן פון דער שטאָט — אַזאַ זאַך איז נישט בנמצא). אויך איצט האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און געוואָרפן אַ בליק אויפן שילד, וואָס האָט באַצייכנט דעם נאָמען פון דער גאַס. און ווען כ'האָב איבערגעלייענט דעם שילד, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן:

„די גאַס פון באָגדאַן כמעלניצקי".

אפשר איז עס אַ טעות? אַ בייזער חלום? ניין, ס'איז געשריבן שוואַרץ אויף ווייס. מיינע פיס האָבן געטראָטן אויף דער באָגדאַן

כמעלניצקי גאַס. יעדער פּאָלק מוז דאָך האָבן אַ נאַציאָנאַלן העלד — האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַ שטיקל זכות — און אפשר האָבן זיי, נעבעך, נישט קיין שענערן העלד, די אוקראַינער? — אָבער די טויזנטער אומשולדיקע פרויען און קינדער, וואָס ער האָט אויסגעשאָכטן? און פאַרוואָס אין מאָסקווע? אין סאַמע שכינות מיט דער שול־גאַס, וואו עס געפינט זיך די איינציקע גרויסע שול אין שטאָט?

שפּעטער האָב איך געהערט, אַז אָט־די גאַס איז די אַמאָליקע באַרימטע מאַראָסעיקאַ, און אַזוי ווערט זי נאָך אָנגערופן אין מויל פון פאָלק, ספּעציעל צווישן אידן, עד היום הזה. ס׳איז דאָרט משמעות געווען אַ אידישע געגנט, והראיה: די גרויסע שול.

* * *

די שול, אַ הויכע געביידע מיט זיילן אין פראָנט, איז אַריינגעמויערט אין אַ לאַנגער ריי הייזער אויפן שיפּוע פון פערעאולאָק. מען גייט אַריין אין אַ געררוימען פּאָליש. איין טיר, פאָרנט, פירט אין אַ קליינעם בית־התפילה, אַ מין קלויז, און אַ צווייטע טיר — איר דער הויפּט־שול, וואָס קען אַריינעמען הונדערטער מתפללים. דורך אַ דריטער, זייטיקער טיר זיינען אַריין און אַרויס עטלעכע יונגעלייט מיט אַ חתימת־זקן — די ישיבה, משמעות. אַ מודעה אויף דער וואַנט אין פּאָליש, אויף אידיש, האָט אָנגעזאָגט: „די פּראַוולעניע מעלדעט, אַז מען טאָר זיך נישט אַרומדרייען אין פּאָליש און רעדן בשעת קריאת־התורה״.

ס׳איז נאָך געווען פרי און אין דער גרויסער שול זיינען געווען בלויז געציילטע מענטשן, ס׳רוב עלטערע לייט. אין דער קליינער שול איז לעבן אַ טיש, ביים אַריינגאַנג, געשטאַנען אַ הויכער שמש. מענטשן זיינען אַריינגעקומען זיך נאָכפרעגן אויף יאָרצייטן. עס זיינען געווען צווישן זיי מיטעלעריקע און אַפילו איגגערע, אין אַרבעט־קליידער. דער שמש האָט אַרויסגעזוכט יאָרצייט־קאַרטלעך פון אַ קאַרטאָטעקע.

אַהין־אַהער, און כ׳האָב פאַרפירט אַ שמועס מיט איינעם אַ אידן. ער האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים, אומעטיקע אויגן, אַ שפּיציק בערדל און אַן אָפּגעקראָכענעם קאָטקינעם קראַגן איבער אַן אַלטן מאַנטל.

— מען האָט שוין געדאַוונט מנחה? — האָב איך אים געפרעגט.

— איר זיינט נישט קיין היגער?

— ניין.

— פון וואַנען?

— פון ניו־יאָרק.

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט באַטראַכט מיין איזוואָשטשיק־היטל און איז געוואָרן מיסטרויאיש. זיין בליק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער מיין אָנצוג, ביז צו די שיך, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן:

— איר מיינט צו זאָגן, אַז איר קומט פון אַמעריקע?

— יאָ.

— שלום עליכם! — האָט ער מיר געגעבן שלום — וואָס מאַכן עפּעס אידן אין אַמעריקע?

— אָט אַזוי, מען לעבט. נישט שלעכט, געלויבט השם יתברך.

— זע נאָר זע! — האָט ער אַ רעד געטאָן צו זיך אַליין — כ'האָב זיך גאָרנישט געריכט צו טרעפן היינט אַ אידן פון אַמעריקע.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ס'איז געקומען צו רייד וועגן לאָקאַלער פּאָליטיק — נישט וועגן קאָמאינטערן, חס ושלום, אָדער וועגן דער סאָוועטישער סטראַטעגיע אין קובאַ און קאָנגאָ, נאָר טאַקע וועגן דער פּאָליטיק אין דער סינאַגאָגע גופא, וועגן דער מחלוקת, אַ שטייגער.

— אַ מחלוקת? וואָס פאַראַ מחלוקת? — האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

— אַז עס זיינען פאַראַן צוויי צדדים, איז פאַראַן אַ מחלוקת.

— פאַרוואָס זיינען פאַראַן צוויי צדדים?

— פאַרוואָס?... יעדער צד וויל האָבן די דעה אין דער פראַוולעניע: ווער עס זאָל זיין דער פּרעדסעדאַטיעל, דער גבאי, ווער עס זאָל האָבן די דעה איבער די „שנדר'ס", מאַלע וואָס... זע נאָר, אַ איד פון אַמעריקע! און אין אַמעריקע? פאַראַן עפּעס בתי־מדרשים אין ניו־יאָרק?

— פאַראַן, קיין עין־הרע ניט, שולן און חסידים־שטיבלעך און טעמפּלען, ס'הייסט סינאַגאָגעס, כן ירבו.

— און כשרע יאַטקעס?... אַי־אַי־אַי, אַז ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז כ'על היינט טרעפן אַן אַמעריקאַנער איד!... מען קריגט עפּעס כשר פליייש אין ניו־יאָרק?

— מען קריגט, ברוך השם, כשר פלייש וויפל ס'האַרץ גלוסט: גלאַט־כשר און שטרענג־כשר, מכל המינים.

— איר זיינט געקומען קיין מאָסקווע צו קרובים?

— ניין, גלאַט אַזוי. אַ טוריסט.

— אַזוי? גלאַט אַזוי?... ווען זאָל עס גאָר איינפאַלן, אַז כ'על היינט טרעפן אַ אידן פון ניו־יאָרק... אַז כ'האָב זיך בכלל נישט געריכט... — האָט ער אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען.

ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוואונדערן. טראָץ טעלעפאָן און

טעלעגראַף, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, בין איך פאָרגעקומען אין זיינע אויגן ווי אַ רייזנדער, וואָס האָט זיך אַריבערגעכאַפּט פון יענער זייט סמבטיון. און כאָטש מיין רייזע ניו־יאָרק־תל־אָביב האָט געדויערט בלויז 12 שעה, און תל־אָביב־ווין־מאָסקווע — נישט מער ווי 2 מאָל 7 שעה, איז אויך מיר מיטאַמאָל פאָרגעקומען ווי כ׳וואָלט געווען אַ רייזנדער אין טיפן מיטלאַלטער, עפּעס אַ ר׳ בנימין פון טודעלאַ, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו די „רויטע אידעלעך״ ערגעץ הינטער די הרי־חושך. אַפילו דעם אידנ׳ס אָפּגעבליאַקעוועטער קאָטקינער קראַגן האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָך געשטאַמט פון מיטלאַלטער, פון 12טן יאָרהונדערט, פון 11טן, אפשר פון נאָך פריער.

ס׳האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען נאָך מתפללים. מען האָט זיך געשאָקלט אין די ווינקלען און אַריינגעכאַפּט אַ פאַרשפּעטיקטע מנחה. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אויף די מלבושים און בין צוריק אַריינגעפאַלן אין דעם מאָדערנעם צייטאַלטער: אין דער 9טער פּיאַטילעטקע לויט דער סאָוועטישער צייט־רעכענונג.

— זאָגט מיר, כ׳בעט איך — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם אידן מיט דעם קאָטקינעם קראַגן — ווי איז עס, מען מאַכט דאָ ביי איך יעדן שבת אַ „מי שברך״ פאַר דעם פּאָליט־ביוראָ פונעם צע־קאַ פון דער קאָמ־פּאַרטיי פון ס.ס.ס.ר.?

— ניין, יענע „מי שברכ׳ס״ מאַכט מען שוין פון לאַנג נישט! זינט דעם אָקטאָבער... מיר האָבן אָבער אַ תפילה פאַר שלום, אדרבא, קומט און לייענט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט שטאָלץ און האָט מיך צוגעפירט פאָרנט, צו דער מזרח־וואַנט — דער פריערדיקער רב אונזערער, עליו השלום, האָט זי פאַרפאַסט.

פון יעדער זייט פון אָרון־קודש (און אפשר פון עמוד?) איז געהאָנגען אַ לאַנגער טאָוול מיט אַ תפילה אויף לשון־קודש, געמישט מיט אַביסל תרגום־לשון. כ׳האָב שטאַרק געהאַט חשק זי איבערצושרייבן, אָבער ווי קענט איר זיך אַוועקשטעלן שרייבן פרייטיק־צו־נאַכט נאָך ליכט־בענטשן ביים סאַמע אָרון־קודש? און אויסער דער מורא־שמים — כ׳וואָלט סתם מורא געהאַט זיך אַרומצוטראַגן איבער מאָסקווע מיט אַ קאָפּירטן דאָקומענט אין קעשענע. אפשר איז עס אַ מיליטערישער סוד? האָב איך איבערגעלייענט די ספּעציעלע תפילה אפשר אַ צענדליק מאָל, און כ׳ברענג זי דאָ טייל אויף לשון־קודש, האַלב אויף אידיש — אויף וויפל זי איז מיר פאַרבליבן אין זכרון:

יהי רצון, אַז דער אַלמעכטיקער, אדיר במרומים,
זאָל באַשיצן און אָפּהיטן די ממשלה פון ס.ס.ס.ר.

וואָס האָט ליב שלום און פאַרטיידיקט דעם שלום,
און ער זאָל באַשירעמען און העלפן און שטאַרקן און
דערמוטיקן,
די אַלע חברות און יחידים איבער גאָר דער וועלט,
וואָס זוכן שלום און באַשיצן דעם שלום
בזכות אַהרן כהנא קדישא,
וואָס איז געווען אַן אוהב שלום און רודף שלום...

ווי איר זעט, באמת אַ געהיימער און כמעט־מיליטערישער דאָקו־מענט. וואָרים וואָס איז דאָס מעכטיקסטע געווער אין „קאַלטן קריג" (גלייך נאָך דער אַטאָם־באָמבע) אויב נישט די ליבע צו שלום און דער גייעג נאָך שלום?

— איר האָט קינדער?

— יאָ, צוויי טעכטער.

— אויסגעגעבענע?

— ניין, נישט געפונען זייערע באַשערטע... — האָט ער געזאָגט, און זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט אומעט. זיין צער האָט מיך דורכגענומען און כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין קאַלטן קריג. כדי אים צו טרייסטן אַביסל, האָב איך אים דערציילט, אַז כ׳קום דירעקט פון ארץ־ישראל. זיין בליק האָט אויפגעלעבט. ער האָט מיך באַוואָרפן מיט אַ מבול שאלות:

— וואָס טוען אידן אין ארץ־ישראל? ווי זעט עפּעס אויס תל־אָביב? אַ שיינע שטאָט? פאַראַן שיינע הייזער? און די דירות, ווי זיי־נען די דירות? און מען רעדט טאַקע דאָרטן לשון־קודש, סתם אַזוי, אין גאַס?

כ׳האָב אים געענטפערט אין אַ מיש־מאַש, על ראשון אַחרון:

— אַ גאַנץ שיין שטעטל תל־אָביב, הייזער פון ציגל און בעטאָן... אידן אַרבעטן די ערד, אַקערן, זייען, בויען שאָסייען, פאַבריקן, מען האָדעוועט קי, הינער, פיש אַפילו...

— אַלע עסן כשר, אמת?

— פאַראַן אַזעלכע וואָס עסן כשר, און אַנדערע וואָס עסן נישט כשר...

— נישט כשר? אין ארץ־ישראל?

כ׳וואָלט זיך געדאַרפט אַריינלאָזן אין אַ חקירה וועגן וועלטלעכער און פרומער אידישקייט, וועגן אידן ווי אַ פאָלק אָדער אַ רעליגיע וכדומה פּראָבלעמען, אָבער די צייט איז געווען קורץ און געדולד נאָך ווייניקער, און אויף דער בימה האָט פּונקט אָפּגעהילכט אַ שטאַר־קער קלאַפּ אין טיש, און אַ ציקלדיקע שטימע פון אַ בעל־תפילה האָט זיך צעזונגען ביים עמוד:

„לכו נרננה לד׳ נריעה...״

— איר וועט קומען מאָרגן? — האָט מיך געפרעגט דער איד מיט דעם קאָטקינעם קראַגן. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט אַ בלעטער געטאָן אין סידור.

— כ׳ווייס ניט, צי כ׳וועל האָבן צייט — האָב איך געזאָגט.

— איר גייט שוין?

— ניין. כ׳וועל נאָר אַריינגיין אין דער קליינער שול. כ׳דאַרף דאָרט עמיצן טרעפן.

„שירו לד׳ שיר חדש...״ — האָט אַ זונג געטאָן דער בעל־תפילה ביים עמוד.

— קומט אַריין מאָרגן! — האָט מיין שכן געפּליסטערט, כדי ניט צו שטערן דאָס דאַוונען — מאָרגן וועט אַוודאי קומען די פּאַסאַלסטוואָ.

— זיי קומען יעדן שבת?

— אַמאָל קומען זיי אויף פּריייטיק־צו־נאַכט, אָבער היינט וועלן זיי שוין משמעות ניט קומען. ווען זיי קומען, זיצן זיי אָט־דאָרטן — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף דער מזרח־וואַנט.

מיר האָבן זיך געזעגנט. אין דער קליינער שול, דאַנעבן, איז געווען היימישער: חייניקער פּלאַץ און מער עולם. כ׳האָב געוואָרפן אַ שנעלן בליק אַרום. מיין באַקאַנטער איז דאָ אין ערגיץ ניט געווען. אפשר פילט ער זיך ניט מיט אַלעמען? ער איז שוין ניט געווען קיין יונגערמאַנטשיק און פון רוימאַטיזם האָט ער אויך געליטן. צופיל געזוכט האָב איך אים ניט. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט עטלעכע טעג צוריק און ער האָט מיר דערציילט וועגן דער אינערלעכער פּאָליטיק אין דער שול: וועגן דער מחלוקת, די צוויי צדדים, און אויך וועגן אַ „דריטן צד״: אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן אין שול, וואָס לייגן צו אַן אויער און דערטראָגן דאָרט וואו מען דאַרף.

— מען ווייסט אָבער ווער זיי זיינען — האָט ער געזאָגט.

— פון וואַנען ווייסט מען?

— ווער עס דאַרף וויסן, ווייסט — האָט ער אַ זאָג געטאָן קורץ, בלשון רמז.

כ׳האָב אים געבראַכט אַ מתנה אַ קליין סידור׳ל. ער איז געווען צופרידן, אָבער די שמחה איז ניט געווען פול:

— וואָס כ׳דאַרף האָבן, איז אַ סידור מיט גרויסע אותיות, קידוש־לבנה אותיות — האָט ער געזאָגט — די אויגן דינען שוין ניט מער ווי געהעריק, און מיין אַלטער סידור איז שוין אָפּגעבליאַקעוועט פון אַלט־קייט.

מיין שכן אויף דער באַנק האָט געזען, אַז איך שטיי אַ פאַר׳חלומ־

טער, האָט ער צוגערוקט זיין סידור צו מיר, כדי מיר זאָלן ביידע קע־נען אַריינקוקן.

„אָז ירננו כל עצי יער" — האָט דער חזן פּראָקלאַמירט פייערלעך מיט אַ ציקלדיק געזאַנג.

אַ באַקאַנטער ניגון. דער זעלביקער ניגון ווי אין אַלטן בית־מדרש, ביי אונז אין שטעטל. אפילו דעם אָז האָט אונזער חזן פּונקט אַזוי אויסגעצויגן: לאַנג און מיט כוונה.

„נהרות ימחאו כף..."

דער אַלט־באַקאַנטער טרוים: פון די בערג וועט פליסן מילך און האָניק, דיביימער פון וואַלד וועלן זינגען און די טייכן וועלן פּאַטשן בראַוואָ — כמעט ווי די נייעסטע פּראָגראַם פונעם צע.קאַ. פון דער סאָוועטישער קאָמ.־פּאַרטיי, ווי די לעצטע טעזיסן צום 22טן פּאַרטיי־קאָנגרעס.

דער זעלביקער טרוים!... און אפשר פאַרקערט? די אַלטע מחלוקת! אַ מחלוקת פון עטלעכע טויזנט יאָר: — משיח איז שוין גע־קומען! — ניין, משיח איז נאָך ניט געקומען! ניט אומזיסט האָט דער חזן אַזוי לאַנג אויסגעצויגן דעם אָז... ווער ווייסט, ווען סטאַלין איז אין זיינע לעצטע יאָרן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ גרויסקייט־קאָמפּלעקס (וואָס גייט אָפּט צוזאַמען מיט אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע), איז אים אפשר איינגעפאַלן דער חשד, אַז די אידן גלויבן מסתמא ניט, אַז ער איז משיח. עקשנים! אַן אַלטע קראַנקהייט אַזאַ ביי זיי. ער האָט עס נאָך אפשר געדענקט פון זיינע יונגע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין גלחים־סעמינאַר.

„לכה דודי לקראת כלה!..." — האָט דעם חזנ׳ס אויס־רוף מיך אַרויסגעריסן פון מיינע מחשבות. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז כ׳דאַרף טאַקע גלייך גיין, וואָרים כ׳האָב זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט אַ באַקאַנטן זיך צו טרעפן אויפן „רויטן פּלאַץ", און כ׳האָב אים ניט געוואָלט לאָזן וואַרטן, טאָמער וועט ער אָנהויבן איבערצוקלערן. אויסער דעם איז אָט־דער באַקאַנטער געווען אַן אינדיער, און גיי דערצייל אַ מעשה אַן אינדיער פון קאַלקוטאַ, אַז כ׳האָב נאָך געדאַרפט דאַווענען מעריב און זאָגן במה מדליקין.

ווען איך בין אַרויס אין גאַס, איז נאָך געווען ליכטיק. אַרבעטער האָבן פאַרצויגן אַ רויטע פאָן איבער אַ שכנות׳דיקער געביידע. מערע־רע בנינים אַרום זיינען שוין געווען דעקאָרירט. אַ גרופּע „פּיאָנערן" איז פאַרבייגעגאַנגען מיט רויטע פענער אין די הענט.

— ס׳איז שוין לכבוד דעם ערשטן מאַי? — האָב איך געפרעגט אַ מיטליעריקע פרוי, וואָס איז אַרויס צוגלייך מיט מיר פון שול.

— ניין, ס׳איז לכבוד לענינ׳ס געבורטסטאָג — האָט זי געזאָגט.
— אַה, יאָ, מאָרגן איז דאָך לענינ׳ס געבורטסטאָג! — האָב איך אויסגערופן מיט דרך־ארץ און זיך דערמאָנט מיט נאָסטאַלגיע אין דעם פאַרגאַנגענעם דור פון שטורעם און דראַנג, וואָס האָט, צום גוטן אָדער שלעכטן, ממש פאַרענדערט דאָס פּנים פון דער וועלט.

מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען באַרג־אַרויף, איבער דעם ספּאַסאָ־גלינישטשעווסקי פּערעאולאָק. די פּרוי האָט מיר דערציילט, אַז אין איר משפחה איז עמיצער קראַנק געוואָרן, אַן עלטער־מומע, דאַכט זיך, און האָט געבעטן, אַז מען זאָל אַריינגיין אין שול און זאָגן פאַר איר אַ תפילה אָדער באַשטעלן אַ „מי שברך״.

— און ווי לעבט זיך אייך דאָ? — האָב איך זי געפרעגט, ווען מיר זיינען אַריין אין דער באָגדאַן כמעלניצקי גאַס און זיך פאַרנומען לינקס.
— איר זיינט ניט קיין היגער? פון וואַנען?
— פון אַמעריקע.
— אַה!...

כ׳האָב זי אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועגן איר משפחה, אידן בכלל. זי האָט באַטראַכט מיין איזוואָשטשיק־היטל און דעם אַמעריקאַנער אָנצוג, און די קאָמבינאַציע האָט משמעות ניט נושא־חן געווען אין אירע אויגן, וואָרים זי האָט געענטפערט אומ־ווילִיק, מיט אַ האַלבן מויל. נאָך איידער מיר זיינען דערגאַנגען צום פּלעוונע־מאָנומענט האָט זי פּלוצלונג פאַרלוירן די געדולד:

— ס׳איז אונז גוט און וואויל! מיר לעבן גוט! ס׳פעלט אונז גאָר־ניט! זייט מיר געזונט, אַ גוטן! — האָט זי אויסגערופן שאַרף, ווי מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס, און איז אַריבער אויף דער אַנדער זייט גאַס.

כ׳בין שטיין געבליבן מיט אַן אָפענעם מויל, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אַ פאַרגליווערטער „גוט שבת!״ איז מיר שטעקן געבליבן אין האַלז.

המשך דאָ און דאָרט

איצט האָב איך געדאַרפט דורכמאַכן דעם פריערדיקן וועג אויף צוריק: צום פּלעוונע־מאָנומענט, פאַרביי דעם דיערזשינסקי־מעטראָ, דורך דער גאַס פון 25טן אָקטאָבער צום „רויטן פּלאַץ״, ביים ראַנד פון קרעמלין.

ווען מיין וועגוויזערין האָט מיך געהאַט געפירט איבער דעם קרעמלין און דעם „רויטן פּלאַץ״ — אַ געוויינלעכער טור פאַר טור־ריסטן — האָט זי אַליין ניט געוואוסט, אַז זי וויַיזט מיר, סימבאָליש, דעם המשך אין דער דיפּלאָמאַטישער און פּאָליטישער געשיכטע פון רוסלאַנד: פון די פירנצן, באַיאַרן און צאַרן ביז די רעוואָלוציאָנערע

מנהיגים פון די גאָר לעצטע יאָרן. וואָרים די מאָנומענטן פון די פּאַר־שידענע עפּאָכעס שטייען צוזאַמען, לעבן־אַנאַנדער, אויף אַ געמיינזאַ־מען שטח; איר גייט פון איינעם צום צווייטן און איר פילט ניט קיין איבערברוך. אָט טרעט איר אויף דעם בערגל, וואו פּרינץ דלאָגאָרוקי האָט פאַרלייגט זיין מיליטערישן לאַגער, אין 12טן יאָרהונדערט, און געפּראַוועט אַ סעודה לכבוד זיין פריינט, פּרינץ סוויאַטאָסלאַוו, פון נאָוו־גאָראַד־סעווערסקי. מען ווייזט אייך דאָס אָרט, וואו ער האָט אויפגע־בויט הילצערנע ווענט ווי אַ שוץ אין די כסדר׳דיקע מלחמות קעגן זיינע שכנים, און ספּעציעל קעגן די טאַטאַרן־מאָנגאָלן (אַ רמז אויף דעם לאַטענטן קאָנפליקט מיט כינע?), און די טויערן און באַשניעס, וואָס די ווייטערדיקע הערשער האָבן אויפגעשטעלט אין משך פון יאָר־הונדערטער.

אין דער אַרחאַנגעלסקי קאַטהעדראַל און אין די פּאַרשידענע צערקוועס פון קרעמלין (פון דער „בשורה״, פון „אַרכי־מלאך מיכאל״ א. אַ.) זעט איר די קברים פון די מאָסקווער גרויס־פירשטן און רוסישע צאַרן, די צינז־מתנות פון דעראָבערטע לענדער, פעלקער און שבטים אין אייראָפּע און אַזיע, די אוצרות פון יעקאַטע־רינע „די גרויסע״, די וואַנט־בילדער פון איוואַן „קאַליטאַ״ און איוואַן „גראָזני״ און די קרוין פון צאַר מיכאַאיל ראָמאַנאָוו, וועלכער האָט געגרינדעט די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע.

און ווען איר גייט אַרויס דורך אַ טויער צום „רויטן סקווער״ שטייט איר שוין פאַר דעם לענין־מאַזאָלעי. דאַנעבן הויבן זיך די סטאַטועס־פיגורן פון קאַלינין, דזערזשינסקי, סווערדלאָוו, פרונזע און זשדאַנאָוו. אין דער קרעמלין־וואַנט, הינטער זיי, זיינען איינגעמויערט די אורנעס מיט דעם אַש פון אַנדערע באָלשעוויסטישע מנהיגים. אַ לאַנגע ריי פון מאַרמאָר־טאָוולען באַצייכנט זייערע נעמען.

די שכנות פון די מאָנומענטן איז בלויז אַ סימבאָל. דער פלעוונע־מאָנומענט (פאַר די רוסישע קעמפער אויפן באַלקאַן) איז ווידער אַקטו־על. אַ סך דעראָבערונגס־טרוימען פון די צאַרן זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס. נאָר די וועלט איז געוואָרן קלענער און די השגות גרעסער: זיי דערגרייכן ביז טיף אין אַפריקע און ביז צום פּאַציפיק. איז מוטערל רוסלאַנד ווידער־אַמאָל באַדראָאָט פון די טאַטאַרן בצורת כינעזער?

אויך אין דער אינערלעכער פּאָליטיק איז פאַראַן אַ המשך. לענין האָט זיך פאַרמאָסטן אויף גרינטלעכע ענדערונגען, אָבער ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט: נאָך זיין טויט האָט „דער קוכער פאַרקאָכט די אמת׳ע קאַשע״. (צי וואָלט עמיצער־אַנדערש געגאַנגען אויף אַן אַנדער וועג, אָדער ס׳איז אַ פאַטאַלער גאַנג צוליב באַדינגונגען —

איז שווער צו וויסן). די פרייהייט איז ווידער באַגרעניצט — טייל ווייז צוליב אַנדערע סיבות ווי אַמאָל — נאַציאָנאַליזם און מיליטאַריזם זיינען אין אויפשטייג, און דער קרעמלין הערשט ביד חזקה.

* * *

און דער המשך אַרום דער שול?

אידישע סאָציאָלאָגן, טעאָלאָגן און סתם געלערנטע פאָרן פון צייט צו צייט אין סאָוועטנפאַרבאַנד כדי צו שטודירן די לאַגע פון די דאָרטיקע אידן. זיי מעסטן מיט אַ טערמאָמעטער, ציילן דעם פולס און קומען אַרויס מיט נביאות אויפן סמך פון סטאַטיסטיקעס: אַזויפיל און אַזויפיל אידן קענען נאָך אַ אידיש וואָרט, כך וכך געמישטע חתונות, דער דורכשניט עלטער פון די וויניקע שול־אידן איז 50 יאָר א. אַ. וו.

אויפן וועג פון דער מאָסקווער סינאַגאָגע צום „רויטן פלאַץ" זיינען מיך אין בין־השמשות באַפאַלן שרעקלעך אפיקורסישע געדאַנקען, דהיינו: אַז אין ברייטערן זינען, ווי אַ סימבאָל, און אין אַ ווייטערער פּערספּעקטיוו, ניט ווילנדיק, קעגן איר ווילן אפילו, גורל'דיק כמעט, איז די שול אויך איצט פּראָגרעסיווער און אפילו רעוואָלוציאָנערער ווי דער קרעמלין — ווי זי איז עס שטענדיק געווען.

שטענדיק? — די שול איז אין די צאַריסטישע צייטן ניט געווען רעוואָלוציאָנער, און ניט דווקא דערפאַר וואָס אירע „פּני" און גבאים האָבן געהערט צום מיטעלן אָדער רייכערן קלאַס (אין האַרצן האָבן זיי דאָך פיינט געהאַט די פּאַגראָם־רעגירונג), נאָר ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז מען זאָל ניט זאָגן, אַז די אידן זיינען די „בונטאָווטשיקעס" און די קראַמאָליאַ. טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און זייערע נאָכפאָלגער, און אפילו פּשוט'ע עמך־בונדיסטן האָבן זיך, פון זייער זייט, אויך ניט אידענטיפיצירט מיט דער שול. ווייט דערפון.

אָבער אומאָפּהענגיק פון דעם וואָס אָט־די צוויי צדדים גופא האָבן געטראַכט, איז צווישן זיי געווען אַ שטיקל שייכות — צוליב דער אײנשטעלונג פון דעם דריטן צד, דער אַרומיקער וועלט. די אַרומיקע וועלט האָט אויך די אידישע אַטעאיסטן אידענטיפיצירט מיט אידישקייט און קאַטאַלאָגירט ווי אידן, און דער רעזשים האָט זיי פאַרפאָלגט און דיסקרימינירט קעגן זיי ווי קעגן כלל ישראל. די צאָל אידן צווישן די ליבעראַלן און רעוואָלוציאָנערן למיניהם איז דעריבער געווען זייער אַ גרויסע.

אויב דער קרעמלין וועט ווייטער אָנגיין מיט דעם „המשך" אויפן געביט פון דיסקרימינאַציע, קען מען דערוואַרטן אַן ענלעכע אַנטוויקלונג אויך אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַ געקריוודעטער — אַ יחיד צי אַ כלל — איז געצוווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן, נאָכצוטראַכטן און צו דענ־

קען זעלבסטשטענדיק. און זעלבסטשטענדיק דענקען, אפילו פאַר זיך, איז נאָך אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַ רעוואָלוציאָנערע טאַט (אפילו אין דעם נאָך־סטאַלין רעזשים).

און וואָס שייך די סטאַטיסטיקס: אַזוי לאַנג ווי עס וועלן הערשן אפילו די לייכטסטע באַגרעניצונגען קעגן אידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועט די אַרומיקע וועלט באַטראַכטן יעדן אידישן יחיד — ווי אַסימי־לירט ער זאָל ניט זיין — ווי אַן אָנגעהעריקן צום אידישן כלל, און אידן גופא וועלן זיך אידענטיפיצירן מיט דעם דאָזיקן כלל, אַלצאיינס צי זיי וועלן גיין דאַוונען אין שול און צי זיי וועלן קענען אַ שייטל „עברי". און אַזאַ אידענטיפיקאַציע שטויסט פריער אָדער שפּעטער צום נאָכטראַכטן און צום לערנען.

אַ סידור נוסח סיביר

הקדמה

אייגנטלעך האָב איך זיך באַמיט ניט פאַרכאַפּט צו ווערן פון דער סידור־ראָמאַנטיק, וואָס ווערט ביי אונז אָנגעווענדעט לגבי דעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד. דער סקעפּטיקער אין מיר האָט גע׳טענה׳ט: גיב נאָר אַ קוק, אידן וואָס גייען איין מאָל אַ יאָר, צו כל־נדרי, אין שול אַריין, און אפילו איבערצייגטע אפיקורסים, וואָס זיינען שוין ניט אַריבער־געטראָטן דעם שוועל פון אַ שול אין משך פון די לעצטע 50 יאָר, ווערן ממש צעשמאָלצן פון סענטימענטאַלקייט, ווען עס קומט צו רייד וועגן אַ סידור אָדער אַ מחזור, וואָס מען קען נישט באַקומען אין מאָסקווע אָדער מינסק.

אָבער די טענה איז קיין טענה ניט. דער סידור איז אין דעם פאַל געוואָרן אַ סימבאָל קעגן אונטערדריקונג פון קולטור. און אויסער אַ באַהאַלטענער נאָסטאַלגיע (אפשר דווקא ביי אפיקורסים) דריקט־אויס די סידור־ראָמאַנטיק אויך אַ פּראָטעסט קעגן צוואַנג און אומטאָלע־ראַנץ. און איצט, נאָכדעם ווי כ׳האָב אָפּגעצאָלט אַ צינז דעם ריבונו־של־עולם פון די אַטעאיסטן, קען איך שוין מיט אַ רואיקן געוויסן דער־ציילן די געשיכטע פון סידור נוסח־סיביר.

קאַפּיטל 1: אַ סידור און סתם שירים

ס׳איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען אין „טאָגבוך" די גע־שיכטע פון איינעם אַ רעוואָלוציאָנער, חבר יוסף, וועלכער איז געקומען קיין ארץ־ישראל ווי אַ חלוץ מיט דער דריטער עליה, און איז אין די 20ער יאָרן געוואָרן איינער פון די גלאָוונע אָנפירער פון דער פּאַלעס־טינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז שפּעטער נתעלה געוואָרן ווי אַ טוער אין קאָמאינטערן און איז געפאָרן אין פאַרשידענע שליחות׳ן אין איראָפּע. אין אָנהויב פון די 30ער יאָרן איז ער געקומען קיין מאָסקווע, וואו ער האָט געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פאַרן מיטעלן

מזרח אין קאַמאַינטערן. צווישן די קאָמוניסטן אין ארץ־ישראל איז זיין נאָמען פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ לעגענדע. אַרום 1935, ביים אָנהויב פון די גרויסע טשיסטקעס, האָט מען אים אַרעסטירט און ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, וואו ער איז אָפּגעזעסן עטלעכע און צוואַנציק יאָר. אין דער צייט פון דער אַמנעסטיע, עטלעכע יאָר נאָך סטאַלינ׳ס טויט, איז ער באַפרייט געוואָרן. מען האָט אים רעהאַביליטירט און אפילו זיין פּאַרטיי־ביכל האָט ער צוריק באַקומען. ער איז אָבער אַריבערגעפאָרן קיין פּוילן און פון דאָרט איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

אַזוי ווי ער האָט פאַרנומען אין פּוילן אַ רעגירונגס־אַמט (אין אַ פאָרש־אינסטיטוט), איז ער געפאָרן קיין ישראל ווי אַ טוריסט. זיין באַגאַזש איז געקומען באַזונדער. אַ געוויסער אַמט אין ישראל האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין געפּעק. טאַקע אַ בעל־תשובה, אָבער כבדהו וחשדהו — אַזאַ פויגל, ווער קען וויסן? ווען געוויסע „באַאַמטע״ האָבן אַריינגעקוקט, אָן זיך וויסן, אין זיינע פּעקלעך, האָבן זיי דאָרט אַנטדעקט אַ דיקן מאַנוסקריפּט. אַ מאַנוסקריפּט?!... האָבן זיי אַ בלעטער געטאָן, זיך גענומען לייענען און דערזען, אַז ס׳איז אַ סידור... אַ סידור איבערגעשריבן מיט דער האַנט פון אלף ביז תיו, פון „קדיש יתום״ און „מודה אני״ ביז די „סליחות״ און די „יוצרות״.

דער סידור איז געשריבן געוואָרן אין די לאַגערן פון סיביר. אין די לאַגערן פון סיביר האָט מען ניט געטיילט קיין סידורים צו די אַרעסטאַנטן, האָבן עטלעכע פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס איבערגעשריבן אַ סידור מיט דער האַנט. אפשר האָבן זיי אים קאָפּירט פון אַ סידור, וואָס האָט זיך דאָרט פאַרוואַלגערט (כדי צו האָבן נאָך אַן עקזעמפּלאַר), און אפשר האָבן מערערע אַרעסטאַנטן צוזאַמען פאַרגעדענקט דעם גאַנצן סדר־התפילות (אַזאַ סידור איז דאָך געשריבן געוואָרן אין משך פון יאָרן, אין פאַרשידענע לאַגערן).

אין ישראל שרייבט איצט יוסף ווייטער — אָבער ניט קיין סידורים. ער שרייבט אויף העברעאיש. ער האָט געלערנט דאָס לשון אין משך פון די אַלע יאָרן אין סיביר, און ער האַלט אַז העברעאיש האָט אים דערהאַלטן ביים לעבן.

ער איז, דרך אגב, איינער פון די געציילטע מענטשן (אפשר דער איינציקער לעבן־געבליבענער) וואָס האָט באַגעגנט דעם העברעאישן פּאָעט חיים לענסקי אין אַ סיבירער לאַגער. לענסקי איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע. ער איז כל ימיו געווען אַ פּשוט׳ער אַרבעטער, אַ פּראָלעטאַריער כדת וכדין. בייטאָג האָט ער געאַרבעט אין אַ סאָוועטישער פאַבריק, און אין די אָוונטן האָט ער געשריבן העברעאישע שירים. ס׳רעדט זיך אַזוי לייכט: געשריבן... איינזאַם און איזאָ־

לירט, אין אַ פּיינטלעכער וועלט, וואו די שפּראַך איז געווען פאַרבאָטן, אָן יעטווידער אויסזיכט געדרוקט צו ווערן, וואו פּאַרצולייענען אַ ליד פאַר אַ פריינט, אפילו עס סתם האַלטן אין שופלאַד, האָט געשמעקט מיט סכנת־נפשות.

יאָרן־לאַנג האָט מען לענסקי׳ן ניט געטשעפּעט. אָבער ווען דער טעראָר איז פאַרשאַרפט געוואָרן, האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר, אין אַ לאַגער. ער האָט דאָרט ווייטער געשריבן העברעאישע שירים.

יוסף איז איינמאָל אַריבערגעשיקט געוואָרן אין אַ נייעם לאַגער. דער דאָרטיקער נאַטשאַלניק האָט אַריינגעקוקט אין זיינע בעביכעס, און ווען ער האָט דאָרט דערזען אַ בלעטל מיט העברעאישע אותיות, האָט ער צו אים געזאָגט:

— ביי אונז איז דאָ פאַראַן נאָך איינער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט די פּירקאַנטיקע בוכשטאַבן...

ס׳איז געווען דער דיכטער חיים לענסקי. זיי האָבן זיך באַגעגנט. לענסקי האָט תחילת אפילו ניט געוואָלט רעדן מיט יוסף׳ן: ס׳טייטש, אַ מענטש איז געווען אין ארץ־ישראל און האָט זיך געלאָזט אויף אַזעלכע דרכים!... אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך איבערגעבעטן, זיך באַפריינדעט און... גערעדט העברעאיש. מיר דאַכט זיך, אַז יוסף איז געשטאַנען ביי דער נאַרע, ווען לענסקי איז אויסגעגאַנגען אין לאַגער.

חיים לענסקי איז געשטאָרבן אין לאַגער, אין סיביר. ער האָט ניט זוכה געווען צו זען זיינע שירים געדרוקט. אַ בוך פון זיינע לידער, וואָס זיינען אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון ס. ס. ס. ר., איז לעצטנס דערשי־נען אין ארץ־ישראל. אַ קליין ביכל — שירים נוסח־סיביר.

אָבער די געשיכטע מיטן סידור איז אייגנטלעך דער עפּילאָג, דער סוף המעשה.

קאַפּיטל 2: „ר״ מיינט „ראַזסטרעליאַט״

ווען יוסף איז באַפרייט געוואָרן און איז צוריקגעקומען קיין מאָס־קווע, האָט ער זיך גענומען נאָכפאָרשן די געשיכטע פון זיין אַרעסט און פּראָצעס מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק. ס׳איז שווער געווען צו געפינען וועלכע־ס׳איז שפּורן. דער פּראָקוראָר, זיינע שופטים און שוטרים פון יענער צייט זיינען פאַר דער צייט דערשאָסן געוואָרן (אפשר איז אויך ווער פון זיי געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט). ער האָט פון דעסטוועגן געפונען איין מענטש, וואָס האָט אים גענוי דערציילט ווי די זאַך איז זיך פאַרלאָפן:

נאָכדעם ווי מען האָט יוסף׳ן אַרעסטירט, האָט מען אים פאַר־משפּט צום טויט. אויף זיין אַקט איז אָנגעצייכנט געוואָרן אַ רוסישע P, וואָס מיינט „ראַזסטרעליאַט״.

די אַקטן זיינען צופעליק אַריינגעפאַלן צו אַ באַאַמטן, אשר ידע את יוסף, וועלכער האָט אים גוט געקענט. האָט ער גענומען די טעקע און איז אַרויף צו אַ גאָר הויכן באַאַמטן — זיינער אַ באַקאַנטער — וועלכער האָט געהאַט זיין ביורא אין זעלביקן הויז, עטלעכע עטאַזשן העכער, און האָט צו אים געזאָגט:

— אַזוי און אַזוי, אַט־דער מאַן, יוסף, איז צו אונז געקומען פון פאַלעסטינע, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַראַבישע מאַסן קעגן די ציוניסטישע און בריטישע אימפּעריאַ־ליסטן. ער האָט אונז געבראַכט זייער ווערטפולע אינפאָרמאַציע און ער איז בכלל אַ מענטש מיט אַ סך וויסן אין אַט־די פּראָבלעמען. איז עס ניט אַ שאָד פאַר דער רעוואָלוציע, אויב מען וועט אים דערשיסן?

דער הויכער באַאַמטער האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: וואָס קען איך טאָן? און טאַקע — וואָס האָט ער געקענט טאָן? ער האָט דאָך מורא געהאַט אפילו פאַר דעם קליינעם באַאַמטן, וועלכער איז, אמת, געווען זיינער אַ פריינט — אפשר איז עס אַ פּראָ־וואָקאַציע?

אַ ווײַלע איז ער געזעסן אַ פאַרטראַכטער. ער האָט אַמאָל, גאָר אַמאָל, געהאַט געהערט פון פאַלעסטינע. אין דערהיים אפשר, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, מסתמא. ס'איז געווען מיט אַזויפיל יאָרן צו־ריק! פאַרנעפּלטע געשטאַלטן האָבן אויפגעטויכט אין זיין זיכרון, פּנים'ער, אויגן. צופעליק האָט ער געהאַלטן אַ בלייפעדער אין דער האַנט און, ווי דער שטייגער פון אַ צעשטרייטן מענטשן, האָט ער פאַרטראַכטער־הייט געצייכנט מיטן בלייפעדער איבער דעם טיש און אויפן כתב. און אַזוי, ניט ווילנדיק, איז פון דעם רוסישן P געוואָרן אַן 8...

און אַזוי האָט יוסף געקראָגן 8 יאָר — אַ „דיעטסקי סראָק", ס'הייסט אַ קינדערשער טערמין כמעט, ווי מען האָט עס גערופן אין די תפיסה־קרייזן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. ווען דער טערמין האָט זיך גע־ענדיקט, האָט מען אים דערלייגט נאָך צען יאָר, כדי עס זאָל זיין אַ גלייכע צאָל — ח״י, צום לעבן. און ווען די 18 יאָר זיינען אַריבער, האָט מען אים ווידער דערלייגט 10 יאָר, און —

איינער אַ פריץ האָט אַמאָל געלאָזט אויסרופן, אַז דער וואָס וועט אויסלערנען זיין הונט רעדן אין משך פון 10 יאָר, וועט באַקומען אַ שכר־לימוד פון טויזנט רובל. די מזומנים וועט ער גלייך באַצאָלן, אָבער מיט איין באַדינג: אויב דער הונט וועט אין 10 יאָר אַרום ניט קענען רעדן, וועט ער, דער פריץ, דערשיסן דעם לערער. האָט זיך איינער אַ איד אונטערגענומען צו קנעלן מיטן הונט די חכמה פון רעדן. האָבן מענטשן צו אים גע'טענה'ט:

— ס'טייטש, איר זיינט משוגע געוואָרן, צי וואָס? אין 10 יאָר אַרום וועט דאָך דער פּריץ אייך דערשיסן!

— ווייס איך וואָס! — האָט געזאָגט דער איד — מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסל ביטחון! אין משך פון 10 יאָר וועט אָדער דער כלב פּגר'ן, אָדער דער פּריץ וועט פּגר'ן...

* * *

די מעשה מיטן „8" קלינגט ווי אַ מופת פון אַ חסידישן רבי'ן. עס לייגט זיך ניט אויפן פּשוט'ן שכל. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז ס'איז געווען אַ צייט פון עולים ויורדים, ווען קאָמוניסטישע קאַרפּן־קעפּ זיינען געפאַלן ווי די פליגן, ווען היינטיקע אידעאָלאָגן האָבן זיך צומאַרגנס דערקלערט ווי שפּיאָנען פון שונא, ווען דער שופט איז ניט געווען זיכער וואו ער וועט צומאַרגנס זיצן: אויפן ריכטער־שטול, אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אָדער גאָר אין דער „חד־גדיא". אין די אַקטן־שאַפעס האָט מן־הסתם אויך געהערשט אַ כאַאָס, אַ שיינער תוהו־ובוהו. מענטשן זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין די צענדליקער טויזנטער, איז וועמען איז עס געלעגן אין זינען בודק־צו־זיין צווישן איין אות און אַ צווייטן? פאַר דעם וואָס גלויבט אין מופתים, איז עס בכלל קיין קושיא ניט געווען.

די מעשה קלינגט אויך אַ ביסל ווי שונד — ווי נאַציאָנאַל־רעליגיעזער שונד (פאַראַן אויך אַזאַ זאַך). קען איך דאָ בלויז ברענגען, על־פּי זיכרון, משה נאַדיר'ס אַ ווערטל: דאָס לעבן איז געגאַנגען אין טעאַטער און האָט זיך דאָרט אַרומגעזען, אַז... עס ווייסט ניט ווי צו לעבן.

איז אפשר האָט זיך דאָס לעבן עפּעס אויסגעלערנט אין טעאַטער.

* * *

בעת איינער פון זיינע רייזעס קיין מאָסקווע — אין די קאָמאַינטערן־יאָרן — האָט זיך דאָרט יוסף באַקאַנט מיט אַ מיידל. זיי האָבן חתונה געהאַט. זי איז מיטגעפאָרן מיט אים קיין ארץ־ישראל, האָט אים באַגלייט אויף זיינע רייזעס אין איראָפּע, איז צוריקגעפאָרן מיט אים קיין מאָסקווע און האָט געוואַרט עטלעכע צענדליק יאָר ביז מען האָט אים באַפרייט פון סיביר — אַן איזאָלירטע פון די אַרומיקע פריינט, וואָס האָבן מורא געהאַט איר צו זאָגן „גוט מאָרגן".

ווען כ'האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק באַזוכט יוסף'ן אין תל־אביב, האָט ער מיך אויסגעפרעגט ווער איך בין און פון וואַנען איך שטאַם. מיטאַמאָל האָט ער אַ רוף געטאָן צו זיין פרוי אין קיך:

— קום אַריין! פאַראַן דאָ אַ גאַסט, דיינער אַ לאַנדסמאַן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס „מאָסקווער" מיידל, וואָס האָט

מיט יאָרן צוריק חתונה געהאַט מיט אַ קאָמאינטערן־שליח אין ס.ס.ס.ר., האָט גאָר געשטאַמט פון מיין שטעטל — אַ קליין שטעטעלע אין גראָד־נער געגנט. זי האָט אפילו געדענקט מיך טאַטן און מיין מאַמען. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי מגולגל געוואָרן צוזאַמען מיט איר משפחה, ווי ביעזשענצעס, אין טיף ראַסעי און איז דערנאָך אַריבער־געפאָרן שטודירן אין מאָסקווע. כ׳האָב זיי ניט געקענט, אָבער אַלס קינד האָב איך אָפט געהערט רעדן וועגן איר יחוס׳דיקער משפחה: „איי, ניטאָ מער אַזעלכע שיינע לייט אין שטעטל!... איי, אַמאָליקע יאָרן!...״

כ׳וואָלט דאָ ניט דערציילט אָט־די הימישע ענינים, ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין שייכות צום דריטן טייל פון אונזער געשיכטע.

קאַפּיטל 3: „די גרויסע מצווה״ אָדער „דער צווייטער מופת״

ווען יוסף איז צוריקגעקומען קיין מדינת־ישראל (נאָך „זיין ערשטן טויט״ — ווי ער רופט עס), זיינען אַ סך אַמאָליקע חברים געקומען אים באַזוכן. די מערסטע פון זיי זיינען שוין פון לאַנג אַוועק פון די קאָמוניסטן, אָבער אויך עטלעכע וועטעראַנען פון מק״י, וואָס האָבן אים געדענקט פון אַמאָל, זיינען געקומען אין געהיים זיך צו זען מיט אים.

כאַליד באַכדאַש איז ניט געקומען. אָפּיציעל איז כאַליד באַכדאַש זינט יאָרן דער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סיריע, אָבער פּאַקטיש איז ער דער וואָרט־זאָגער פון סאָוועטישן קאָמוניזם אויפן גאַנצן מיטעלן מזרח, ספּעציעל אין די אַראַבישע לענדער. ער קריגט זיינע אינסטרוקציעס דירעקט פון גאָר אויבן און זיין פּאָליטי־שע ליניע איז „הלכה ל׳כרושטשעוו מ׳קרעמלין״.

חבר נחמן איז יאָ געקומען. אויך ער איז געווען אַ וויכטיקער קאָמוניסטישער טוער אין ארץ־ישראל, אין די 20ער יאָרן און שפּע־טער. אין יענער צייט איז ער מערערע מאָל געפאָרן אויף געהיימע מיסיעס אין די אַרומיקע אַראַבישע לענדער, ספּעציעל אין סיריע טאַקע. אַ צייט־לאַנג האָט ער געוואוינט אין פּאַריז און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל און איז געוואָרן אַ ציוניסט בלבֿ ונפש — אפשר איינער פון די געטרייסטע אין לאַנד (פון זיין מויל וועט איר קיינמאָל קיין טענה ניט הערן קעגן לאַנד). זיינע צוויי טעכטער זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַ קיבוץ, וואו זיי קלייבן זיך צו באַזעצן. איינע פון זיי דינט אַצינד אין דער ישראל־אַרמיי.

ווען זיין אַמאָליקער רבי איז צוריקגעקומען פון גלות־סיביר, איז נחמן געגאַנגען אים געבן שלום. מען האָט זיך צערעדט. יוסף׳ס פרוי איז אַריין אין קיך מאַכן טיי. באַלד האָט נחמן אַ פרעג געטאָן:

— אפשר ווייסטו וואָס ס'איז געוואָרן פון שמעונ'ען?

שמעון איז געווען דער שליח פון קאָמאינטערן אין פּאַלעסטינע אַ ביסל שפּעטער, אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן. ער איז געווען אַזוי קאָנספּיראַטיוו, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט זיין צווייטן נאָמען. ער איז געווען אַ טרייער דינער פון קאָמאינטערן און אין זיין צייט איז דורכגעפירט געוואָרן די „אַראַביזאַציע" פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי עס פּאַסט פּאַר אַן אַראַביש לאַנד; אָבער אַזוי ווי די צאָל אַראַבישע קאָמוניסטן אין ארץ־ישראל איז דעמאָלט געווען זייער אַ קליינע, האָט מען געמוזט אַריינגעמען כמעט אַלע אַראַבישע פּאַרטיי־חברים אין צענטראַל־קאָמיטעט, כדי עס זאָל דאָרט זיין אַן אַראַבישע מערהייט.

ער האָט זיך אויך באַמיט אויפצומונטערן די אַראַבער, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ שטיקל אויפשטאַנד קעגן די אימפּעריאַליסטישע ציוניסטן, אָבער ווי אויף צו־להכעיס האָבן זיך די אַראַבער גראָד דעמאָלט ניט געוואָלט רירן; אפילו שמעונ'ס באַמיאונגען, אַז איידער וואָס־ווען זאָלן אידישע בחורים זיי ווייזן אַ ביישפּיל, האָבן נישט געהאָלפן.

אָט־די אַלע קלייניקייטן האָט יוסף ניט דערציילט אויף יענער באַגעגעניש. ס'איז מעגלעך, אַז ער האָט אפילו ניט געוואוסט געווען זיי. אויסערדעם האָט זיין גאַסט, חבר נחמן, גוט געקענט די דאָזיקע געשיכטעס. אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום איז שמעון צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע, און איז נעלם געוואָרן — ווי אין וואַסער אַריין. וואָס איז מיט אים געשען?

יוסף האָט געוואוסט, וואָס ס'איז מיט אים געשען. קורץ נאָך זיין צוריקקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען אויך שמעונ'ען אַרעסטירט. ער האָט גראָד געקראָגן אַ מילדן אורטייל: דערוויילן עטלעכע יאָר אין אַ לאַגער אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד, סך־הכל עטלעכע הונדערט מייל פון מאָסקווע. יוסף איז שוין דעמאָלט געווען עט־עט אין די טונדרעס, ווייט אין סיביר, ערגיץ ביים ווייסן ים. ולא זכר את יוסף וישכחהו, מען האָט זיי ביידן פאַרגעסן, און זיי וואָלטן אפשר אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין נחת און אין פרידן אין די לאַגערן.

אָבער ויהי מקץ שנתים ימים, עס זיינען אַריבער עטלעכע יאָר און סטאַלין האָט געשלאָסן דעם פּאַקט מיט היטלער'ן. האָט מען זיך אין די „היכע פענסטער" דערמאָנט אין די צוויי אַרעסטאַנטן און מען האָט באַשלאָסן זיי אַראָפּצוברענגען קיין מאָסקווע און איינצואָרדענען איבער זיי אַ ספּעקטאַקל־משפּט. די באַשולדיקונג איז געווען אַ פּשוט'ע, זי איז ממש געלעגן אויף דער האַנט, דהיינו: אַז זיי זיינען ביידע גע־

וועז שפּיאָנען פון בריטישן אימפּעריאַליזם און אַגענטן פון זיינע ציוניסטישע משרתים.

מען מוז מודה זיין, אַז אַזאַ משפּט וואָלט געווען אַ דבר בעתו, דורכאויס לשמה, ס׳הייסט אין די אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע: אַזוי וויביידע באַשולדיקטע זיינען געווען אידן, וואָלט מען ראשית געקענט באַווייזן. פאַן ריבנטראָפּ־געבעלסן דאָס „פּיסל חזיר כשר״ — אַז „אויך ביי אונז לעקן אידן ניט קיין האָניק״; והשנית האָט דאָך דער סאָוועטנפאַרבאַנד דעמאָלט געפירט אַ ביטערע העצע קעגן די בריטישע קריגס־צינדערס (וועלכע זיינען געשטאַנען אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן היטלעריזם); און דריטנס — ס׳וואָלט געהאָלפן כשר׳ן דעם טרפה׳נעם פּאַקט אין די אויגן פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן אויף דער וועלט: אדרבא, זאָלן זיי זען ווי דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז געווען אַרומגערינגלט פון שונאים, וואָס האָבן צוגעגרייט אַן אימפּעריאַליסטישע אינטערווענץ...

והרצים יצאו דחופים, מען האָט אַרויסגעשיקט שטאַפּעטן אין די לאַגערן מיט די געהעריקע פּריקאַזן. שמעון׳ען האָט מען טאַקע באַלד געבראַכט קיין מאָסקווע און איינגעזעצט אין אַ תפיסה, וואו מען האָט אים „צוגעגרייט״ צום משפּט (איינגע׳חזר׳ט מיט אים דעם „מודה אני״ פון סטאַליניסטישן „סידור״); אָבער ביז דער פּריקאַז איז אָנגעקומען אין וויטן סיביר, ערגיץ אין די טונדרעס, וואו ס׳איז ניט געגאַנגען קיין באַן און ס׳איז טיילמאָל ניט געווען קיין טעלעגראַף אפילו, און ביז מען האָט דאָרט אויפגעזוכט יוסף׳ן — זיינען אַריבער שיינע עטלעכע חדשים. און דערווילע זיינען די היטלעריסטישע אַרמייען אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד.

איצט וואָלט שוין דער פּראָצעס געווען אַן אומזין. וואָס הייסט בריטישע אַגענטן? אַז די ענגלענדער זיינען דאָך איבער נאַכט געוואָרן די באַליבטע אַליאירטע פון סאָוועטנפאַרבאַנד, די מוטיקע קעמפער קעגן די פאַשיסטישע בעסטיעס! איז אַרויס אַ צווייטער פּריקאַז, אַז מען זאָל יוסף׳ן במחילה לאָזן אין לאַגער (אָדער אים אומקערן אַהינצו, אויב ער איז שוין אונטערוועגס). מען האָט אים, חס ושלום, ניט באַפרייט; אָט, זאָל זיך וואַלגערן אַזאַ מענטש אין לאַגער על כל צרה שלא תבוא — אַז מען זאָל ניט באַדאַרפן.

און דערווילע האָבן זיך די דייטשן דערנענטערט צו מאָסקווע און ס׳איז אַרויס אַ באַפעל, אַז מען זאָל אַריבערפירן אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן ערגיץ אין מיטל־אַזיע. אָבער ווי האָט מען זיי געקענט עוואַקואירן, אַז עס זיינען אפילו ניט געווען גענוג צוגן פאַר דער עוואַקואַציע

פון סתם בירגער? איז די גע. פּע. או. געפֿאַלן אויף אַ המצאה: ווער דאַרף עוואַקואַציע? אירע אַגענטן זיינען אַריין אין די טורמעס און האָבן דערשאָסן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אויף אַן אָרט, און פּטור אַן עסק. צווישן די דערשאָסענע זיינען אויך געווען שמעון און זיין זון.

— און דניאל, „דער אַלטער", ווי מען האָט אים גערופן? — האָט געפרעגט נחמן.

— דערשאָסן.

— און קאַלטון?

— געשטאָרבן אין תפיסה.

איצט האָט נחמן גענומען אַ וואָרט. אויך ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן:

— דו געדענקסט, יוסף — האָט ער אָנגעהויבן — ווען איך בין איינמאָל, מיט אַ דריי צענדליק יאָר צוריק געפֿאָרן אויף אַ מיסיע קיין סיריע, איז אַז כ'בין צוריקגעקומען, האָב איך דיר דערציילט, אַז כ'האָב דאָרט אַנטדעקט איינעם אַן אַראַבישן סטודענט, אַ חברה־מאַן מיט אַ שאַרפן קאָפּ און אַ טאַלאַנט פאַר פּאָליטיק. כ'האָב דיר נביאות־געזאָגט, אַז ס'וועט פון אים עפּעס ווערן... געדענקסט?

— יאָ... — האָט זיך יוסף קוים דערמאָנט.

— אָט יענער יונגער סטודענט, דאָס איז דאָך טאַקע כאַליד באַכּ־דאַש, דער היינטיקער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סיריע, דער וואָרט־זאָגער פון קאָמוניזם אויפן גאַנצן מיטעלן מזרח.

פון קיך האָבן זיך אַ שאַר געטאָן שטילע טריט. יוסף'ס פרוי איז דערשינען אויפן שוועל. זי האָט זיך אָפּגעווישט די הענט אָן פאַרטוך, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און פרום אַ זאָג געטאָן צו נחמנ'ען:

— איי־איי־איי, אַ גרויסע מצוה האָט איר פאַרדינט!

טעאָריעס, ווירקלעכקייט און סתירות

אויך אין דער מערב־וועלט איז די אידן־פראַגע אַ קאָמפּליצירטער ענין, און אַוודאי, און נאָך מער — אין סאָוועטנפאַרבאַנד. וואָס מיינט אין אַמעריקע אָדער מערב־איראָפּע: „איך בין אַ איד״? — לויט דער רעליגיע? נאַציאָנאַליטעט? אָפּשטאַמונג בלויז? עטנישע סימנים? די דעפיניציעס האָבן זיך געביטן לויט צייטן און לענדער.

אָבער אין מערב זיינען אַ סך ענינים ניט דעפינירט און ניט פּלאַנירט. מען איז נאָך דאָרט אפילו ניט זיכער, צי ס'איז פאַראַן אַ גאָט אָדער ניט. די עקאָנאָמיע באַוועגט זיך, אָן אַ צענטראַלן פּלאַן, צווישן קריזיסן און פּראָספּעריטיס. און ס'איז נאָך ניט באַשלאָסן געוואָרן, אין אַ מלוכה'שן פאַרנעם, ביי וועמען עס שטייט־אין דער אמת'ער אמת: ביי די מאַטעריאַליסטן, די אידעאַליסטן אָדער גאָר די עקזיסטענציאַליסטן.

אין אַזאַ לאַבילער אומבאַשטימטקייט איז ווי־ניט־איז פאַראַן אַ שטיקל אָרט אויך פאַר דער אומדעפינירטקייט פון באַגריף „איד״. ס'הייסט: אַלץ ווייסט איר שוין? נאָר דאָס פעלט אייך?

אַנדערש אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָרט איז אַלץ דעפינירט און פּלאַנירט, פאָרמולירט און איינגעראַמט אין טעזיסן און רעזאָלוציעס פון קאָנגרעסן און צענטראַל־קאָמיטעטן. אויך די יוצא־דופן'דיקע אידן־פראַגע האָט דאָרט געדאַרפט דעפינירט ווערן און געליזט ווערן דורך אַ געניעם פּלאַן. אָבער אָנשטאָט אַ פּלאַן און אַ ליזונג איז גאָר אַרויסגעקומען אַ קייט פון סתירות.

* * *

לויט די מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער, האָט די אידן־פראַגע געדאַרפט געליזט ווערן אויטאָמאַטיש אין דער קלאַסנלאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ רעזולטאַט פון אומגלייכקייט, פון קנאה־שנאה, קאָנקורענץ, העצע מצד די הערשנדיקע

קלאַסן. אָבער אַז מענטשן וועלן ווערן אויסגעגלייכט אויך עקאָנאָמיש, עס וועט מער ניט זיין קיין קאָנקורענץ, און קנאה־שנאה און די הערשנ־דיקע קלאַסן וועלן פאַרשווינדן, וועט אויך דער אַנטיסעמיטיזם נעלם ווערן. דאָס איבעריקע וועט מען שוין שפּעטער זען.

דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט ניט אָפּגעשאַפט די קאָנקורענץ און האָט ניט איינגעפירט קיין גלייכקייט. צוליב דער אָרימקייט איז דאָרט דער געראַנגל פאַר אַ בעסערער פּאָזיציע אפילו פאַרשאַרפט געוואָרן. דווקא על־פּי מאַרקסיסטישער לאָגיק איז אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד ניט קיין איבערראַשונג; ער איז אַ רעזולטאַט פון די באַ־דינגונגען.

אָפיציעל אָבער איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד אַ קלאַסנלאָזע געזעל־שאַפט, און אַזוי ווי אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט קען דאָך ניט זיין קיין אידן־פראַגע, איז דאָרט דאָס פּראָבלעם אָפיציעל ניט בנמצא. עס שטייט ניט אויף דער טאָג־אָרדענונג. אין דערווירקלעכקייט האָט אָבער די פראַגע כסדר עקזיסטירט און האָט אפילו דורכגעמאַכט אַלערליי גלגולים.

לייזונג דורך אַסימילאַציע און די ערשטע אָפּנויגן

לענין האָט געהאַלטן, אַז אידן זיינען ניט קיין פאָלק, ווייל זיי לעבן ניט אויף קיין אייגענער באַזונדערער טעריטאָריע. זיי זיינען רוסן, פּאָליאַקן, פראַנצויזן א. אַ. אויב זיי האָבן אין משך פון דורות אויפגעהאַלטן אַ געוויסן אייגנאַרט, איז עס געשען צוליב די רדיפות מצד דער אומוועלט און די באַדינגונגען פון די פאַרשידענע קלאַסן־געזעלשאַפטן. אין דער סאָציאַליסטישער וועלט וועלן זיי זיך פולשטענ־דיק אַסימילירן, אויסמישן און פאַרשווינדן ווי אַ באַזונדערע גרופּע.

לענין איז אָבער ניט געווען קיין אַנטיסעמיט. מיר דאַכט זיך, אַז אפילו זיינע שאַרפסטע קעגנער האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קעגן אים אַזאַ פאָרוואורף. אידישע אַסימילאַנטן, אויך בירגערלעכע, האָבן אויך געהאַט די זעלביקע מיינונג (ערשט לעצטנס האָט די אַסימילאַציע גע־מאַכט אַ „השיבנו נאַזאַד", אָבער נאָר אונטערן איינדרוק פון חורבן־אייראָפּע און ווייל זיי האָבן איינגעזען, אַז פאַרשווינדונג דורך פאַרמי־שונג איז אָפּהענגיק ניט בלויז פון די אידן, נאָר אויך פון דער אַרו־מיקער וועלט).

גראָד אין זיין קעגנערשאַפט צו אַנטיסעמיטיזם איז לענין געווען פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטן, כאָטש ביי אַנדערע ענינים האָט ער, ווי אַ גוטער באָלשעוויק, געהאַלטן פון טאַקטיק און אַז דער ציל כשר'ט די מיטלען. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער אין סאַמע ברען פון בירגער־קריג, אין אַ צייט ווען די רוסישע מאַסן זיינען געווען פאַר'סמ'ט פון

צאַריסטישן אידן־האַס, געהאַלטן אַ פּלאַמיקע רעדע קעגן אַנטיסעמי־טיזם — כאָטש ער האָט זיכער געוואוסט, אַז די ווייס־גוואַרדייער וועלן אויסנוצן אָט־דעם מאָמענט קעגן זיין רעוואָלוציע.

ער איז אויך געווען קאָנסעקווענט אין זיין שטעלונג. ס׳האָט אים אָפּנים ניט געאַרט, וואָס אין באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט איז דעמאָלט געווען אַזאַ גרויסע צאָל אידן. ראשית, איז ער געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט; און צווייטנס, זיינען דאָך, לויט זיין טעאָריע, זינאָוויעוו אָדער ראַדעק בכלל ניט געווען קיין אידן, נאָר רוסן (מען דאַרף דערמאָנען אָט־די פאַקטן ניט בלויז צוליב לענינ׳ס זכות, נאָר אויך כדי צו זען בולט׳ער ווי די זאַכן האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין אַ פּונקט קעגנגעזעצטער ריכטונג).

אפשר האָבן אויך אָביעקטיווע פאַקטאָרן געשפּילט דערביי אַ ראָליע. גראָד לויט דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע מעג מען זאָגן, אַז לענינ׳ס ערלעכקייט אין אָט־דער פראַגע איז ניט געווען זיין פּערזענלעכער פאַרדינסט, נאָר „אַ פּראָדוקט פון באַדינגונגען"; אַז זיין „באַוואוסטזיין איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם ׳זיין׳" — דאָס דעמאָלטדיקע צעשטערטע רוסלאַנד מיט די מיליאָנען מוזשיקעס־אַנאַלפאַבעטן האָט זיך גענויטיקט אין דער אידישער אינטעליגענץ אויף אַלע געביטן: אין דער טעכניק, פאַרטיי, געשעפטס־פאַרוואַלטונג, מעדיצין א. אַז. וו. אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר ביי אים צונעמען דעם זכות, בפרט אַז אויף אַנדערע געביטן וואַרפט מען אים פאָר אַזויפיל חטאים?

אויב לענין האָט אין דערווירקלעכקייט געמאַכט אַן אָפּנויג פון זיין טעאָרעטישער איינשטעלונג אין דער אידן־פראַגע, איז עס דווקא געווען „לפנים משורת־הדין", לטובת דעם וו׳ייטערדיקן אידישן קיום. אידן זיינען טאַקע, לויט זיין מיינונג, ניט געווען קיין פאָלק, אָבער דערווייל האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד געלעבט אידישע מאַסן, וואָס האָבן געהאַט אַן אייגענע שפּראַך און אַן אייגענע קולטור; האָבן זיי גע־קראָגן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן — אין די ראַמען פון דער סאָ־וועטישער אידעאָלאָגיע — אין זייער אייגענער שפּראַך. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע האָבן זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַנטוויקלט אידישע שולן, אַ אידישע פּרעסע, ליטעראַטור, טעאַטער, היסטאָרישע וויסנשאַפט אפילו („נאַציאָנאַל לויט דער פאָרעם, סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט").

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז געמאַכט געוואָרן אַ נאָך שאַרפע־רער אָפּנויג — מסתמא דערפאַר וואָס די טעאָריע וועגן אַסימילאַציע און פאַרמישונג האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן. ס׳איז אויפ־

געקומען דער ענין בירא־בידזשאַן, וואָס האָט דאָך אייגנטלעך געמיינט אַ „ציוניסטישע" לייזונג פון דער אידן־פראַגע אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַנשטאָט צו פאַרשווינדן, האָט גאָר אַ טייל פון אידיש־סאָוועטישן ישוב געדאַרפט באַקומען דעם סטאַטוס פון אַ נאַציאָנאַליטעט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע. די איבעריקע אידן, אין די אַנדערע סאָוועטישע רעפּובליקן, האָבן משמעות נאָך אַלץ געדאַרפט זיך אויסמישן צווישן די אַרומיקע שכנים.

דער דורכפאַל פון בירא־בידזשאַן איז אַלגעמיין באַקאַנט. דער עקספּערימענט איז אַן ענין פאַר זיך.

ס'איז שווער צו וויסן, צי די סאָוועטישע אידן וואָלטן זיך באמת אַסימילירט און פאַרמישט אין באַדינגונגען פון אַבסאָלוטער גלייכקייט. בכל אופן וואָלט אַזאַ פּראָצעס געמוזט געדויערן עטלעכע דורות און דער רעזשים וואָלט געמוזט האָבן אַ סך געדולד מיט די גרופּעס, באַזונדערס די פרומע אידן, וואָס וואָלטן עקשנות'דיק זיך קעגנגעשטעלט דער אויפלייזונג (וואָרים געוואָלט און טעראָר וואָלטן אין אַזאַ פאַל אַרויסגערופן נאָך אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד פון ברייטערע שיכטן).

די אַנטוויקלונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז אָבער דערווייל אַוועק אויף אַנדערע וועגן און אויך דאָס פּנים פון דער אידן־פראַגע האָט זיך פאַרענדערט.

ווי נאָך דער עמאַנציפּאַציע אין מערב

נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די אידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד דורכגעמאַכט אַן ענלעכע אַנטוויקלונג ווי די אידן אין מערב־אייראָפּע נאָך דער עמאַנציפּאַציע: איבערוואַנדערונג פון די שטעטלעך אין גרעסערע צענטערן, אַריינדרינגונג אין פרייע פּראָפעסיעס, אין דער קונסט־וועלט, אין אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער פאַרוואַלטונג. די אונטערדריקטע ענערגיע, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין תחום־המושב האָט ווי מיטאַמאָל עקספּלאָדירט. צוערשט זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרימס, ווייל דאָס לאַנד האָט זיך גענויטיקט אין אינטעליגענטע כוחות, אָבער ביסלעכווייז זיינען אויפגעשטיגן ברייטע שיכטן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס האָבן רעפלעקטירט אויף די זעלביקע פּאָזיציעס. טעאָרעטיש וואָלט דערביי ניט געדאַרפט אויפקומען קיין פּראָבלעם, וואָרים אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיינען דאָך „אַלע מענטשן גלייך" און אויסערדעם זיינען דאָך דאָרט די אידן אפילו ניט קיין באַזונדער פאָלק. אָבער אין דערווירקלעכקייט איז דער נאַציאָנאַלער אַרגומענט אַריינגעמישט געוואָרן אין דער קאָנקורענץ.

אַנומלט האָב איך באַגעגנט אַן אינטעליגענטע רוסישע פרוי, ניט

קיין אידישע, וואָס איז געבאָרן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע און איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. זי איז אויפגעוואַקסן אין די ווייטע פּראָווינצן, ערגיץ ביים קאַספּישן ים, און האָט שפּעטער שטודירט מערערע יאָרן אויף דער אוניווערזיטעט אין מאָסקווע.

— איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַראַן אַנטיסעמיטיזם אין פאָלק?

— האָב איך זי געפרעגט.

— פאַראַן. אַ גאַנץ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם — האָט זי געזאָגט.

— פון וואַנען נעמט ער זיך?

— אידן זיינען פּעאיקער, זיי אַרבעטן זיך שנעלער אַרויף, פאַרנעמען העכערע פּאָזיציעס — האָט זי געענטפערט, ניט דערלאַנגענדיק קיין פינטל מיטן אויג. דער ענין איז פאַר איר געווען קלאָר און פּשוט. כ'דאַרף צוגעבן, אַז אונזער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, וואו זי איז געקומען ווי אַן עמיגראַנטקע מיט אַ קורצער צייט צוריק. אין מאָסקווע וואָלט אַזאַ פרוי מיר זיכער געזאָגט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז ניטאָ קיין אידן־פראַגע.

א פאַרבייגייענדיקער קאָשמאַר אָדער אַ סימפּטאָם?

אָט־די אַנטוויקלונג איז זיך צונויפגעפאַלן מיט סטאַלינ'ס טעראָר־יאָרן. צו די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן זיינען נאָך צוגעקומען פּאָליטישע און גייסטיקע: דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך אַלץ מער און מער אַרומגערינגלט מיט אַ כינעזישער מויער; די פאַרגעטערונג פון סטאַלינ'ען האָט ניט געוואוסט פון קיין גרעניץ; מען האָט פאַרטעמפּט די מוחות פון עולם מיט שמאָל־קעפּיקער פּראָפּאַגאַנדע; פאַרבינדונגען מיט דער אויסן־וועלט, אפילו בלויז „טעלעפּאַטישע", נאָר אין געדאַנק, זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַרברעכן. אידן ווי אַ כלל האָבן זיך שווער אַריינגעפּאַסט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער. זיי האָבן אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט, וואָרים יעדער סקעפּטיקער איז דאָך אייגנטלעך אַ שטיקל קאָסמאָפּאָליט. אין זיין גערוואַנגל פאַר דער מאַכט האָט זיך סטאַלין פערזענלעך אָנגעשטויסן אויף אידישע אַלטע באָלשעוויקעס, טעאָרעטיקער; ער האָט אָנגעהויבן אידענטיפיצירן אידן מיט אינטעלעקטואַלן און קאָסמאָפּאָליטן — ס'הייסט מענטשן אַזעלכע, וואָס אַ דעספּאָט קען זיי ניט פאַרטראָגן.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ קייט פון רעאַקציעס און קעגן־רעאַקציעס: דער „קאַלטער קריג" האָט פאַרשטאַרקט דעם פאַרדאַכט קעגן יעדן יחיד אָדער כלל, וואָס וואָלט געקענט האָבן אַ פאַרבינדונג מיטן מערב; ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דיסקרימינאַציעס קעגן אידן. זיי האָבן אַרויסגערופן אַ דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי אידן; דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָט אַרויסגערופן אַ פרייד אין סאָוועטישן

אידנטום, ביז אַ כמעט־דעמאָנסטראַציע אַרום דער מאָסקווער שול. ביי דער מאַכט איז שטאַרקער געוואָרן דער פאַרדאַכט. אין דער אויסערן־פאָליטיק האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָנגעהויבן שטיצן די אַראַבער און העצן קעגן מדינת־ישראל. זי איז מסתמא ניט געווען זיכער, אַז אַלע אידישע בירגער פון לאַנד זיינען מסכים מיט אָט־דער פּאָליטיק. די באַהאַלטענע אַנטיסעמיטן האָבן דערשפּירט אַז „מען מעג שוין ווידער" און דער אַמאָליקער אידן־האַס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָפן כמעט. אין זיין דעספּאָטישער מאַניער האָט זיך סטאַלין דערטראַכט צו דעפּאָרטאַציע פון סאָוועטישע אידן קיין מיטל־אַזיע אָדער סיביר. מען האָט אַרעסטירט „די אידישע דאָקטוירים" און צו־געגרייט אַ פּראָצעס, וואָס האָט געדאַרפט דינען ווי אַ פאָרשפּיל צום בייזן שפּיל.

דעם פּראָצעס גופא האָט שוין סטאַלין ניט דערלעבט. נאָך זיין טויט זיינען די דאָקטוירים באַפרייט געוואָרן; די געפּלאַנטע גזירות קעגן אידן זיינען בטל געוואָרן. אין דער אַלגעמיינער „אויפטויאונג" האָבן אויך אידן פרייער אויפגעאָטעמט.

איז דער קאָשמאַר פון סטאַלינ׳ס לעצטע יאָרן, בנוגע דער אידן־פראַגע, געווען ניט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם טעראָר, אָדער ער קען באַטראַכט ווערן ווי אַ סימפּטאָם — ווי אַ מאָמענטאַנער אויסברוך פון לאַטענטע כוחות, וואָס ווירקן אויך ווייטער? ווי זעט־אויס די איינשטעלונג פון סטאַלינ׳ס יורשים צו דער אידן־פראַגע אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

* * *

אין אירע אינטערוויוען מיט אויסלענדישע קאָמוניסטן האָט די קולטור־מיניסטאָרשע פון ס. ס. ס. ר., מאַדאַם פורצעוואַ, דערקלערט אין איין אָטעם צוויי זאַכן: ראשית, אַז אידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיי־נען פּראָפּאָרציאָנעל צופיל פאַרטראָטן אין די פרייע פּראָפעסיעס, אוני־ווערזיטעטן און אַנדערע העכערע פאַכן; והשנית, וואָס שייך אידישער קולטור: אַז אידן זיינען שוין אַסימילירט און ווילן ניט און דאַרפן ניט קיין אייגענע שפּראַך, ביכער, צייטונגען א. אַז. וו.

אָט־די צוויי דערקלערונגען זיינען אַ שעטנז׳דיקער געמיש פון צאַריסטישן „נומערוס קלאַוזוס" און, להבדיל, לענינ׳ס שטעלונג צו דער אידן־פראַגע. דער צאַריזם האָט געהאַלטן, אַז אידן זיינען אַ פרעמד פאָלק און ער האָט זיי געוואָלט באַגרעניצן אויף אַלע געביטן. לענין, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז אידן זיינען בכלל קיין פאָלק ניט — האָט ער זיך אָבער ניט געקימערט וועגן דער פּראָפּאָרץ פון די אידן אין צע. קאַ. אָדער אויף די אוניווערזיטעטן. מאַדאַם פורצעוואַ האָט אויס־

געקליבן די נעגאַטיווע עלעמענטן פוןביידע שטעלונגען און האָט אויסגעקאָמבינירט פון זיי אַן אייגענע סתירה׳דיקע שטעלונג.

וואָרים ממה נפשך: אויב מען ווערט און מען מעסט די צאָל אידן אין דער אָדער יענער פראָפעסיע אָדער אוניווערזיטעט, הייסט עס דאָך אַז מען באַטראַכט זיי ווי אַ באַזונדער גרופּע אָדער פאָלק (צי ס׳איז טאַקע סאָציאַליסטיש אײנצופירן באַגרעניצונגען אין אַזאַ פאַל, איז אַ באַזונדער פראַגע); אויב, ווידער, מען אָנערקענט זיי ווי אַ פאָלק, דאַרף מען זיי דאָך דערמוטיקן זיך אויסצולעבן אין זייער אייגענער קולטור. און וואָס איז שייך צו זאָגן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיי ווילן יאָ אָדער ניט? אפשר וואָלט מען געדאַרפט אָנקערן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויך פאַר די אידן פאַרפאַסן אַן אייגענעם אלף־בית, ווי מען האָט עס געטאָן פאַר די טאַדזשיקן אָדער קאַלמיקן!

פורצעוואַ׳ס דערקלערונגען זיינען ניט געווען קיין צופאַל. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פירנדיקע קאָמוניסטן אין פוילן האָט כרושטשעוו גופא גע׳מוסר׳ט די פאָלאַקן, הלמאי אין צענטראַל־קאָמיטעט פון זייער פאַרטיי זיינען פאַראַן „צופיל אַבראַמאָוויטשעס" (דרך אגב — ווי כ׳האָב געהערט אין וואַרשע — האָט אַ אידישע פרוי, אַ וועטעראַן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן, גלייך נאָך דעם געוומען דאָס וואָרט און האָט געזאָגט כרושטשעוו׳ן, אַז זיי זיינען ניט געקומען פרעגן ביי אים קיין עצות וועגן דעם...).

די שטעלונג פון די איצטיקע סאָוועטישע פירער אין דער אידן־פראַגע דערמאָנט אין דער מעשה מיט דעם מלמד, וואָס איז געגאַנגען קויפן אַ ציג, און מען האָט אים אָפּגענאַרט און אים אונטערגערוקט אַ באָק. מילא, פאַרפאַלן! ער האָט געכאַוועט און געקאָרמעט דעם באָק, און מילך האָט ער געמוזט קויפן ערגיץ־אַנדערש. אין עטלעכע יאָר אַרום איז אויסגעבראָכן אַ מגפה אויף ציגן, און דעם מלמד׳ס באָק האָט אויך אָוועקגע׳פּגר׳ט. איז דער מלמד אַריין אין שטעטל און האָט געמאַכט אַ הספד אויף זיין באָק בזה הלשון:

— אוי ווי איז מיר, גיב נאָר אַ קוק, אויף געבן מילך ביסטו געווען אַ באָק, אָבער אויף צו פּגר׳ן ביסטו געוואָרן אַ ציג!...

אויף צו ציילן און באַגרעניצן זייער צאָל אין באַשטימטע פּראָפעסיעס, זיינען אידן אַ פאָלק, אָבער בנוגע קולטור זיינען זיי רוסן, אוקראַאינער א. אַז. וו.

ס׳איז אָבער ניט בלויז אַן ענין פון קולטור און אלף־בית. דער ענין פון דער אידישער פּראָפּאָרץ אויף פאַרשידענע געביטן איז איינער פון די וויכטיקסטע פּונקטן אין דער פראַגע און וועט אפשר סוף־סוף צווינגען אַוועקצושטעלן אָפן דאָס אידישע פּראָבלעם אין סאָוועטנ־

פאַרבאַנד און זוכן וועגן פאַר זיין לייזונג. אייגנטלעך האָבן אויך ציוניסטישע טעאָרעטיקער אין אייראָפּע שטאַרק אַרויסגעהויבן אָט־דעם ענין (און אָנגעוויזן אויף אים ווי אויף איינער פון די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם). די לאָזונג פון פּראָדוקטיוויזאַציע האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער חלוצ׳ישער באַוועגונג. גראָד ערב מיין רייזע אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָב איך געפירט אַ לענגערן שמועס וועגן דעם פּראָבלעם מיט חברים אין אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר״, אין ישראל. זיי האָבן אַלע אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר פורצעוואַ׳ס טענה און כמעט מסכּים געווען מיט איר (און זי בעיקר באַנוצט ווי אַן אַר־גומענט פאַר שלילת הגלות). אמת, די דערפינדונג פון אַן עלעקטראָניק־אויטאָמאַט קען ברענגען פונקט אַזויפיל פּראָדוקטיווע רעזולטאַטן ווי, לאָמיר זאָגן, האַקן האָלץ, אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פאַר זיך.

מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די „משנה״ פון די ציוניסטי־שע טעאָרעטיקער (און אויך פון די השומר־הצעיר׳ניקעס) האָט אויסער דער דערמאָנטער „רישא״ געהאַט נאָך אַ „סיפא״, דהיינו: איבערבוי פון אידישן לעבן אין אַ נאַציאָנאַלער היים, און פאַר אַלעמען — אויטאָ־עמאַנציפּאַציע, ס׳הייסט זעלבסט־אַנטשיידונג פון די אידן וועגן זייער אייגענעם גורל. אָבער אַרויסהויבן די פריער־דערמאָנטע טענה און גלייכצייטיק פאַרבאָטן די אידן צו זוכן אַ לייזונג פאַר זייערע פּראָ־בלעמען — אַזאַ פּאָליטיק קען בלויז פירן, און פירט טאַקע, צו נגישות, רשעות און דיסקרימינאַציע.

מילדער אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע אין אַ טאָטאַליטאַרער געזעלשאַפט

גערויסע קאָמוניסטישע מיטלויפער טענה׳ן: מה רעש? און אין די מערב־לענדער איז דען ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם?

לאָמיר אָננעמען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַ מילדער — ניט שאַרפער ווי אין די דעמאָקראַטישע מערב־לענדער. אָבער אפילו לייכטע דיסקרימינאַציעס נעמען דאָרט אָן, צוליב דעם כאַראַקטער פון רעזשים, אַ שאַרפערע פאָרעם. לאָמיר נעמען אַ ביי־שפּיל: אין אַמעריקע איז געווען (אָדער איז אויך אַצינד) באַגרעניצט די צאָל אידישע סטודענטן אויף געוויסע מעדיצינישע פאַקולטעטן. אָבער פון דער אַנדערער זייט עקזיסטירן קעגן־ווירקנדיקע פאַקטאָרן: עס זיינען פאַראַן אויך אַלגעמיינע ליבעראַלע אוניווערזיטעטן, אידן האָבן די מעגלעכקייט צו גרינדן אַן אייגענע אוניווערזיטעט מיט אַ מעדיצינישער פאַקולטעט, אידישע סטודענטן קענען פאָרן שטודירן מעדיצין אין אויסלאַנד, און ווען זיי קומען צוריק וועט אַ אידישער ספּעציאַליסט אָדער פאָרשער ניט מורא האָבן זיי צו פּראַקטיצירן א.אַז.וו.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיינען אָט־די אַלע מעגלעכקייטן ניט בנמצא. אויב דער שטאַט באַשטימט אַ „נומערוס קלאַוזוס״, קענט איר אים ניט דורכברעכן. עס בלייבט נאָר איין מיטל: כּאַבאַר. אָבער ערשט דאָ וועט זיך אָנהויבן דער אמת׳ער געוואַלד, ניט קעגן אידן, חס ושלום — ס׳איז שטרענג פאַרבאָטן! — אָבער מיט גרויסע קעפּ און אונטער־שטרייכונג פון אידישע נעמען אין די צייטונגען: אַבראַשע מאָיסעיע־וויטש און סאַראַ אַבראַמאָוונאַ האָבן געגעבן כּאַבאַר.

דאָס זעלביקע איז אויך אויף אַנדערע געביטן: אויב אין אַמע־ריקע איז פאַראַן אַ ניט־אָפיציעלע דיסקרימינאַציע קעגן אידן ביים אָננעמען אויף העכערע שטעלעס אין גרויסע קאָרפּאָרישאָנס, האָבן אָבער אויך אידן אַ בעסערע געלעגנהייט — דורך משפחה און סביבה־באַציאונגען — אין אַ ריי אַנדערע אונטערנעמונגען.

אין אַ געזעלשאַפט ווי די סאָוועטישע וועט אָבער אַ אידישער דירעקטאָר מורא האָבן צו פּראָטעזשירן אַ אידן, אויב ס׳איז קעגן דער רעגירונגס־פּאָליטיק. דיסקרימינאַציע קען דאָרט ניט קאָמפּענסירט ווערן דורך קעגנזייטיקער הילף פון די באַ׳עוולה׳טע. אַ קאָמפּענסאַציע קען געזוכט ווערן בלויז אויף זייטיקע וועגן, וואָס זיינען עלול אַרויסצו־רופן טענות און תרעומות.

און נאָך אַן אונטערשיד: די אידן אין מערב האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו אָרגאַניזירן, צו פּראָטעסטירן און פאָדערן. אַזאַ זאַך איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אוממעגלעך. אויך פאַרלאָזן דאָס לאַנד איז אוממעג־לעך. אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט קרובים אין מערב איז פאַרבונדן מיט האַרצקלאַפּעניש און אין געוויסע צייטן — מיט סכנת נפשות. אין אַזעלכע באַדינגונגען פילן זיך די דאָרטיקע אידן איזאָלירט און אָנ־מעכטיק לגבי דיסקרימינאַציעס אָדער אויסברוכן פון אַנטיסעמיטיזם.

לעצטנס האָבן מיר געהערט, אַז אידישע הויכע אָפיצירן האָבן צו־געשטעלט אַ פּעטיציע צום קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי אין מאָסקווע וועגן פאַרריכטן די עוולות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון סטאַליניסטישן רעזשים קעגן די אידישע וועט־עראַנען און קריגס־העלדן. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אָט־די פּעטיציע איז געווען אין דער ליניע פון כרושטשעוו׳ס שאַרפער דעסטאַליניזאַציע־פּאָליטיק. והשנית: ס׳איז טאַקע געווען אַ סענסאַציאָ־נעלער חידוש — אַ יוצא מן הכלל, וואָס אונטערשטרייכט שאַרף דעם כלל.

אַ פּאָליטיק וואָס צעשטערט זיך אַליין

די איצטיקע רוסישע פירער האָבן, קענטיק, ניט קיין קלאָרע און אויסגעהאַלטענע ליניע אין דער פראַגע. פון איין זייט האַלטן זיי זיך

נאָך מסתמא ביי דער לעניניסטישער טעאָריע, אַז אידן זיינען ניט קיין פאָלק און אַז זיי דאַרפן זיך אויסמישן און פאַרשווינדן. אָבער אַזוי ווי אַט־די פירער דערמוטיקן דערווײַלע געוויסע „פּראָפּאַרציע"־באַגרעני־צונגען לגבי אידן (ווי מען האָט עס געקענט דריבגען פון פורצעוואַ׳ס און כרושטשעוו׳ס דערקלערונגען), צעשטערן זיי זייער אייגענעם ציל: אַנשטאָט זיך צו אַסימילירן פולשטענדיק, וואַכט גאָר אויף ביי די אידן אַ נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, ווי דער שטייגער ביי אונטערדריק־טע און געקריוודעטע. עס ווערט אַזוי־אַרום געשאַפן אַ פאַר׳כישוף׳טער קרייז, אין וועלכן דאָס פּראָבלעם ווערט אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט.

ס׳איז שווער צו וויסן, צי דער אָדער יענער סאָוועטישער פירער ליידט אַליין פון אַן אַנטי־אידישן קאָמפּלעקס. ס׳איז אָבער זיכער, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַצינד ביי זיי — אין קעגנזאַץ צו לענין׳ען — אַן ענין פון טאַקטיק, און אַז זיי גיבן נאָך די אַנטי־אידישע געפילן פון די מאַסן, וואו אַזעלכע עקזיסטירן און קומען צום אויסדרוק. און די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סטרוקטור פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַ פּרוכטבאַרער באָדן פאַר קנאה־שנאה, פאַרביטערונג, ביטערער קאָנקו־רענץ און ממילא אויך אַנטיסעמיטיזם.

אַזוי ווי דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז אָפיציעל אַ קלאַסנלאָזע גע־זעלשאַפט, עקזיסטירט דאָרט אָפיציעל ניט קיין אידן־פראַגע. אויף דעם געביט ווערט דאָרט געפירט אַ שטרויס־פויגל־פּאָליטיק. אָבער אַזוי ווי די פראַגע עקזיסטירט אין די טיפענישן, קריגט זי פון צייט צו צייט איר אויסדרוק אין ווילדע אויסברוכן, ווי די פאַרעפנטלעכונג פון בלוט־בלבול ־געשיכטעס אין דאַגעסטאַן, מיאוס׳ע קאַריקאַטורן און זידלערייען קעגן יחידים מיט אידישע נעמען אין דער פּרעסע א. אַז. וו.

די לעצטע געשעענישן און — וואָס ווייטער?

ס׳איז זיכער, אַז אין דעם גאַנצן פּלאָנטער פון דער פראַגע האָבן די סאָוועטישע פירער איין שטרעבונג, וואָס איז זיי דורכאויס קלאָר: איבערצורייסן די באַציאונגען צווישן די סאָוועטישע אידן און די אידן פון מערב (און אפילו פון די סאַטעליטן).

אין די לעצטע עטלעכע יאָר, אין דער צייט פון דער „אויפטוי־אונג", האָבן אַ סך אידישע טוריסטן פון מערב באַזוכט דעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד. אידן האָבן בדרך כלל מער צוטרוי איינער צום צווייטן. אידישע טוריסטן האָבן אַ סך געהערט וועגן די גייסטיקע אַנטוויקלונ־גען און וועגן די געפילן און שטרעבונגען פון די דאָרטיקע אידן. ס׳איז ניט קיין סוד, באַריכטן וועגן אַזעלכע באַגעגענישן און שמועסן זיינען ברייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע פון

דער פרייער וועלט. אָפּטמאָל איז אפשר אויך צופיל געגעראַליזירט געוואָרן אין די דאָזיקע באַריכטן.

אַזוי־ווי די שולן זיינען די איינציקע אידישע „אַדרעסן״ אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז מעגלעך, אַז די אַרעסטן פון גבאים אין לעניגראַד און מאָסקווע האָבן אַ שייכות מיט די דאָזיקע באַריכטן. ס׳איז געווען ווי אַ התראה: למען ישמעו וייראו.

סטאַלינ׳ס אַנטיסעמיטיזם האָט זיך צעבושעוועט אויפן הינטערגרונט פון „קאַלטן קריג״. צוגלייך מיטן „קאַלטן קריג״ קעגן מערב־דיקן אויסלאַנד, האָט ער דערקלערט אין סאָוועטנפאַרבאַנד גופא אַ מלחמה קעגן „קאָסמאָפּאָליטן״ און די אַלע, וואָס וואָלטן געקענט האָבן אַ קאָנטאַקט מיט מערב. ער האָט זיך דערטראַכט צו דעפּאָרטאַציע פון די אידן.

די איצטיקע סאָוועטישע פירער זיינען ניכטערער און ווייניקער געגעניגט צו טעראָר לייזונגען פון פּראָבלעמען. ס׳איז צו האָפן, אַז זיי וועלן מיט דער צייט אָוועקשטעלן די אידן־פראַגע אָפּן און זאַכלעך אויף דער טאָג־אָרדענונג. ערשט דעמאָלט וועט קענען געזוכט ווערן און געפונען ווערן אַן אויסוועג און אַ לייזונג.

קאַטיאַ איוואַנאָוואַ — אַ סאָוועטישע וועגווייזערין

— מען זאָגט, אַז אַלץ וואָס מיר רעדן גיט איר איבער ווייטער...
— וועמען?
— כ'וויס? דער פּאָליציי אפשר...
קאַטיאַ איוואַנאָוואַ, מיין וועג־ווייזערין אין מאָסקווע, האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן:
— איך וויס. איר מיינט, אַז מיר זיינען אַלע געהיים־אַגענטן, אַז מיר אַרבעטן־מיט מיט דער פּאָליציי. ס'איז אַ באַליידיקונג!
— אַזוי ווי מיר שמועסן אויפריכטיק, האָב איך אייך געזאָגט, וואָס כ'האָב געהערט.
— ס'אַ ליגן! — האָט זי אויסגערופן — איך וויס אפילו ניט וואו די פּאָליציי געפינט זיך. איר גלויבט מיר? קוקט מיר אַריין אין די אויגן! איר גלויבט מיר, אַז ס'איז אַ ליגן?
אירע אויגן זיינען געווען העל־גרין און איר בליק — גוטמוטיק און נאַאיוו.
— יאָ — האָב איך געזאָגט. כ'האָב איר געגלויבט, כאָטש על־פּי שכל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי זאָגט משמעות ניט דעם אמת. אין אַ געוויסן זינען גלויב איך איר נאָך אויך איצט, כאָטש זייטיקע מענטשן אין סאָוועטנפאַרבאַנד און יעדער איינער אין אויסלאַנד האָט מיך אויס־געלאַכט פאַר אַזאַ נאַאיווער מיינונג.
זי איז אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר, האָט פאַרענדיקט אַ העכערע שולע פאַר שפּראַכן און האָט גערעדט אַ גוטן ענגליש (אפשר מיט אַ לייכטן ברוקלינער אַקצענט, ווייל זי איז אָפט אַרומגעגאַנגען מיט טוריסטן פון בראָנקס און ברוקלין). איר מאַן האָט געאַרבעט ביי־טאָג און אין אָוונט האָט ער געלערנט אויף אינזשיניער־קורסן. נאָך אונזערע טורס האָט זי כמעט שטענדיק אָפּגערופן איר מוטער אויפן טעלעפאָן, זיך נאָכגעפרעגט אויף דער משפּחה. נאָך דער אַרבעט איז זי טיילמאָל אַריין עסן אין אַ „סטאָלאָוואַיאַ" (פאָלקס־רעסטאָראַן); זי

האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען מיין איינלאַדונג צום עסן אין אַ טוריסטן־רעסטאָראַן, אָדער אפילו טרינקען אַ קאָפע, כאָטש זי האָט גוט גע־וואוסט, אַז כ׳האָב איבעריקע קופּאָנען.

האָט זי געזאָגט אַ ליגן? זי האָט עס אפשר אַליין ניט געוואוסט גענוי; ניט געקענט אונטערשיידן די גרעניצן. מען דאַרף ניט פאַר־געסן, אַז דאָס לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז פול מיט אָנשטעל, מיט טעאַטראַלע עפעקטן, מיט „מעיק בעליוו״. דער תהום צווישן דער אידעאָלאָגיע און דערווירקלעכקייט, אַ שטייגער: עס עקזיסטירן גרויסע אונטערשידן פון לוינען, עס קומען אויף יחוס׳דיקע, כמעט־אַריסטאָ־קראַטישע שיכטן אין מיליטער און אין דער אינדוסטריע־פאַרוואַל־טונג; אַלע ווייסן עס. אָבער גלייכצייטיק ווייסן אויך אַלע, אַז זיי לעבן אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט — אַזוי זאָגט די אָפיציעלע ליניע, און אַלע מוזן אין דעם גלויבן.

בעת אַ שמועס מיט אַ סאָוועטישן זשורנאַליסט פון אַ גרויסער רוסישער צייטונג, האָב איך זיך ביי אים נאָכגעפרעגט וועגן דער באַשפּייזונג־לאַגע אין לאַנד: צי ס׳איז פאַראַן גענוג ברויט?

— ברויט איז שוין ביי אונז קיין פּראָבלעם ניט — האָט ער גע־זאָגט — פאַראַן איבערגענוג.

— און פלייש?

— דערווײַלע ווייניק. ס׳איז אפשר אין אַ גרויסער מאָס צוליב מאַנגל אין אָרגאַניזאַציע און די „העלדזלעך״ אין טראַנספּאָרט.

אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך געזען אין לענינגראַד, אויף ניעווסקי פּראָספּעקט, ווי די קראָמען זיינען ממש באַלאָדן מיט פלייש: וואורשטן, שינקעס, פלייש מכל המינים. — ווי קומט עס?

— משמעות דערפאַר וואָס ס׳איז געווען ערב דעם ערשטן מאַי, קיין לענינגראַד זיינען אָנגעקומען דעלעגאַציעס פון גאַר דער וועלט, טור־ריסטן, עקסקורסיעס. פאַר די עטלעכע גרויסע שטעט איז געווען גע־נוג פלייש. זיך צו באַווייזן! דערפאַר האָט מען מסתמא אין די קליינע פּראָווינץ־שטעט שוין לאַנג ניט באַקומען קיין ביסן פלייש.

דעם זעלביקן טאָג האָט אַ קאָמוניסטקע פון מזרח־דייטשלאַנד מיר אָנגעוויזן ווי ריין און ציכטיק די גאַסן זיינען. כ׳בין אַליין אויך געווען באַאיינדרוקט. ווען כ׳האָב עס אַ שעה שפּעטער געזאָגט מיינעם אַ באַ־קאַנטן, אַ סאָוועטישן בחור, אַן אפיקורס, האָט ער מיך אויסגעלאַכט:

— זויבערקייט? ס׳איז דאָך אַלץ דאָ, אין צענטער, פאַר די טור־ריסטן פון אויסלאַנד און באַזוכער פון די פּראָווינצן. גיי אַרויס אַ צענדליק גאַסן ווייטער, און וועסט זען ווי ס׳איז שמוציק! קום, כ׳וועל דיך אַריינפירן אין אַ קאָרידאָר פון אַ הויז, וואו עס וואוינען 7 פאַמי־

ליעס אין איין דירה. און איבערן לאַנד? וואָלסט געדאַרפט אַרויספאָרן אין טיף ראַסעי, אין ניזשני־נאָווגאָראַד, אויפן וועג קיין סיביר. אַלץ איז ווי געווען, ווי אונטערן צאַר: די אַלטע הילצערנע כאַטעס, בלאָטיקע גאַסן, רינענדיקע דעכער.

אַ לאַנד וואו קויפן אַ פּאָר שיך קומט־אָן דעם בירגער כקריעת ים־סוף, אָבער דערפאַר האָט ער אַרויפגעשיקט דעם ערשטן ספוטניק אין רוים און זיין גאַגאַרין האָט דער ערשטער געקרייזט אין חלל אַרום דער ערד.

* * *

אין אונזערע דיסקוסיעס איז זי אָפט געקומען צומאַרגנס מיט בעסערע און שטאַרקערע אַרגומענטן. האָט זי זיי געהערט פון עמיצן? אפשר האָט זי אַליין נאָכגעטראַכט.

שעה׳ן־לאַנג האָט זי מיך אַרומגעפירט איבער דער נייער מאָסקווער אוניווערזיטעט: גרויסע ליכטיקע זאַלן; האָלן מיט סטאַטועס פון סאָוועטישע וויסנשאַפט־לייט און שרייבער; וואוין־צימערן פאַר די סטודענטן; אַ ווינדע וואו מען לייגט אַריין אַ באַשטעל־צעטל און זי קומט צוריק מיטן באַשטעלטן בוך; לאַבאָראַטאָריעס, שטודיר־צימערן, אַ שווים־באַסיין אפילו. אין די קאָרידאָרן און אויף די טרעפּ האָבן מיר באַגעגנט עקסקורסיעס פון אַזיע, פון אַפריקע, פון מזרח־דייטשלאַנד אפילו. פון אויבן האָט מען געקענט זען, ווי אויף אַן עקראַן, ווי יונגע בחורים און מיידלעך שפּרינגען אַראָפּ פון ברעטער, טונקען זיך אונטער און שווימען אין די בלויע וואַסערן פון באַסיין.

אויף די געסט פון אַפריקע און אויף חסידים־קאָמוניסטן פון מערב האָט די געביידע זיכער געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק (זי איז טאַקע געציילט געוואָרן צווישן „סטאַלינ׳ס זיבן וואונדער״); אָבער אַז מען נעמט אַראָפּ דעם אָנשטעל און די טעאַטראַלע עפעקטן, באַקומט זיך אַ געוויינלעכער מאָדערנער אוניווערזיטעט־בנין, וואָס מען זעט אָפט אין אַמעריקע אָדער מערב־איראָפּע. דערנאָך זיינען מיר ווי צופעליק געפאָרן פאַרביי די גרויסע מאָדערנע הייזער־בלאָקן פון דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ״־געגנט, וואו קאָמסאָמאָלצעס האָבן טיילמאָל געאַרבעט פרייוויליק אין זייערע פרייע זונטיקן.

— איר ווילט אונז באַאיינדרוקן מיט שיינע געביידעס — האָב איך געזאָגט קאַטיאַ׳ן צומאָרגנס — אָבער אונז אינטערעסירט דאָ מער די פראַגע פון פרייהייט און מענטשן־ווירדע: אַרעסטן אינמיטן נאַכט, פאַרשיקונגען קיין סיביר, אונטערדריקונג פון וואָרט און געדאַנק.

— יאָ, עס זיינען געווען שווערע צייטן — האָט זי שטיל געזאָגט — אָבער איצט קומען־פאָר ענדערונגען.

— איר האָט גלייכצייטיק, אין איין אָטעם כמעט, געהערט סיי וועגן

די יאָרן פון טעראָר אין דער פּאַרגאַנגענהייט און סיי וועגן דעם אַז פון איצט און ווייטער וועט שוין זיין בעסער. אָבער מיר האָבן געהערט וועגן טעראָר שוין אין 1937, און מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן 20 יאָר אויף אַ שטיקל פאַרבעסערונג. פאַר דער צייט איז אַזוי פאַרטיפט געוואָרן די אַנטוישונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז איצט ווען מען שוין אין אַמעריקע, אַ שטייגער, ניט וועלן גלויבן, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. ביכער, וואָס שילדערן די לאַגערן אין סיביר, זיינען דאָך דערשינען אין אַ גרויסער צאָל, אין מערב, גראָד אין די לעצטע יאָרן.

— פון וואַנען האָט איר עס געוואוסט אין 1937? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

זי האָט אפשר געפרעגט סתם, צוליב נייגעריקייט. אָבער מיר איז אַן אויגנבליק פאָרגעקומען, ווי זי וואָלט מיך חושד געווען, אַז כ׳האָב געהאַט געהיימע קאַנאַלן פון אינפאָרמאַציע.

— ווייל כ׳האָב געקענט געטרייע קאָמוניסטן, וואָס זיינען אַוועק אין סאָוועטנפאַרבאַנד און זיינען דאָרט פאַרפוילט געוואָרן אין די תפיסות אָדער אין סיביר. און אויסערדעם: ס׳האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל, אַז אַלע קאָמוניסטישע פירער, אויסער סטאַלינ׳ען, זיינען געוואָרן פאַררעטער און שפּיאָנען.

צומאָרגנס איז אונז ווידער אויסגעקומען צו רעדן וועגן פרייהייט. קאַטיאַ איוואַנאָוואַ האָט זיך אויפגערעגט:

— כ׳ווייס ניט פאַרוואָס איר רעדט אַזויפיל וועגן פרייהייט. פריי־הייט!... פרייהייט!... אָט לעב אין אין סאָוועטנפאַרבאַנד און איך פיל זיך פולשטענדיק פריי. כ׳טו וואָס איך וויל און איך פאָר וואו איך וויל.

— און ווען איר וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן קעגן דער פּאַרטיי אָדער קעגן דער רעגירונג?

— פאַרוואָס זאָל איך רעדן קעגן דער פּאַרטיי? קעגן דער רעגי־רונג? כ׳האַלט, אַז זיי פירן די ריכטיקע פּאָליטיק — האָט זי געזאָגט.

ס׳איז מאָדנע, אָבער בשעת־מעשה איז מיר ניט איינגעפאַלן קיין שום קאָנקרעטער ביישפּיל, וואָס זאָל אילוסטרירן איר אומפרייהייט. כ׳האָב זיך אַריינגעלאָזט אין אַן אַלגעמיינער דערקלערונג:

— פאַראַן פיש, וואָס לעבן עטלעכע הונדערט מעטער אונטערן וואַסער. זיי זיינען דאָרט אויפגעוואַקסן און זיי פילן אפילו ניט דעם דרוק פון די געוואַלטיקע מאַסן וואַסער, וואָס דריקן אויף זיי.

שפּעטער האָט זיך געמאַכט אַ קאָנקרעטער ביישפּיל. פאַר מיין אָפּפאָר האָב איך איר געזאָגט, אַז כ׳וואָלט איר געוואָלט שיקן אַ קליי־ניקייט, אַ מתנה פון אַמעריקע. זי האָט מיר מערערע מאָל אָנגעזאָגט,

אַז כ׳זאָל עס ניט טאָן. ווען איך וואָלט איר געזאָגט, אַז זי האָט מורא, וואָלט זי עס זיכער געלייקנט. איך מעג איר שרייבן, האָט זי געזאָגט, אָבער — האָט זי צוגעגעבן מיט לייכטער פאַרלעגנהייט — ליבערשט אויפן אַדרעס פון „אינטוריסט״.

— אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף מיר דווקא געמאַכט די פרויען, וואָס אַרבעטן אין די גאַסן — האָב איך געזאָגט.

אין די גאַסן פון מאָסקווע זעט מען טויזנטער און טויזנטער פרויען, אָנגעטאָן אין שטיוול, וואָס אַרבעטן אויף אַ פרימיטיוון אופן, מיט רידלען אין די הענט: ביים גראָבן ראַוואַקעס, אויסגלייכן וועגן א. אַ.

— וואָס פאַר אַן איינדרוק? — האָט זי געפרעגט מיט אַ שאָטן פון אומרו אין די אויגן.

— זיי דערמאָנען מיר אין די פּיאָנער־יאָרן אין ארץ־ישראל, ווען די מיידלעך פון די קיבוצים האָבן געאַרבעט ביים האַקן שטיינער אויף די שאָסייען, ביים בויען הייזער.

זי איז געווען צופרידן מיט מיין ענטפער. אָפּטמאָל איז מיר פאַר־געקומען מאָדנע, וואָס עס גייט איר אַזוי אין לעבן מיך צו באַאיינדרוקן מיט די גוטע זייטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד — אַז כ׳זאָל ניט זען קיין שום פלעק. וואָס איז זיי אייגנטלעך פאַר אַ חילוק? זי האָט צוגעגעבן:

— צען מיליאָן סאָוועטישע מענער זיינען געפאַלן אין קריג קעגן די נאַציס, מוזן די פרויען טאָן זייער אַרבעט, אפילו די שווערסטע אַרבעטן.

זי האָט זיך געוואונדערט הלמאי איך בלייב ניט אין מאָסקווע איבער דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי. — פאַרוואָס?

— איך בין קעגן מלחמה און איך גיי ניט אויף מיליטערישע פּאַ־ראַדן. נו, יאָ, לעניןן וואָלט אוודאי געזאָגט, אַז כ׳בין אַ קליינבירגער־לעכער צעקראָכענער פּאַציפיסט.

* * *

צוויי אַ זייגער האָבן מיר געדאַרפט פאָרן אויף אַ באַגעגעניש צו די אידישע שרייבער. אין לעצטן מאָמענט איז די טרעפונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף פיר אַ זייגער; זיינען מיר דערווייל געפאָרן אָנקוקן אַ קולטור־פּאַרק. אַ פּאַרק ווי אַלע פּאַרקן, מיטביימער און סאַזשעלקעס א. אַז. וו. צוויי שעה איז אַ סך צייט, ווען מען וויל אַ סך הערן און לערנען. און ווי האָבן געזאָגט די הומאַניסטן: „יעדער זאַך וואָס איז מענטשלעך, איז מיר ניט פרעמד״.

— ווי איז די באַציאונג פון דער סאָוועטישער יוגנט צו משפחה? צו פרייער ליבע? — האָב איך געפרעגט מיין וועג־ווייזערין.

— די איצטיקע סאָוועטישע יוגנט איז פאַר געטריישאַפט אין דער פאַמיליע, קעגן פרייער ליבע, קעגן זייטיקע אַפּערעס — האָט זי געזאָגט.

— און פאַר דער חתונה?

— מיר האַלטן, אַז אַ סאָוועטישע פרוי דאַרף אָפּהיטן איר צניעות אויך פאַר דער חתונה.

— ביי אייך איז איין פאַרטיי, איין פירער, איין וואַל־ליסטע און דערפאַר אויך... איין מאַן — האָב איך געזאָגט.

כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳איז סתם אַ זאָג, אָבער ס׳איז משמעות פאַראַן אַ סך אמת אין דעם. אין מערב־אייראָפּע האָב איך שפּעטער געלייענט אַן ערנסטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער פראַגע. דער מחבר האָט באַשטע־טיקט קאַטיאַ׳ס דערקלערונג וועגן דער איינשטעלונג פון דעם יונגן סאָוועטישן דור. (עס זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אויסנאַמען.) ער האָט אויך אויפגעציילט עטלעכע סיבות: אַ טאָטאַליטאַרער רעזשים קען ניט פאַרטראָגן קיין אָפּנויגן אויף קיין שום געביט. דאָס לעבן פון בירגער דאַרף זיין אַן אָפן בוך. אויב מענטשן זאָלן זיך אָנהויבן טרעפן געהיימערהייט, קען עס נאָך פירן אויך צו פּאָליטישער קאָנספּיראַציע. און ווער קען וויסן צו וואָס מענטשן קענען זיך אַלץ דערערעדן אויף אַ פאַרבאָטענער באַגעגעניש בחדרי־חדרים?

ווי צייטן בייטן זיך! אַמאָליקע יאָרן האָבן משכילים אפילו גע־האָט אַ גלייכוועדטל וועגן דער מאָראַל פון דער סאָוועטישער יוגנט (וואָס עס לוינט זיך אפשר צו פאַרצייכענען, פון טשיקאַווּעסט וועגן, פאַר דעם „צוקונפטיקן היסטאָריקער״), דהיינו: „ביי זיי שרייבט מען עמעס מיט אַ סמך, דערפאַר איז ביי זיי זנוס אָן אַ תיו (סוף)״. נו, אדרבא, גיי דערקלער קאַטיאַ איוואַנאָוואַ׳ן אַזאַ מין פילאָלאָגישן משל!

— אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע האָט די יוגנט געטראַכט אַנדערש — האָב איך געזאָגט — איר האָט געהערט פון אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַיאַ׳ס „דריי דורות״?

— יאָ.

— די יוגנט האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז געשלעכטלעכע באַצי־אונגען זיינען אַ ריין פיזיאָלאָגישער ענין, „ווי אויסטרינקען אַ גלאָז וואַסער״. לענין פּערזענלעך האָט אינטערווענירט אין דער פראַגע. ער איז איינמאָל אויפגעטראָטן אויף אַ קאָנגרעס פון קאָמסאָמאָל און האָט זיי געזאָגט: „ס׳איז אפשר טאַקע ׳ווי אויסטרינקען אַ גלאָז וואַסער׳, אָבער אויך וואַסער טרינקט מען ליבערשט פון אַ ריינעם גלאָז״.

מיטאַמאָל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האַלט אין איין ציטירן לענינען — פּונקט ווי טוביה דער מילכיקער האָט געשאָטן מיט מדרשים, אַ שטייגער. כ׳האָב שיר ניט אַריינגעלייגט לענינ׳ען אין מויל

אַריין טוביה׳ס אַ בפירוש׳ע גמרא: „אסכקורדא דמסקנתא דקרנוסא דפרסמכתא...״

און ווי זאָגט דאָרט טוביה, טאַקע מניה וביה, גלייך אויף אַן אָרט: „זאָלסט אַזוי זיין מיט דער נאַז, קצב׳ניאַק, ווי ס׳איז גאָר פאַראַן אַזאַ גמרא אויף דער וועלט...״

* * *

— איר האָט געהערט וועגן פרויד׳ן? — ניין, זי האָט קיינמאָל דעם נאָמען ניט געהערט. — וועגן פסיכאָאַנאַליזע? דאָס וואָרט האָט זי אפשר געהערט פון אַ טוריסט. מיר האָבן זיך צערעדט וועגן נוראָזן.

— ביי אייך זיינען מסתמא פאַראַן וויניקער נוראָטיקער — האָב איך געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— אין מערב זיינען אָפט די פחדים אומקלאָרע, פסיכישע, זיי שטעקן אין אונטערבאַוואוסטזיין; ביי אייך, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז די שרעק אַן אָפענע, אַ קאָנקרעטע: מען האָט מורא פאַר דער געהיים־פּאָליציי, פאַר אַ קלאַפּ אין דער טיר ביינאַכט, פאַר פאַרשיקונג אין סיביר. עס בלייבט ניט קיין אָרט פאַר פאַרנעפּלטער נוראָטישער שרעק.

כ׳האָב שפּעטער געשמועסט וועגן דעם מיט אַ פסיכיאַטער אין מערב. ער האָט געהאַלטן, אַז איך בין טיילוויז גערעכט: אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד ליידן מענטשן וויניקער פון נוראָזן; אָבער די סיבות זיי־נען גאַנץ אַנדערע. אין דער מערב־וועלט זיינען אין די לעצטע יאָר־הונדערטער זיך פאַנאַנדערגעפאַלן די מערסטע אויטאָריטעטן: די מאָ־נאַרכיע, דער אַדל א. אַ.; די רעליגיע מיט איר אַבסאָלוטער מאָראַל און רעגולאַטאָרישן ריטואַל האָט פאַרלאָרן איר השפעה, און די מאָ־דערנע וועלטלעכע פילאָזאָפיע זעט ניט קיין טראַנסצעדענטאַלן זינען אין לעבן. דער יחיד איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף זיין אייגענעם באַראָט אין אַ זינלאָזער וועלט. אין סאָוועטנפאַרבאַנד עקזיסטירט אַ פעסטער סדר־העולם מיט איינגעשטעלטע סאָציאַלע מוסטערן („פּאַ־טערנס״) און ראַמען, מיט פעסטגעשטעלטע אמת׳ן און שטרענגע באַ־גריפן פון „כשר״ און „טריף״, סייגים און „טאַבוס״. און הויך איבער אַלץ הויערט די פאָטער־געשטאַלט פון גרויסן פירער. פאַראַן עמיצער וואָס ווייסט אַלץ און טראַכט פאַר אַלעמען. אין אַזאַ פעסט־איינגע־שטעלטן סדר פילט זיך דער יחיד פסיכיש זיכערער, סטאַבילער.

כ׳האָב אויך געהערט אַן אַנדער מיינונג — פון אַן אַמעריקאַנער פסיכאָלאָג, וואָס האָט לעצטנס דורכגעפירט, אין משך פון 4 חדשים, אַ פאָרשונג צווישן סאָוועטישע קינדער. ער האָט באַריכטעט, אַז קינ־דער און יוגנטלעכע זיינען דאָרט פונקט אַזוי נוראָטיש ווי אין מערב.

זאָל עס זיין אַ פּועל־יוצא פון דער נייעסטער „ליניע״? אַז מען שלעפּט אַרונטער די פּאַטער־געשטאַלט פון היסב־בעט און מען לייגט זי אַריין טיף אין ד׳ר׳ערד (פשוטו כמשמעו), איז עס זיכער ניט בלויז אַ פּאָליטישע ענדערונג, נאָר אויך אַ גייסטיקע אויפטרייסלונג און אַ פּסיכישער „שאָק“.

* * *

— וואָס זיינען אייערע איינדרוקן פון סאָוועטנפאַרבאַנד? — האָט קאַטיאַ איוואַנאָוואַ מיך געפרעגט קורץ פאַר מיין אָפּפאָר — אָבער זאָגט מיר דעם אמת, אויפריכטיק!

כ׳האָב איר איבערגעגעבן מערערע פון די איינדרוקן, וואָס כ׳האָב פאַרצייכנט אין מיין „טאָגבוך“, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, ניט אַלץ פאַרשטייט זיך — שוין בלויז פון העפלעכקייט וועגן.

— און איצט וויל איך אייך עפּעס פרעגן — האָב איך געזאָגט — איר וועט מיר אָבער זאָגן דעם אמת? אויפריכטיק?

— יאָ, זיכער!

— וועגן אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. כ׳הער וועגן דיסקרימינאַציעס קעגן אידן, שנאה, אַנטיסעמיטיזם. ס׳איז אמת?

— ס׳אַ ליגן! ניטאָ ביי אונז קיין דיסקרימינאַציע קעגן אידן. אידן זיינען ביי אונז גלייך מיט אַלעמען. מיר לערנען אין די זעלביקע שולן, אַרבעטן צוזאַמען. מיר האָבן אידישע פריינט, מיר זיינען זיך מתחתן מיט אידן. נאָר די שונאים פון אונזער פאָלק האָבן אויסגעטראַכט, אַז ס׳איז ביי אונז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם.

ס׳איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס זי האָט באַנוצט דעם אויסדרוק „שונאים פון פאָלק“. זי האָט צוגעגעבן:

— מיין בעסטע פריינדין איז אַ אידיש מיידל. מיר זיינען באַפריינדעט זינט די שול־יאָרן. מיר דערציילן איינע דער אַנדערער אַלץ וואָס מיר טראַכטן און מיר זיינען גרייט זיך צו טיילן מיט אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן.

— און אייערע עלטערן? זיי האָבן אידישע פריינט?

— יאָ. אַ סך פון זייערע פריינט זיינען אידן.

— און זיי טרעפן זיך פּריוואַט? כ׳מיין נאָך דער אַרבעט, אין די היימען, אויף שמחות?

— יאָ. ניטאָ קיין אונטערשיד. אידן זיינען בדרך כלל אינטעליגענטע מענטשן און מיינע עלטערן טרעפן זיך זייער גערן מיט זייערע אידישע פריינט. פאַראַן אַ סך מענטשן מיט טאַלאַנט צווישן אידן, און זיי פאַרנעמען ביי אונז אַ וויכטיק אָרט: אין דער קונסט, אין טעאַטער, אין דער ליטעראַטור.

— און ס׳איז ניטאָ קיין קעגנערשאַפט צו אידן? קיין שנאה?

— ניין. פאַרוואָס? אַז זיי זיינען באַגאַבט, ברענגען זיי נוצן דעם גאַנצן לאַנד. מיר שעצן אַ מענטש לויט זיינע פעאיקייטן.

כ׳האָב דערציילט וועגן אַט־דעם געשפּרעך אַ אידיש־סאָוועטישן פּאָר־פאָלק, מיינע באַקאַנטע. וועגן דער עצם פראַגע האָבן זיי געהאַט אַן אַנדער מיינונג; זיי האָבן אָבער געזאָגט:

— ס׳איז מעגלעך, אַז זי האָט איך דערציילט אויפריכטיק, וואָס זי טראַכט. אין אירע קרייזן איז אפשר ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. אַזוי ווי זי איז אַליין ניט קיין אידישע, איז זי אויך וויניקער סענסיטיוו צו דער פראַגע און זי שפירט אפשר דערפאַר בכלל ניט קיין קעגנערשאַפט צו אידן, אויך ניט אין אַנדערע קרייזן.

* * *

איידער מיר האָבן זיך געזעגנט האָט זי מיך באַגלייט אין דער צענטראַלע פון „אינטוריסט”. אין דער פּאָסט־אָפּטיילונג האָב איך איבערגעגעבן מיין ניו־יאָרקער אַדרעס, וואוהין מען זאָל מיר איבערשיקן די בריוו, וואָס וועלן אפשר אָנקומען פאַר מיר נאָך מיין אָפּפאָר (זיי זיינען, דרך־אגב, נאָכגעשיקט געוואָרן און זיינען אַלע אָנגעקומען אַהערצו אין דער בעסטער אָרדענונג; אַמאָליקע יאָרן פלעגן בריוו צו טוריסטן זייער אָפט פאַרלאָרן גיין).

קאַטיאַ איוואַנאָוואַ און די פרוי פון דער פּאָסט־אָפּטיילונג האָבן זיך געקענט. בשעת איך האָב אַריינגעשריבן מיין ניו־יאָרקער אַדרעס אין אַ בוך, האָב איך מיט איין אויער אויפגעכאַפּט זייער שמועס. די צווייטע פרוי, אויך אַ יונגע, האָט משמעות געהאַט אַ קליין קינד. קאַטיאַ האָט איר דערקלערט, אַז אויף דער־און־דער גאַס קען מען אין דעם־און־דעם געשעפט קריגן קינדער־שיכלעך: שיינע שיכלעך און ניט טייער; זי זאָל זיך נאָר צואיילן און אַהינגיין גלייך נאָך דער אַרבעט.

ס׳קלינגט אפשר ווי צוגעטראַכט — אָבער דאָס זיינען געווען כמעט די לעצטע ווערטער, וואָס כ׳האָב פון איר געהערט. אַז מען וויל קען מען אַט־דעם שמועס אויסטייטשן אַנטי־סאָוועטיש: אַז אין מאָסקווע איז נאָך אפילו היינט־צו־טאָג שווער צו באַקומען אַ פּאָר קינדער־שיכלעך במקח השווה, אַז ס׳איז אַ גאַנץ פּראָבלעם. איך טייטש אים אויס פּראָ־מענטשלעך, און עד־היום בין איך גערירט, ווען איך דערמאָן זיך אין דעם קורצן דיאַלאָג צווישן די צוויי פרויען. וואָרים מען דאַרף געדענקען, אַז ס׳איז געווען אין יאָר 1961, ווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז אויפגעריסן געוואָרן די 50־מעגאַטאָן אַטאָם־באָמבע, ווען איבער דער וועלט איז געהאַנגען די בערלין־געפאַר, ווען די צוויי לאַגערן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין קובאַ און קאָנגאָ, אין לאַאָס און

וואו־ניט, ווען פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע־רעדעס האָבן פאַרהילכט די וועלט און זיך געריסן אויף יענער זייט פון חלל־העולם; און אויף דער אַנדער זייט פון דער באַריקאַדע, אויף יענער זייט פון „אייזערנעם פאָרהאַנג״, זיינען געשטאַנען צוויי יונגע פרויען פון פאָלק און האָבן גערעדט — וועגן וואָס?

— וועגן אַ פּאָר קינדער־שיכלעך, שיינע שיכלעך, ביליק און גוט, אַ מציאה!

בילדער און באַמערקונגען

התפּעלות

דער האָטעל „יעוראָפּאַ", אין לענינגראַד, האָט אויסגעזען ווי באַך אַן אינוואַזיע: דער אַריינגאַנג איז געווען פאַרשטעלט מיט אָנגעטורעמטע וואַליזעס, אין האָל האָט מען געהערט אַ בבל פון שפּראַכן און אין עלעגאַנטן רעסטאָראַן, וואו ס'האָט געשפּילט אין די אָוונטן אַן אָרקעסטער, האָט מען קיין איינצלנע מענטשן נישט אַריינגעלאָזט; אַלע טישלעך זיינען דאָרט געווען רעזערווירט פאַר די „עקסקורסיעס". סתם געסט האָבן געמוזט עסן אין אַ זייטיקן „קאַפע". עס זיינען גראָד אָנגעקומען צוויי אָרגאַניזירטע „טורן": איינער פון מזרח־דייטשלאַנד, אַ 300 פּערזאָן, און אַ צווייטער — פון אַמעריקע, אַ זעקס מניינים עלטערע אידן מיט זייערע פרויען. אַ סך פון די אידן האָבן גערעדט אידיש אויפן קול.

אין דער „לאָבי" האָט אַ מיטליעריקע פרוי מיר געוויזן אַ קאָנווערט אַדרעסירט קיין אַמעריקע און געפרעגט ווי מען שרייבט־אָן „פאַראייניקטע שטאַטן" אויף רוסיש. פאַר איין וועג האָט זי מיך שוין אויך געפרעגט, צי כ'האָב געזען דעם לענינגראַדער מעטראָ (סאָבוויי).

— אַי־אַי־אַי, אַזאַ סאָבוויי! ס'אַראַ שיינקייט! ס'אַראַ ראָסקאָש! היינט די סטאַטוען!... — האָט זי געכאַפּט התפּעלות.

— אַ סאָבוויי ווי אַלע סאָבווייס, ס'איז מיר שוין צופעליק אויסגעקומען צו זען סאָבווייס אין פּאַריז, אין בוענאָס־איירעס, אין ניו־יאָרק. דאָ האָט מען אים געבויט שפּעטער, איז ער אַביסל מאָדערנער.

זי האָט געעפנט גרויסע אויגן:

— אָט־דאָס טענה איך דאָך! — ווער דאַרף האָבן אַזאַ לוקסוס? דער פּראָסטער נאַראָד האָט ניט וואָס צו עסן, און דאָ צאַצקעט מען זיך מיט דעם מעטראָ, מיט סטאַטועס, שמאָנצעס. איר'ט געזען ווי דער עולם גייט דאָ אָנגעטאָן? און מען פליט אין די הימלען...

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי קומט פון לאָס־אַנדזשעלעס, וואו זי איז אַ מיטגליד אין „פאַרבאַנד״. אַלע באַטייליקטע אין איר עקס־קורסיע קומען פון „מערב־ברעג״, האָט זי דערציילט, ס׳רוב פון לאָס־אַנדזשעלעס, און כמעט אַלע זיינען זיי אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה, ס׳הייסט אויסגעלינקט אַביסל. אַ האַלב טוץ פרויען פון „פאַרבאַנד״ און פון „הדסה״ פאָרן אויך מיט. זיי זיינען געקומען זיך זען מיט קרובים.

— פון יענע חברה־לייט איז נישט אויסצוהאַלטן — האָט זי גענומען רעדן שטילער — פון יעדער נאַרישקייט כאַפּן זיי קעלבערנע התפעלות: „זע נאָר, ברויט!״... פּונקט ווי אין לאָס־אַנדזשעלעס וואָלט מען נישט אַנגעזען קיין שטיקל ברויט פאַר די אויגן. איר׳ט דאָך געזען ווי דער עולם גייט דאָ אַנגעטאָן? קרוע־בלוא! און יענע קענען זיך גאָרנישט אָפּוואונדערן: „זע נאָר, אַ פּאַפּאַכע!... הערינג!... לאַקריץ...״ מען קריגט נישט קיין שמאַלץ־הערינג אין אַמעריקע, וואָס?

— און ווי קומט איר אין אַזאַ מין עקסקורסיע?

— ווי?... אייגנטלעך ליגט מיר נישט די גאַנצע מעשה אַפילו אין דער לינקער פּיאַטע. כ׳בין געקומען זיך זען מיט אַ שוועסטער אין קיעוו, זיך שוין פערציק יאָר נישט געזען, איז מיר אַליין האָט מען געוואָלט געבן אַ וויזע אויף בלויז 2 טעג אין קיעוו; האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די עקסקורסיע וועט איינשטיין גאַנצע 4 טעג אין קיעוו, בין איך געפאָרן מיט דער עקסקורסיע. כ׳האָב דען געוואָלט פאָרן קיין לענינגראַד, מיינט איר? ווער דאַרף האָבן לענינגראַד?

— איר וועט קענען וואוינען ביי אייער שוועסטער, אין קיעוו?

— ניין, אָבער מע׳ט זיך קענען אָפטער זען. פאַראַן אין אונזער עקסקורסיע איינע אַ פרוי, וואָס האָט אַ שוועסטער אין לענינגראַד, טאָר זי ביי דער שוועסטער נישט וואוינען, אָבער די לענינגראַדער שוועסטער מעג שלאָפן ביי אונז אין האָטעל, שלאָפט זי דאָ טאַקע, אין „יעוראָפּעיסקי״, מיט איר שוועסטער אין איין בעט. אַז מען האָט זיך אַזויפיל צו דערציילן! שוין אפשר 50 יאָר זיך נישט געזען. און דאָ שלעפט מען איך אַרום אַ גאַנצן טאָג...

— און וואוהין פאָרט איר פון דאַנען?

— קיין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס...

— כ׳מיין שפּעטער, נאָך רוסלאַנד?

— אַה? מיר פאָרן קיין ישראל. דערפאַר בין איך דאָך מיטגעפאָרן מיט זיי. קיין ישראל האָב איך סאַי־ווי געוואָלט פאָרן, און אַזוי־ווי זיי וועלן איינשטיין אין קיעוו גאַנצע 4 טעג...

— אַלע פאָרן־מיט קיין ישראל?

— עטלעכע פון יענע חברה פאָרן גלייך צוריק קיין אַמעריקע, אָבער די עקסקורסיע איז איינגעאָרדנט געוואָרן קיין רוסלאַנד און ישראל, און כמעט אַלע פאָרן מיט.

מענטשן זייַנען אַריין און אַרויס. כ'האָב זיי דערזען אין אַן אויטאָבוס איבער די שאָסייען פון ישראל: אין נגב, אין עמק, אין גליל. די זעלביקע מענטשן, נאָר די ראַליעס האָבן זיך געביטן. די פרויען פון „פאַרבאַנד" און „הדסה" קוקן אַרויס דורכן פענצטער און שעפּן נחת:

— זע נאָר, אידישע פאַרמערס!... אידישע פעלדער... אָראַנזשן! זע נאָר, אַז אייזעלע! אַ אידיש אייזל!...

און עטלעכע פון „יענער חברה" הויבן מיט די אַקסלען:

— ביסט אַ מבין ווי זיי כאַפּן עס אַביסל התפעלות? וואָסי, נישטאָ קיין אָראַנזשן אין קאַליפאָרניע? און ווי קומט אָט־דער קאָרן צום קאָרן פון אָהיאָ? אַרום קליוולאַנד האָב איך אַמאָל געזען קאָרן...

אָבער דער שטאָף איז אויסגעצייכנט

די קאָמוניסטקע פון מזרח־דייטשלאַנד איז געווען קאָמוניסטיש־פרום און פול מיט התלהבות. אין מזרח־דייטשלאַנד טרעטן די פויערים אַריין פרייוויליק אין די „גענאָסנשאַפטן" (קאָלכאָזן), — האָט זי דערציילט — זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז ס'איז רענטאַבלער; דאָס פאָלק האָט זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע; אין מערב־דייטשלאַנד איז שוין דער „בום" כמעט ווי פאַרענדיקט, באַלד וועט דאָרט הערשן אַרבעטסלאָזיקייט א. אַ. וו.

נאָר בנוגע מדינת־ישראל האָט זי אַראָפּגעלאָזט פון טאָן. אַ רעזולטאַט פון אַ שלעכטן געוויסן? זי האָט זיך אינטערעסירט מיט דער אידן־פראַגע, האָט געוואָלט הערן וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט אַפילו פאַרשטאַנען פאַרוואָס אידן ווילן בויען, נאָך אַזויפיל ליידן און רדיפות, אַן אייגענע היים.

— אָבער פאַרוואָס שטיצט נישט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד די מדינת־ישראל? — איז איר געווען קשה.

— ווייל די אַראַבישע לענדער פאַרנעמען ריזיקע שטחים און ציילן אַ סך מיליאָנען איינוואוינער. ס'איז אַ פראַגע פון מאַכט־פּאָליטיק.

דאָס האָט זיך איר נישט געלייגט אויפן שכל. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האַנדלט בלויז לויט יושר און גערעכטיקייט, ווי קומט ער צו מאַכט־פּאָליטיק? ער איז מסתמא בלויז קעגן דער רעגירונג פון בן־גוריון, אָבער נישט קעגן דער מדינה.

זי איז געווען פול מיט באַגייסטערונג פאַר אַלץ וואָס זי האָט שוין באַוויזן צו זען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר יעדער קלייניקייט — מענטשן לעבן דאָ ממש אין גן־עדן!

— אָבער די מלבושים... כ'מיין ווי די מענטשן זיינען אָנגעטאָן... כ'מיין... — האָב איך אַ מורמל געטאָן.

דאָ וואָלט אַפילו די בעסטע דיאַלעקטיק נישט געהאָלפן. מיר האָבן געזען די מענטשן פאַר אונזערע אויגן, אַרום אונז.

— יאָ... — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַן ערנסטער מינע — כ'האָב שוין אַליין אויך געטראַכט וועגן דעם. כ'האָב גוט באַטראַכט די קליידער און כ'האָב געזען: זיי זעען אַזוי אויס, ווייל זיי זיינען נישט געניית ווי געהעריק. אַבער דער שטאָף... דער שטאָף איז אויסגעצייכנט!... וואונדערבאַר!

איר זיינט אַ קונסט־זאַמלער?

„אויב דו וועסט זיין אין לענינגראַד און ניט באַזוכן דעם 'ערמי־טאַזש', זאָלסטו זיך ניט דערוועגן צוריק־צו־קומען קיין אַמעריקע!" — האָבן גוטע פריינט, קונסט־ליבהאָבער, מיר אָנגעזאָגט איידער כ'האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין. כ'וואָלט סיי־ווי אַהינגעגאַנגען, וואָרים הגם איך בין ניט משוגע אויף קונסט, בין איך אָבער אַ חסיד פון רעמ־בראַנדט, און אין לענינגראַדער מוזעאום „ערמיטאַזש" געפינט זיך איי־נע פון די רייכסטע קאָלעקציעס פון באַרימטן האָלענדישן מאָלער.

דער „ערמיטאַזש" איז לכתחילה געווען אַ פריוואַטע קונסט־קאָלעקציע פון די צאַרן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין אָפּגעשלאָסענע צימערן פון זייער פּאַלאַץ — פון ווינטער־פּאַלאַץ, הייסט עס. קיין פּלאַץ האָט זיי דאָרט ניט געפעלט, וואָרים אין פּאַלאַץ זיינען סך־הכל פאַראַן 1000 צימערן. אין איינעם פון אירע בריוו האָט קאַטערינע די גרויסע געשריבן וועגן די דאָזיקע קונסט־ווערק, אַז „נאָר איך און די מייז קענען דאָס אַלץ באַוואונדערן". די קונסט־אוצרות האָבן זיך שפּע־טער אויסגעשפּרייט איבער די שכנות'דיקע בנינים, און נאָך דער רע־וואָלוציע איז די רעזידענץ פון די צאַרן, דער ווינטער־פּאַלאַץ גופא, אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזעאום — אַ טייל פון „ערמיטאַזש". די לענג פון אַלע צימערן פון מוזעאום, צוזאַמען־גערעכנט, דערגרייכט צו צענדליקער מיילן.

די קאָלעקציעס פון דער מערב־אייראָפּעאישער קונסט נעמען אַרום ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער: פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און מיקעלאַנדזשעלאָ, די האָלענדער רובענס און רעמבראַנדט, פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן און ביז פּיקאַסאָ. בעת

אַ קורצן באַזוך קען מען בלויז וואַרפן אַ בליק דאָ, אַ בליק דאָרטן. אַ ווײַלע האָב איך זיך פאַרזאַמט בײַ די רענעסאַנס־בילדער. די וועג־ווײַזערין האָט מיך געפרעגט:

— איר זײַנט אַ קונסט־זאַמלער?

— ניין.

כ'האָב זי געבעטן מיך פירן צו די רעמבראַנדט'ס. אין „ערמי־טאַזש" זײַנען אויסגעשטעלט 25 פון זײַנע לײַוונטן, וואָס מען קען ערגיץ־אַנדערש ניט זען (נאָר איין מאָל, דאַכט זיך, האָבן די רוסן זיי געבראַכט אויף אַ וועלט־אויסשטעלונג). דאָ האָבן מיר זיך פאַרזאַמט לענגער. כ'האָב געבעטן די וועגווײַזערין, זי זאָל רעזערווירן צײַט אויף צוריקצוקומען אין יענעם צימער. זי האָט מיך אָנגעקוקט און ווידער געפרעגט:

— איר זײַנט אַ קונסט־זאַמלער?

אויפן וועג זײַנען מיר אָפּגעטראָטן אין דעם געאָרגיעווסקי זאַל, ס'הייסט אין דעם גרויסן טראָן־האַל. דאָ האָבן די צאַרן משמעות אויפ־גענומען זייערע מיניסטאָרן, אַמבאַסאַדאָרן, אַדל־לײַט, גענעראַלן און כל'ערליי שונאי־ישראל. נישקשה פון אַ זאַל! די פּאַדלאָגע פאַרנעמט כמעט 9,000 קוואַדראַט פוס. דער פּאַרקעט זעט־אויס ווי פון פּימפּסן־האָלץ — צונויפגעשטעלט פון 16 פאַרשידענע סאָרטן האָלץ, אויסגע־לייגט אין זעלביקן מוסטער ווי דער סופית; די ווענט זײַנען דעקאָרירט מיט ווײַסן איטאַליענישן מירמל־שטיין און באַגילדערטן בראָנז; דער באַלקאָן אַרום דעם האָל איז אָנגעשפּאַרט אויף 48 מאָנאָליטישע מאַר־מאָר־זײַלן.

אַ ווײַלע בין איך דאָרט געשטאַנען איינער אַליין, אין סאַמע מיטן פון געאָרגיעווסקי האָל. כ'געדענק נישט, צי דער טראָן שטייט נאָך דאָרט. כ'האָב אים סײַ־ווי געזען. כ'האָב געזען ניקאָלאַי דעם צווייטן זיצנדיק אויפן טראָן, און אַרום אים די גאַנצע סוויטע: דער פּעטער זײַנער, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, ראַספּוטין, סטאָליפּין, פּאָביעדאָנאָס־צעוו, אַלערליי שוואַרץ־מאה'ניקעס אין עפּאָלעטן און אָן עפּאָלעטן, די אַלע שררות און האַרן וואָס זייערע נעמען האָבן אַרומגעשוואומען אין מײַן זכרון. ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן, אַז מײַנע פיס וועלן טרעטן אין דעם „געאָרגיעווסקי"? ווי נאַריש זיי זײַנען, די מעכטיקע און גרויסע: זיי מיינען אַז זייער הערשאַפט וועט דויערן אײביק!...

— די צײַט שטייט ניט. וואָס וואָלט איר איצט געוואָלט זען? — האָט די וועגווײַזערין מיך אַרויסגעריסן פון מײַן מחשבות.

— לאָמיר כאַפּן אַ קוק אויף די פּיקאַסאָס, גוט?

— גוט — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

מיטאַמאָל האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי האָט מיך עטלעכע מאָל געפרעגט, צי איך בין אַ קונסט־זאַמלער, די „פאַרבאַנד"־פרוי פון לאָס־אַנדזשעלעס איז מיר געקומען אויפן זינען. זי איז געקומען זיך זען מיט איר שוועסטער; זי וואָלט באַדאַי געשלאָפן מיט איר אין איין בעט, אַבי צו זיין אַ ביסל לענגער צוזאַמען. און אָט שלעפּט מען זי אַרום גאַנצענע טעג, און זי מוז, נעבעך, אָנקוקן פּיקאַסאָס און רענוי־אַר׳ס, גריכישע סטאַטוען, אַלט־סלאַווישע שווערדן, קלויסטערס, מאָ־נומענטן, קברים פון אַלטאַי־נאַמאַדן, שוואַרציאַרן. און גאָר יונג איז מען שוין אויך ניט, ווער האָט עס כוח דערצו?... די וועגווייזער שפּירן עס אויך, איז אַז עס מאַכט זיך אַמאָל...

— אָט זיינען מיר שוין ביי די פּיקאַסאָס! — האָט די וועגווייזערין מיך ווידער אַרויסגעריסן פון מיינע מחשבות — איר זיינט אַ קונסט־קאָלעקטאָר, אמת?

געזען און געלייענט

דעם בריוו האָב איך באַקומען ערב מיין אָפּפאָר: אַז איך זאָל זיך נאָכפרעגן אויף אַ מעדיצין פאַר אַ גוטן פריינט, וועלכער איז פּלוצ־לונג ערנסט קראַנק געוואָרן — אַ נייער וואונדער־מעדיקאַמענט, וואָס מען זאָל האָבן אַנטדעקט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. וואו פרעגט מען זיך נאָך? כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ ספּעציע־לע קליניק פאַר טוריסטן.

צומאָרגנס האָב איך געזאָגט מיין וועגווייזערין, אַז אַנשטאָט אויף אַ טור וואָלט איך געוואָלט צופאָרן אין דער קליניק. זי האָט מיך אַהינ־גענומען. דער צוגעהעריקער דאָקטער־ספּעציאַליסט האָט אין יענעם טאָג ניט געהאַט קיין דינסט־שעה׳ן. ער איז ניט געווען אין דער קליניק.

— אפשר וועט איר אַריינקומען מאָרגן?

— מאָרגן?... היינט נאָכמיטאָג פליט־אָפּ מיין עראָפּלאַן.

— דער הויפּט־דאָקטער איז אין זיין ביוראָ? — האָט געפרעגט קאַטיאַ, מיין וועגווייזערין, אָנרופנדיק דעם שעף פון דער קליניק ביים נאָמען.

— יאָ.

זי האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. ער איז געזעסן הינטער אַ שרייב־טיש, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט ביכער און פּאַפּירן, און האָט גע־האַלטן אין דיקטירן צו אַ סעקרעטאַרין. ער האָט איבערגעריסן די אַרבעט און אונז געבעטן זיצן. קאַטיאַ האָט אים דערקלערט מיין בקשה און צוגעגעבן, אַז כ׳דאַרף אין זעלביקן נאָכמיטאָג אַוועקפאָרן. ער האָט

מיר געשטעלט עטלעכע פראַגן און האָט דערקלערט, אַז ער האָט גע־הערט פון אַ מעדיצין פאַר דער דערמאָנטער קראַנקהייט; ס'איז ניט זיין געביט אָבער, אויף וויפל ער געדענקט, איז זי צוריקגעצויגן גע־וואָרן פון באַנוץ, ווייל זי האָט אַרויסגערופן זייטיקע עפעקטן. אָבער אינגאַנצן זיכער איז ער ניט. ער וועט אונז שיקן צו אַ ספּעציאַליסט, מיט וועלכן מיר וועלן זיך קענען באַראַטן וועגן דעם גאַנצן ענין.

און גלייך אויף אָן אָרט האָט ער אַליין אָנגעשריבן, מיט דער האַנט, אַ קורץ בריוול צום דירעקטאָר פונעם צוגעהעריקן אינסטיטוט אין דער „אַקאַדעמיע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן פון ס. ס. ס. ר.". דאָס צעטל האָט ער דערלאַנגט דער וועגווייזערין:

— פאָרט גלייך אַהינצו, אויף שטשיפּאָק נומער 6 — האָט ער געזאָגט און זיך גענומען ווייטער דיקטירן זיין סעקרעטאַרין.

קיין אויטאָ פון „אינטוריסט" האָב איך שוין אין יענעם פאַרמי־טאָג ניט געהאַט. ס'האָט מיר מער ניט געקומט. ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ טאַקסי. אין עטלעכע שעה אַרום האָב איך געדאַרפט אַרויספאָרן צום אעראָדראָם. מיר האָבן זיך געיאָגט פון גאַס צו גאַס. קאַטיאַ האָט מיך געטרייסט, אַז כ'וועל באַוויזן. סוף סוף האָבן מיר געפונען אַ טאַקסי און אויפגעאָטעמט. כ'בין געווען טיף באַאיינדרוקט פון דעם באַזוך אין דער קליניק: די שנעלע אויפנאַמע, אָן צערעמאָ־ניעס, דער בריוו. ס'האָט אויסגעזען ווי דער סאָציאַליזם, וואָס מיר האָבן אַמאָל געזען אין אונזערע טרוימען.

אויפן וועג צו דער „אַקאַדעמיע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן" האָט קאַטיאַ מיר דערציילט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז די מעדיצי־נישע באַהאַנדלונג פריי, אומבאַצאָלט, פאַר יעדן איינעם, אַז אויך מע־דיקאַמענטן באַקומען די פּאַציענטן אומזיסט, אַז זיי דאַרפן ניט צאָלן פאַר האָספּיטאַליזאַציע, סאַנאַטאָריומס א. אַז. וו.; אַז אַ סך באַרימטע פּערזענלעכקייטן פון מערב זיינען געקומען זיך היילן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד: דער באַרימטער זינגער פּאָל ראָבסאָן, פון אַמעריקע; דער קאָמוניסטישער פירער מאָריס טאָרעז, פון פראַנקרייך, און אויך סתם מענטשן. און זי האָט צוגעגעבן דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד: אַנומלט האָט זי אַרומגעפירט איבער מאָסקווע אָן אַמעריקאַנער דאָקטער, אַ כירורג. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די מעדיצינישע איינריכטונגען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. בעת זיין באַזוך אין איינער פון די קליניקס, האָט ער אַ פרעג געטאָן אַ סאָוועטישן כירורג, אַ ספּעציאַליסט:

— וויפל פאַרדינט איר אַ חודש?

— דריי הונדערט רובל — האָט געזאָגט דער סאָוועטישער כירורג (ס'הייסט בערך 330 דאָלער).

דער אַמעריקאַנער האָט אַ לאַך געטאָן:

— 300 רובל אַ חודש?... איך נעם 500 דאָלער פאַר איין אָפּעראַציע!

— זייער פיין — האָט געזאָגט דער סאָוועטישער — אָבער וואָס טראַכטן וועגן דעם די פּאַציענטן?

* * *

אַ צייט שפּעטער האָב איך געלייענט, אין ניו־יאָרק שוין, אַ שילדערונג פון סאָוועטישן לעבן, ספּעציעל פון דער סטודענטן־סביבה, געשריבן פון אַ יונגן סאָוועטישן אינטעלעקטואַל, וועלכער איז אַריבער צום מערב. בעת ער האָט געלערנט אויף דער אוניווערזיטעט — האָט ער דערציילט — האָט ער אָפט געמוזט אויספירן פּאָליטישע פונקציעס: גיין צוזאַמען מיט אַ גרופּע סטודענטן צווישן פּשוט'ע אַרבעטער און פאַר זיי האַלטן פּאָליטישע רעדעס. די אַרבעטער האָבן זיך צו זיי באַצויגן מיט אומצוטרוי, כמעט מיט האַס. טיילמאָל זיינען געפאַלן האַרבע קשיות, וואָס ס'איז שווער געווען צו פאַרענטפערן. איינע פון די פראַגעס, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קומען פונעם מויל פון אַ פּשוט'ן אַרבעטער, איז געווען:

— ווי קומט עס, וואָס אין אונזער סאָציאַליסטישן לאַנד מוז איך וואַרטן גאַנצע דריי וואָכן ביז איך קען אָנקומען צו אַ דאָקטער?

אויפן זינען איז מיר געקומען מיין באַזוך אין דער קליניק, די רייזע אין דער „אַקאַדעמיע". וואָס איז עס געווען? ווידעראַמאָל טעאַטער?

כ'האָלט אָבער, אַז עס וואָלט געווען ניט אָרנטלעך, ווען איך דערצייל ניט מיין אייגענע דערפאַרונג. כדי צו זיין אָביעקטיוו לגבי דעם לייענער, האָב איך אין דעם פאַל געהאַלטן פאַר נויטיק אויך איבערצוגעבן דאָס וואָס כ'האָב געלייענט, ווייל גראָד וועגן אָט־דעם ענין, ווי ער זעט־אויס אין דער טאָג־טעגלעכקייט, איז מיר ניט אויסגעקומען צו רעדן מיט די דאָרטיקע מענטשן. איך גופא בין אפשר אין דעם פאַל ניט אָביעקטיוו; כ'האַלט, כאָטש ס'איז זייער אַלט־מאָדיש, אַז ווען עס קומט צו פערזענלעכער פריינטלעכקייט און דאַנקבאַרקייט, איז מען ניט מחויב צו זיין ראַציאָנעל.

אויפן וועג צו אַ סאַטעליט

דער עראָפּלאַן קיין וואַרשע האָט זיך פאַרשפּעטיקט; די קאָנטראָל־פּאַרמאַליטעטן אויפן מאָסקווער עראָדראָם זיינען אַנגעגאַנגען פּאַמעלעך. ס׳רוב פּאַסאַזשירן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פון קאָנגרעסן און צו־זאַמענפּאָרן: קיין פּוילן, טשעכיע, אונגאַרן, רומעניע. צוויי כינעזער זיינען געפאָרן אויף אַ שליחות קיין וואַרשע.

דער פּאַזנאַנטשיק איז געפאָרן פון אַ קאָנגרעס פון פיזיקער אין מאָסקווע. ווען ער האָט געהערט, אַז איך קום פון אַמעריקע, איז ער געוואָרן צוגעזאָטן פון מיר. ער וויל באַנוצן די געלעגנהייט און רעדן אַ ביסל ענגליש — האָט ער געזאָגט. ס׳איז געווען ניט בלויז די שפּראַך.

ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון מיר אין וואַרט־זאַל, און אויך אין עראָפּלאַן האָט ער זיך געזעצט לעבן מיר. איך בין געווען נייגעריק. ער איז געווען דער ערשטער פּאַזנאַנטשיק, וואָס כ׳האָב באַגעגנט פּנים אל פּנים, מיט וועלכן כ׳האָב געפּירט אַ שמועס. און פּאַזנאַנטשיקעס האָבן פאַרנומען אַ גאַנץ וויכטיק אָרט אין מיין לעבן — זיי האָבן גע־הויערט ווי אַ געשפּענסט אין זכרון. זיי האָבן מסתמא באַאיינפלוסט דעם גאַנצן דור מיינעם: ווי אַ קאָשמאַר, ווי אַ לעגענדע פון בייזן גייסט. אין יאָר 1918, בעת פּוילן איז באַפרייט געוואָרן פון פרעמדער הערשאַפט און „פאַרשקלאַפונג״, האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט מיט רייסן אידישע בערד, שמייסן „דוואַדיעשטשאַ פּיענטש״ (25) און וואַרפן אידן פון די צוגן.

ווען פּאַזנאַנטשיקעס זיינען דערשינען אין אַ שטעטל, האָט מען פאַרריגלט טיר און טויער. פרויען האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערן. לית דין ולית דיין! מיר זיינען נאָך דעמאָלט געווען קינדער. דער פּחד און די אימה האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין זכרון.

* * *

ערשט אויפן וועג, אין פוילישן עראָפּלאַן, האָבן מיר זיך צערעדט פרייער. ער האָט דערציילט וועגן די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין איצטיקן פוילן. כאָטש ער איז נאָך געווען יונג, אין די דרייסיקער, האָט ער שוין געהאַט דריי קינדער. לויטן לעגאַלן קורס האָט זיין לוין אויסגעמאַכט אַרום 150 דאָלאַר אַ חודש, אָבער לויט דער קויף־קראַפט פיל ווייניקער (לויט דעם „שוואַרצן קורס" — בלויז אַ דריטל).

— אין אייער פאַך? — האָב איך זיך געוואונדערט — וואו אַרבעט איר?

— פאָרש־אַרבעט אין אַ לאַבאָראַטאָריע. אָבער ביי אונז פאַרדינען אפילו וויסנשאַפט־לייט ווייניק.

ער האָט ניט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. דאָרט וואו ער האָט געאַרבעט, האָט מען ניט געקענט קריגן קיין דירה. ער גופא האָט געוואוינט אין אַ מין באַראַקן־קאָלאָניע פאַר אָנגעשטעלטע. זיין פרוי און קינדער האָט ער באַזוכט איין מאָל אַ חודש.

ער האָט די גאַנצע צייט אויסמאַרקירט צו בלייבן אויף מיין רעכטער זייט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז טויב אויף אַן אויער.

— פון דער מלחמה?

ניין, זינט דער פריער קינדהייט. צו זיבן יאָר האָט ער שוין דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע און אינגלוויז האָט מען אים ווידער אָפּערירט. ער האָט פון דעסטוועגן פאַרגעזעצט זיין לערנען — דורך קריגס־צייטן און הונגער־יאָרן — און איז געוואָרן אַ וויסנשאַפטלער.

— דערצו איז נויטיק אַן אייזערנער ווילן! — האָב איך אים באַוואונדערט. ער איז געווען אינטעליגענט, מענטשלעך און מיט ברייטע האָריזאָנטן. מיר האָבן שנעל געפונען אַ בשותפות'דיק לשון. כ'בין געווען צופרידן צו באַגעגענען אַן אַנדער מין פּאָזנאַנטשיק. אַזוי ווי ער איז געווען פון פאַך, איז באַלד געקומען צו רייד וועגן דער מעגלעכקייט פון אַן אַטאָמישן קריג.

— ס'איז ניט בלויז מעגלעך, נאָר אויך וואָרשיינלעך — האָט ער געזאָגט — ניט דווקא מאָרגן, איבערמאָרגן... אָבער אויב מען טראַכט אין טערמינען פון לענגערע צייט־אָפּשניטן, צענדליקער יאָרן, יאָרהונדערטער, איז אַזאַ מלחמה כמעט ווי זיכער.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— ווייל מענטשן האָבן זינט שטענדיק געפירט מלחמות, זינט זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט צווייגן אָדער וואַרפן שטיינער, איז פאַרוואָס זאָלן זיי פלוצלונג אויפהערן?

— פאַרוואָס? ווייל אַן אַטאָמישער קריג וועט זיין אַ גאַר אַנדערע

דערשיינונג ווי די ביז־איצטיקע מלחמות, ניט בלויז אין כמות נאָר אויך אין איכות — בין איך אַרויס מיט דעם אַנגענומענעם אַרגומענט — איר פאַרשטייט דען נישט, אַז אויב עס וועט קומען צו אַן אַטאָמישן קריג, וועט די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע אונטערגיין?

— און וואו שטייט עס געשריבן, אַז די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע קען ניט אונטערגיין? — האָט ער גערעדט רואיק און זאַכלעך — איר טראַכט מיט אַ זייער באַגרעניצטער פערספּעקטיוו: פון טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יאָרן. ווי אַלט איז אונזער גאַנצע ציוויליזאַציע? 100 טויזנט יאָר... 200 טויזנט יאָר... ווען איר גיט אָבער אַ טראַכט, אַז דער אוניווערס איז אַלט ביליאָנען יאָרן? וואָס פאַראַ ראָליע שפּילט דאָ די אָדער יענע ציוויליזאַציע? און אויסערדעם: פאַר דער צייט זיינען זיכער אויפגעקומען מערערע ציוויליזאַציעס, אויף אונזער פּלאַנעט אָדער ערגיץ אַנדערש — אויפגעקומען, חרוב געוואָרן, ווידער אויפגעקומען.

מיר איז פאַרגעקומען ווי די יוצרות וואָלטן זיך פאַרביטן: אַ איד רעדט ווי אַ מיושב׳דיקער בירגער, מעשה באַלעבעסל, און אַ פאָזנאַנטשיק — מיט אין־סוף באַגריפן, ווי אַ פילאָזאָף. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז אַ כעמיקער האָט אַנומלט „מחייה מתים" געווען מיקראָבן, וועלכע זאָלן האָבן געלעגן פאַרגליווערט אין גרודעס זאַלץ אין משך פון 360 טויזנט יאָר. איצט זוכט ער אַ „ביסל" עלטערע גרודעס זאַלץ, כדי „מחייה מתים" צו זיין מיקראָבן, וואָס ליגן אפשר דאָרט פאַרגליווערט זינט 720 טויזנט יאָר.

— איר ווייסט, ס׳איז פאַראַן וועגן דעם אַ מאמר חז״ל — האָב איך אין מיטן דערינען, אין קאָמוניסטישן עראָפּלאַן וואַרשע־מאָסקווע, געטומען לערנען מיטן פאָזנאַנטשיק אַ שטיקל מדרש — איינער פון אונזערע פאַרצייטיקע חכמים, ר׳ אבהו, האָט געהאַלטן, אַז אונזער וועלט איז גאָר ניט די ערשטע; אַז דער אויבערשטער האָט שוין פריער באַשאַפן וועלטן און זיי חרוב געמאַכט, ביז ער האָט באַשאַפן די איצטיקע וועלט. פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווייל עס שטייט אין פסוק: און ער האָט געזען, אַז ס׳איז גוט, ס׳הייסט אַז די פריערדיקע וועלטן זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיי דערפאַר צעשטערט.

— אפשר געפעלט אים אויך אונזער וועלט ניט מער? — האָט געזאָגט דער פאָזנאַנטשיק־פיזיקער.

— אפשר... אָבער לאָמיר לאָזן אין אַ זייט די פיזיקע און דעם מדרש — האָב איך געזאָגט — איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? מיר דאַכט זיך, אַז אונזערע געדאַנקען זיינען אין דעם פאַל אָפּהענגיק

פון אונזערע באַדינגונגען. אין אַמעריקע לעבט זיך מענטשן ניט שלעכט, זיי ווילן אַז עס זאָל ווייטער אַזוי אָנגיין, האַלטן זיי דערפאַר, אַז אַן אַטאָמישער קריג איז אוממעגלעך. ביי אייך איז דאָס לעבן שווער, און דער עיקר: מענטשן זיינען פאַרצווייפלט, ווייל זיי זעען ניט קיין אויס־וועג אויף אַ פרידלעכן אופן, זיי פילן זיך אָנמעכטיק לגבי דעם באַ־צווינגער־ריז, איז ביי זיי אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אַן אַטאָמי־שער קריג איז וואַרשיינלעך, אומפאַרמיידלעך אפילו. ס׳איז אייגנטלעך אַ געדאַנק, וואָס שטאַמט פון אַ באַהאַלטענעם וואונטש.

ער האָט זיך אַ וויילע פאַרטראַכט:

— ס׳קען זיין, אַז מיין באַטראַכטונג איז אַ פּועל־יוצא פון אַ וואונטש, אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז זי איז אָביעקטיוו פאַלש, — האָט ער געזאָגט, — ווי אַ רעזולטאַט פון זייערע וואונטשן, האָבן מענטשן אַנטדעקט אַ סך ריכטיקע נאַטור־געזעצן, מעדיצינען, די געזעצן פון דער פיזיק, מעכאַניק א. אַז. וו. די דאָזיקע געזעצן האָבן סיי־ווי עקזיס־טירט; דער מענטשלעכער וואונטש האָט אים נאָר געשטויסן זיי צו אַנטדעקן.

* * *

שפּעטער, אין פּוילן, האָב איך אָפט געהערט (אויסער צווישן אידן) דעם געדאַנק, אַז עס וועט אינגיכן קומען צו אַ מלחמה, צו אַן אַטאָמישן קריג צווישן די גרויסמאַכטן פון די צוויי לאַגערן. איי, עס מיינט דאָך אונטערגאַנג? וועגן דעם האָבן זיי אויסגעמיטן צו טראַכטן.

מיר דאַכט זיך, אַז סיי אין די גרויסמאַכטן, סיי ביי די קלענערע פעלקער לעבט אין דעם פאַל אַ וואונטש און אַ באַהאַלטענע האָפענונג אויף „מלאכתם נעשית על ידי אחרים", אַז אַנדערע וועלן פאַר זיי טאָן די אַרבעט. אין אַמעריקע האָט מען געהאָפט, אַז די סאַטעליטן וועלן רעוואָלטירן און וועלן צעטרייסלען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד האָפט מען, אַז די לאַטיין־אַמעריקאַנער, אַזיאַטן און אַפריקאַנער וועלן מאַכן רעוואָלוציעס, און וועלן איזאָלירן די „פאַר־אייניקטע שטאַטן" און מאַכן אַ סוף צו זייער מאַכט.

אָבער אויך די קליינע שטאַטן, ספּעציעל די סאַטעליטן, האָבן משמעות זייער טרוים. זיי ווייסן, אַז מיט זייערע אייגענע כוחות קענען זיי זיך ניט באַפרייען. האָפן זיי דעריבער, אַז די גרויסע און מעכטיקע וועלן אַרויסגיין אין אַן אַטאָמישער מלחמה, וועלן זיך שלאָגן און ממית׳ן, און אַז זיי, די אונטערדריקטע, וועלן דערווײַלע באַפרייט ווערן.

אַן אויגנבליק אין וואַרשע

ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייל פילט מען זיך פריי אין וואַרשע, אַזוי פריי ווי אין אַ גרויסשטאָט אין מערב, מיוחסדיק אפילו, בפרט ווען מען קומט פון אַמעריקע — כמעט ווי אין דער אויסגעהונגערטער מערב־אייראָפּע גלייך נאָך דער באַפרייאונג. עס קומט בכלל נישט אויפן זינען, אַז מען געפינט זיך אין אַ סאַטעליט־לאַנד. אין פוילן האָט אַמעריקע שטענדיק אויסגעזען ווי דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, די גילדערנע מדינה — בפרט איצט; פאַר אַ גרויסער צאָל פּאָליאַקן איז אַמעריקע די גרויסע האָפענונג: פּאָליטיש און עקאָנאָמיש; און מען שאַצט אַז אַרום אַ דריטל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג ווערט אַצינד אונטערשטיצט פון אויסלאַנד, דורך פּעקלעך און מזומנים.

די צאָל איז אפשר איבערטריבן, אָבער אין יעדער גרויסער שטאָט אין פוילן זיינען פאַראַן „קאָמיסואוועקעס" — ספּעציעלע קראָמען, לעגאַלע, וואו אַ בעל־ה׳פּעקל קען אַריינגעבן די זאַכן, וואָס ער האָט באַקומען, צו פאַרקויפן אויף „קאָמיסיע"": נאָכן פאַרקויפן קריגט ער דאָס איינגעלייזטע געלט מינוס אַ באַשטימטן פּראָצענט „קאָמיסיאָן" און שטייערן. אין די „קאָמיסואוועקעס" קענט איר באַקומען די פאַרשידנסטע אַמעריקאַנער סחורות, נייע און גענוצטע, פון אַ „פּאַרקער"־פּען ביז ניילאָן־זאָקן, אַ רעגן־מאַנטל און אַן אַלטן פראַק. סחורה־קופּאָנען פון אַמעריקע ווערן אויך דירעקט אין דער באַנק אויסגעביטן אויף מזומנים.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָטעמט אויך דער אויסלענדער די לופט פון דער סיסטעם. ער שפּירט זי דורך אַלערליי קלייניקייטן: דאָס צוגעטיילטע צימער אין פאָראויס־באַשטימטן האָטעל, די שפּייז־קופּאָנען, וואָס ווערן אים אויסגעטיילט, די אָרגאַניזירטע טורס, וואָס ווערן פאַר אים אויסגעקליבן, די באַגרענעצטע באַוועגונגס־פרייהייט

(בלויז אויף באַשטימטע ערטער, וואָס ווערן אַריינגעשריבן אין זיין וויזע).

ווען איר קלייבט זיך פאָרן קיין פּוילן, מוזט איר אויך איינצאָלן אין פאָראויס 10 דאָלער פאַר יעדן טאָג, וואָס איר האָט בדעה צו פאַרבלייבן אין לאַנד. אָבער קומענדיק קיין וואַרשע צאָלט מען אייך גלייך אויס זלאָטעס פאַר די דאָלאַרן, וואָס איר האָט איינגעצאָלט, און איר זיינט אַ פרייער פויגל: טוט דערמיט וואָס איר ווילט. מיט דער איינצאָלונג אין פאָראויס איז די רעגירונג אויסן, אַז דער טוריסט זאָל צום־וויניקסטנס דאָס געלט פאַרן מינימום פון זיינע טעגלעכע הוצאות בייטן אויפן לעגאַלן קורס. דאָס איבעריקע איז שוין כמעט זיין זאַך. דער אונטערשיד אין קורס איז אַ געוואַלטיקער: איר קריגט אויסגעצאָלט לעגאַל 24 זלאָטיס פאַר אַ דאָלער, אָבער אויפן שוואַרצן מאַרק האַלט דער דאָלער צווישן 75 און 90 זלאָטיס (די פּוילישע רעגירונג איז אָבער זייער נאָכקומענדיק בנוגע אויסלענדישער וואַלוטע, מער ווי די ישראל־רעגירונג, אַ שטייגער. ווען איר שיקט פון אַמע־ריקע געלט קיין פּוילן, דורך אַן אָפיציעלער באַנק, קריגט דער דאָר־טיקער תושב אויסגעצאָלט 72 זלאָטיס פאַרן דאָלער — כמעט ווי לויטן קורס פון שוואַרצן מאַרק).

מען זאָגט, אַז גייסטיק איז פּוילן געניגט צום מערב: אין די קאַפע־הייזער דיסקוטירט מען וועגן די לעצטע אַמעריקאַנער ראָמאַנען, און מאַרקסיסטישע פּראָפעסאָרן שרייבן וועגן דער נויטווענדיקייט פון מער פּערזענלעכער פרייהייט אונטער אַ סאָציאַליסטישן רעזשים. כ'בין געווען צו קורץ אין פּוילן צו קענען געניסן פון דער דאָזיקער אַטמאָס־פער. איר באַמערקט אָבער גלייך די עקאָנאָמישע „נייגונג" צום מערב — צי איר ווילט אָדער נישט. אָט־דער ענין האָט מיך אינטערע־סירט אויך צוליב אַנדערע, זייטיקע סיבות.

מיר זיינען געגאַנגען פון צענטער שטאָט צו דער געגנט, וואו ס'איז אַמאָל געווען די אידישע וואַרשע. אויף איינער פון די גאַסן זיינען מיר כמעט אויף יעדן שריט פאַרהאַלטן געוואָרן דורך יונגע חברה־לייט:

— דאָלאַרן? קופּאָנען? — האָבן זיי געפרעגט גאַנץ אָפן.

— פּראַשען פּאַנאַ, קופּאָני? דאָלאַרי?

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט מיין באַגלייטערין, אַ אידישע אַרטיסטקע פון וואַרשע.

— דאָ באַלד איז פאַראַן אַ באַנק, און זיי וואַרטן־אָפּ די מענטשן, וואָס גייען אַהינצו.

זיי האָבן אויסגעזען עכט פּויליש. קיין אידישע „בירזשעוויקעס" זיינען שוין אין וואַרשע לאַנג נישטאָ.

— אַבי מיר האָבן אַמאָל געמיינט, אַז ס'איז אַ אידישע מלאכה — האָב איך געזאָגט.

— זיי האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט — האָט זי געזאָגט.

אויף דער פּוילישער טאַקסי־שאָפער האָט מיך לאַנג — אויף אַ רייזע קיין פּראַגע און צוריק — געוואָלט איבערצייגן, אַז כ'זאָל ביי אים בייטן דאָלאַרן. כ'האָב אים דערקלערט, אַז ערשטנס האָב איך מיין געלט דעקלאַרירט ביים אַריינפאָר, און צווייטנס האָב איך נישט קיין חשק צו האָבן צו טאָן מיטן שוואַרצן מאַרק.

— אויב דער פּאַן וויל דווקא זיין אַ „פרייער"... — האָט ער געזאָגט.

ער האָט זיך באַקלאָגט אויף די פּאַרדינסטן: אַז מען קען נישט מאַכן קיין לעבן, מען קען קוים אויסקומען.

— ס'איז ערגער ווי אַמאָל?

— וואָס רעדט איר? אַ סך ערגער! גאָר קיין פאַרגלייך נישט. אַמאָל האָבן זיי געזאָגט, אַז די קאַפּיטאַליסטן נעמען אַלץ צו. נו, און איצט, אַז עס זיינען שוין נישטאָ קיין קאַפּיטאַליסטן? כ'וואָלט אפשר נישט געדאַרפט אַזוי ריידן מיט איך, כ'קען איך דאָך נישט.

— האָט נישט קיין מורא!

— נו, יאָ, איר זיינט אויך פון פריערדיקן דור. פאַר די יונגע חברה־לייט דאַרף מען זיך היטן מיט אַ וואָרט.

באַלד איז ער אַריבער צו פּאָליטיק. ער האָט געהאַלטן אַז עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד און: „זאָל שוין בעסער קומען צו אַ קריג..."

— אין אַן אַטאָמישן קריג וועלן אַלע אונטערגיין — האָב איך געזאָגט.

— מיר אַרט נישט, כ'בין שוין סייווי אַלט, שוין אָפּגעלעבט מיין לעבן.

— און אייערע קינדער? איר האָט משפחה?

זיין ערשטע פרוי איז געשטאָרבן און זיינע זין זיינען געפאַלן בעת דעם באַר־אויפשטאַנד אין וואַרשע. ער האָט ווידער חתונה געהאַט און ער האָט עטלעכע קליינע קינדער. אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרטראַכט:

— איר זיינט אפשר גערעכט — האָט ער געזאָגט — אָבער אַזוי ווי איצט קען עס ווייטער נישט גיין.

אין וואַרשע גייט מען פיל בעסער אָנגעטאָן ווי אין מאָסקווע, די קראָמען זיינען פול מיט סחורה, אין די רעסטאָראַנען איז פאַראַן מכל טוב. איר הערט אָבער אָפט טענות קעגן רעזשים. מען באַקלאָגט זיך אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע, אויף די מאַגערע פאַרדינסטן, אויף מאַנגל אין פרייהייט.

— איך פאַרשטיי אייך נישט: איר זיינט דאָך פריי, איר זאָגט וואָס איר ווילט, איר האָט נישט קיין מורא — האָב איך געטענהט צו איינעם אַ יונגן פּאָלאַק.

— יאָ, יאָ... מיר זיינען די 17טע רעפּובליק... — האָט ער געזאָגט. צום אָנהויב האָב איך נישט פאַרשטאַנען, אָבער באַלד האָב איך זיך געכאַפּט: אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן 16 רעפּובליקן.

מיר זיינען געווען אין צענטער פון שטאָט, ניט ווייט פון דעם טעאַ־טער־פּלאַץ און דער מאַרשאַלקאָווסקע. איצט הויבט זיך דאָרט דער „קול־טור־פּאַלאַץ" — אַ וואָלקן־קראַצער, וואָס סטאַלין האָט געשאָנקען פּוילן לכבוד איר באַפרייאונג. אַ סך פּאָלאַקן באַטראַכטן אים ווי אַ סימבאָל פון רוסישער הערשאַפט. מען דערציילט וועגן אים אַן אַ שיעור וויצן. וואַרשע וואָלט גערן פּטור געוואָרן פון דער מתנה. אפשר ווילט איר קויפן אַ וואָלקן־קראַצער אין וואַרשע? — האָט מען מיר געמאַכט אַ ביזנעס־אָנבאָט — שפּאָט־ביליק, אַ מציאה, אָבער בתנאי אַז איר זאָלט אים אַריבערפירן ערגעץ אַנדערש.

טראָץ די געוואַלטיקע אידעאָלאָגיש־טעריטאָריעלע ענדערונגען אין אייראָפּע, זיינען די פּאָליטישע שטימונגען אין פּוילן נאָך אַלץ באַאיינפלוסט פון דער געאָגראַפישער לאַגע פון לאַנד. אַ ווייט־זעענדי־קער היסטאָריקער קען אפשר באַטראַכטן די לעצטע גרענעץ־ענדערונ־גען נישט ווי אַן אויסשפּרייטונג פון סאָוועטישן קאָמוניזם איבער דעם גאַנצן צענטער פון קאָנטינענט, נאָר ווי אַ פאַזע אין טויזנט־יעריקן קריג צווישן די גערמאַנען און די סלאַוון (זינט דער רוסישער פירשט אַלעקסאַנדער ניעווסקי און דער ליטוויש־פּוילישער קעניג יאַגעללאָ האָבן פּרובירט פאַרהאַלטן דער פאָראויס־מאַרש פון די טוי־טאָנישע ריטער); ס'הייסט דער גערמאַנישער טרוים פון „דראַנג נאָך אָסטן" האָט געליטן אַ מפּלה און די סלאַוון האָבן צוריק־דעראָבערט טעריטאָריעס, וואָס די טויטאָנער האָבן פאַרכאַפּט מיט יאָרהונדערטער צוריק.

פאַר אַזאַ היסטאָריקער וואָלט די איצטיקע אידעאָלאָגישע באַ־פאַרבונג פון די צדדים געווען נישט מער ווי אַ נעבן־זאַך (פּונקט ווי דער רעליגיע־אונטערשייד צווישן קאַטאָליציזם, געצנדינסט און פּראַוואָ־

סלאַוויע, וואָס האָט געדינט ווי אַן אויסרייד אין די אַמאָליקע דער־אָבערונגען). וואָס שייך די פּאָלאַקן, פילן זיי זיך נאָך אַלץ באַדראָט פון די צוויי גרויסמאַכטן אויף זייערע גרענעצן, אין מזרח און אין מערב. די דעראינערונג פון דער פרעמדער הערשאַפט אין משך פון העכער אַ יאָרהונדערט ליגט זיי נאָך אַלץ אין די ביינער. אין די אויגן פון פיל פּאָלאַקן זיינען סאָוועטישע מענטשן: די זעלביקע מאָסקאַלן, נאָר אַנדערש געשליירט.

ס'איז שווער צו וויסן וועמען די פּאָלאַקן האָבן מער פיינט: די רוסן אָדער די דייטשן. אפשר האָבן זיי ביידן מער פיינט. די דייטשן זיינען טאַקע געווען די אָקופּאַנטן בעת דער מלחמה, און די רוסן — די באַפרייער, אָבער די רוסן האָבן דאָ פּרובירט באַלעבאַטעווען שוין נאָך דער באַפרייאונג. כ'האָב נישט געוואָלט גלויבן מיינע אייגענע אויערן, ווען אַ פּוילישער אינזשיניער, אַ ליבעראַל גראָד, האָט מיר געזאָגט: „אָט האָבן מיר באַקומען טיילן פון נידער־שלעזיע און געוויסע געביטן פון דייטשלאַנד. גוט־איינגעאָרדנטעווירטשאַפטן. אָבער וואָס טוען אונזערע פּויערים? אין די באָד־צימערן האָדעווען זיי חזירים...״

אפשר זיינען עס בלויז קלייניקייטן, פאַרבייגייענדיקע דערשיי־נונגען, וואָס וועלן נישט שפּילן קיין ראָלע אין דער ווייט־לויפיקער אויספורעמונג פון נייעם פּוילן. אויפן גייסטיק־פּאָליטישן געביט האָט דער גאָמולקאַ־רעזשים געמילדערט די שפּאַנונג. וואָס איז די איילעניש? מיר האָבן צייט צו ענדערן דעם מענטש אין משך פון 40 יאָר — זאָגן די פּוילישע קאָמוניסטן. גאָמולקאַ האָט נישט בלויז איינגעפירט מער אַלגעמיינע פרייהייט אין לאַנד, נאָר ער האָט אויך אויפגעריכט און געגלעט דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ, און געגעבן די פּאָלאַקן אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט.

אין די סטאַליניסטישע צייטן פלעגן קינד און קייט, אַריינגערעכנט אַטעאיסטן, גיין זונטיק אין קירכע. ס'איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע, די איינציק מעגלעכע, קעגן רעזשים, וואָס זיי האָבן באַטראַכטן ווי אַ פרעמדן. אַצינד קען זיך אַ פּאָלאַק פילן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, באַ־זונדערס אויפן קולטורעלן געביט, ווי אין אַן אומאָפּהענגיק לאַנד. אָבער דאָס פּראָבלעם פון רעליגיע איז נאָך ווייט ניט געלייזט געוואָרן. די מער־הייט פון פאָלק איז קאַטויליש־פרום און די רעליגיע איז זייער ערשטע לאָיאַליטעט. אַזאַ איינשטעלונג שאַפט קאָמפּליקאַציעס אין אַ לאַנד מיט אַ קאָמוניסטישן רעזשים.

* * *

ביים אָנקומען האָב איך אָפּגעגעבן מיין פּאַס ביים אויפנאַם־טיש פון גראַנד־האָטעל. צומאָרגנס בין איך געגאַנגען אים אָפּנעמען אין

איינעם פון די צימערן פון האָטעל (אָנשטאָט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאָט). אַ יונגער אַגענט אין ציוויל האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך. כ׳האָב גערעדט ענגליש. פאַר די וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין די „קרעסן״ און געלערנט אין אַ העברעאישער גימנאַזיע, איז פּויליש געווען אַ צווייטע שפּראַך. אויסער דעם האָב איך געדענקט, ווי פּאָלאַקן האָבן געשפּאָט פון אידן, וואָס האָבן גערעדט פּויליש מיט אַ שלעכטן אַקצענט. טאָ פאַרוואָס זאָל איך זיך ברעכן די ציין?

דער יונגערמאַן האָט זיך טאַקע געבראָכן די ציין אויף ענגליש. ער האָט אויסגעפילט אַ פראַגע־בויגן. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט אין מיין פּאַס, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין פּוילן.

קענט איר דאָך פּויליש! — האָט ער אויסגערופן מיט פרייד.

— כ׳בין אַוועקגעפאָרן זייער יונג — האָב איך געזאָגט — אָבער כ׳פאַרשטיי אַביסל... אויב איר ווילט, קענט איר רעדן פּויליש.

כ׳האָב אים ווייטער געענטפערט אויף ענגליש. אָבער לאַנג האָב איך נישט אויסגעהאַלטן. מיטאַמאָל האָב איך אָנגעהויבן ציטירן אויף פּויליש:

„שטיל אָרום, טויב אָרום,
וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?״

און פון מיצקיעוויטשן בין איך אַריבער צו סלאָוואַצקין:

„דריי מאָל האָט די לבנה זיך געביטן, די גילדערנע,
זינט כ׳האָב אויף אָט־דעם זאַמד אויפגעשלאָגן געצעלטן...״

ער האָט געעפנט גרויסע אויגן און איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות. יוסף און זיינע שטיף־ברידער!... ער האָט זיך צערעדט וועגן דער פּוילישער ליטעראַטור און מיך געבעטן איינרעדן, אַז כ׳זאָל למען־השם איינקויפן עטלעכע נייע אויסגאַבעס פון די קלאַסיקער:

— ס׳איז אָקאָרשט דערשינען אַ נייע קעשענע־אויסגאַבע פון „פּאַן טאַדעאוש״, אַ פּרעכטיקע אויסגאַבע מיט אילוסטראַציעס. זי וועט אייך זיכער געפעלן ווערן. נעמט זי מיט! פאַרגעסט נישט!... אייערע קינדער פאַרשטייען פּויליש? איר דאַרפט זען, אַז זיי זאָלן קענען אַביסל פּויליש!

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז יידן האָבן אָפטמאָל אָנגעהאַלטן און נישט־ווילנדיק פאַרשפּרייט אין דער פרעמד די שפּראַך און קולטור פון די פעלקער, וואָס האָבן זיי פאַרפאָלגט און פאַרטריבן: שפּאַניש, דייטש אַפילו, אין אונזער צייט. דער יונגערמאַן האָט זיך געזאָרגט פאַר דער פאַרפלאַנצונג און פאַרזעצונג פון דער פּוילישער קולטור אין ווייטן אויסלאַנד.

— כ'וועל זיך דאַרפֿן מעלדן נאָכאַמאָל? פֿאַר מיין אָפּפֿאָר? — האָב איך געפֿרעגט פֿאַרן אוועקגיין.

— ניין, אַלץ דערליידיקט. ביי אונז אין פּוילן זיינט איר אַ פֿרייער מענטש — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ — איר קענט וואוינען וואו איר ווילט און איר קענט אַרומפֿאָרן פֿראַנק און פֿריי איבערן גאַנצן לאַנד. דער פֿאַן קען זיך אַפּילו שטעלן אויפֿן קאָפּ, אויב ער וויל — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

* * *

כ'בין געגאַנגען זוכן די אַמאָליקע אידישע וואַרשע.

כ'האָב קיינמאָל ניט געוואוינט אין וואַרשע, געווען דאָרט נאָר עטלעכע מאָל, אַ טאָג, צוויי, בעת אַ דורכרייזע. אין זכרון זיינען פֿאַרבליבן זשומענדיקע גאַסן, לאַנגע הויפֿן מיט אָן אַ שיעור דירות, סקלאַדעס און אָנגעלאָדענע פֿורן, די נאַלעווקיס און גענשע, סמאָטשע און „ביים אייזערנעם טויער", פֿאַרשמאַיעטע יונגעלייט אין קאַפּאָטעס, מיט חסיד'ישע היטעלעך, חסידים מיט לאַנגע בערד, ברייטפּלייציקע טרעגערס, מאַלאַזשעס אין פֿאַרשמירטע מלבושים, שוסטערס אין קעלערשטובן, קאַוויאַרניעס, אַ מאָדנער זינג־זאַנג פֿון אַ פֿאַרצויגענעם אידיש, אידישע פֿאַניענקעס וואָס רעדן פּויליש, קלובן, שולן, שטיבלעך. אויף דער אַנדערער זייט פֿון תחום — אַ פֿרעמדע וועלט, וואו מען האָט בלויז געוואָרפֿן אַ בליק, מיט אַ לייכטן ציטער אין האַרץ: די גוי'אישע וואַרשע, די „לאַזיענקי" מיט ווייסע שוואַנען אויף אָזיערעס, די פֿריצישע קוואַרטאַלן, מאַרשאַלקאָווסקאַ, טעאַטער־פּלאַץ.

אין זכרון האָט זיך אויך איינגעקריצט, זינט דער פֿריער יוגנט, די לעגענדע וואַרשע, וואָס האָט געוואונקען פֿון דערווייטנס — פֿון צייטונגס־בלעטער און ביכער: טלאָמאַצקע 13 מיט די גרעסטע שרייבער פֿון דער וועלט, גרינבוים'ס קאַמפֿן אין סיים, דער „בונד" מיט די מאַסן פֿון אַרבעט און נויט, רעכטע פּועלי־ציון און לינקע פּועלי־ציון, און אגודה'ניקעס, איטשעלע און ביינוש מיכאַלעוויטש און הלל צייטלין און ד"ר האַרטגלאַס, וועלכע זיינען געווען אויסגעבונדן אין נגלה און נסתר פֿון דער גאַנצער וועלט־פּאָליטיק, שטרייקן, אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס און געשלעגן מיט קאָמוניסטן, ראָמאַנסן פֿון גביר'ישע טעכטער, קאַלטע ווילגאָטנע קעלער־שטובן — אַ וועלט אַ גאַנצע, אַ רעאַלע, מיט אַ „וואַרשע של מעלה", און מיט אַן אייגענער אונטער־וועלט אפֿילו.

דאָסמאָל האָב איך געוואוינט פֿון יענער זייט תחום, אין אַ „פֿריצישער" געגנט, נישט ווייט פֿון טעאַטער־פּלאַץ. אַ ווייטער מהלך ביז דער

אידישער וואַרשע. דער צענטער פון שטאָט איז אימפעטיק, רוישיק. לאַנגע רייען פון קאַפע־הייזער, קראָמען, וויסטאַוועס. אַ געדיכטער עולם אויף די טראָטואַרן. מענטשן איילן זיך, טראַמוואַיען קלינגען, קומען־אָן, פאָרן־אָפּ. דערנאָך ווערט שטילער. ברייטע שלווה׳דיקע גאַסן. אַ גרויסער פאַרק מיט יונגעביימער, וואָס גרינען זיך ווי אַ גרעניץ צווישן צוויי וועלטן. דער זאַקסישער גאָרטן. אויף דער אַנדערער זייט, אַ ביסל ווייטער: עטלעכע חורבות, בלינדע פענסטער, אָפּגעריסענע דעכער, פאַרסאַזשעטע ווענט. דאָ איז שוין געווען די געטאָ.

און דערנאָך... לאַנגע, הויכע הייזער־בלאָקן, ברייטע גאַסן, טויזנטער באַלקאָנען. די זון שיינט אין די פענסטער. ברייטע גאַסן מיט ריזיקע הייזער־בלאָקן, מיט גערטנדלעך אין פראָנט. אַ קינד קוקט אַרויס דורך אַ פענסטער, אַ בלומען־טאָפּ. נאָך הייזער־בלאָקן, גאַסן, הויכע געביידעס, באַלקאָנען, פאַרהענגלעך איבער פענסטער.

דאָ איז אַמאָל געווען די אידישע וואַרשע. אפילו די נעמען פון די גאַסן זיינען פאַרשוואונדן (פאַראַן אַ קליין געסל, וואָס הייסט „נאַלעווקי״, אָבער ניט אויפן זעלביקן אָרט). אפשר וואָלט אַן אַלטער תושב דערקענט דעם פלאַץ, וואו ס׳איז אַמאָל געווען זיין גאַס. אפשר.

אפילו קיין חורבות זיינען ניט געבליבן. ווי קיינמאָל ניט געווען. קיינמאָל ניט.

צווישן אידן אין וואַרשע

עטלעכע שעה האָב איך זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין איבער וואַרשע. פרעמדע מענטשן, געפּאַקטע עס־לאָקאַלן, וואו מען בייסט־צו שטייענדיק, טעאַטער־פּלאַץ, אַלעיע יערוזאַלימסקיע, מאַרשאַלקאָווסקאַ, סאָדע־וואַסער־בודקעס, סטאַלינ׳ס קולטור־פּאַלאַץ, איילנדיקע טראַמ־ווייען, ציגאַרעטן־בודקעס, פרעמדע פּנימ׳ער — צו וואָס בין איך דאָ געבליבן? כ׳האָב שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק.

אפשר וועט מיין נאָטיץ־ביכל מיר אַרויסהעלפן? אָט איז וואַרשע: נאָוואָגראָדזקע 5. ווען כ׳האָב אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון „נאָוואָגראָדזקע 5“, האָב איך געהאַט אַ געפיל, ווי כ׳וואָלט אַריין אין אַן אַרבעטער־קלוב ערגעץ אין פּאַריז — אַ היימיש ווינקל, אַ קליין אידיש אינזעלע אין אַ פרעמדער מעטראָפּאָליע.

ס׳איז אַ טעות צו מיינען, אַז ס׳איז לחלוטין נישטאָ קיין אידיש לעבן אין איצטיקן פּוילן. אָבער די קולטור־גרוסן פון דאָרטן זיינען עלול צו טוישן. אין אונזער פאָרשטעלונג טויכט גלייך אויף אַ בילד פון אַמאָל. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס אידישע קולטור־געזעל־שאַפטלעכע לעבן אין איצטיקן פּוילן, בכל־אופן אין וואַרשע, גיכער ענלעך, אין זיין פאָרמעלער סטרוקטור, צום אידישן קולטור־לעבן אין מערב־אייראָפּע.

דאָס אידישע לעבן אין אַמאָליקן פּוילן איז געווען געבויט אויף גרעסערע טעריטאָריעלע אינזלען — דאָס שטעטל, דער אידישער קוואַרטאַל אין דער גרויסער שטאָט — וואָס האָבן געהאַט זייער אייגנ־אַרטיקן סטיל: מיט אַן אייגענער שפּראַך, אייגנאַרטיקע פיזיאָנאָמיעס, מנהגים, תנועות, מלבושים. אַ פרעמדער האָט נישט געדאַרפט קיין סך זוכן; ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ טעריטאָריע, האָט ער גלייך דערשפּירט די אַטמאָספער פון דער אויטאָנאָמער „מדינה“.

אין פּאַריז, אַ שטייגער, האָבן אַזעלכע אינזלען נישט עקזיסטירט; אַפילו די „אידישע געגנטן" האָבן אויסערלעך אויסגעזען ווי אַלע אַנדערע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט. איר וואָלט זיך געקענט אַרומדרייען אַ גאַנצן טאָג פון מאָנפּאַרנעס ביזן בעלוויל און פון „לאַטיינישן קוואַרטאַל" ביז קלישי — און איר זיינט אומעטום געווען אין אַ פרעמדער מעטראָפּאָליע. עס זיינען אָבער געווען אידישען „הייזער". דער אויטאָנאָמער קולטור־אינזל איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ קולטור־קלוב. „פּלאַס דע לאַ רעפּובליק" מיט זיינע קאַפע־הייזער און טעראַסן, וואָס פיל פון זייערע קליענטן זיינען געווען אידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן, האָט אויסגעזען אַזוי פראַנצויזיש ווי די אַנדערע פּלעצער אין שטאָט; אָבער אין די אַרומיקע גאַסן, אין אַלע פיר זייטן, האָט נאָך אידיש געקיניגט אין די דלד אַמות פון אַלערליי קלובן: די „פעדעראַציע", דער בונדישער קלוב, די קאָמוניסטישע „קולטור־ליגע", די „אַרבעטער־היים". פרומע אידן האָבן געהאַט זייערע שולן און בתי־מדרשים.

אַז איר האָט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון אַזאַ „הויז", בפרט פון אַן אַרבעטער־קלוב, האָט איר גלייך איינגעאָטעמט די לופט פון דער אַלטער היים: באַקאַנטע פיזיאָנאָמיעס, שמועסן אויף אידיש, אידישע ביכער אויף די פּאָליצעס פון דער ביבליאָטעק, געפילטע פיש און פעטשאַ (אָדער „פּוסנאַגי") אין בופעט, פּלאַקאַטן וועגן אַ אידישער צוגאָב־שול אויף די ווענט, און אַמאָל טאַקע בענקלעך פון אַזאַ שול אין אַ זייטיקן צימערל.

אַזאַ מין „אַדרעס" איז היינט־צו־טאָג „נאָוואָגראָדזקע 5" אין וואַרשע — אַ שארית־הפליטה, אַן אומעטיקער „במקום" און אַ שוואַכער צכאָ פון דער אַמאָליקער אידיש־וועלטלעכער וואַרשע. דאָס הויז געפינט זיך נישט אין דער אַמאָליקער אידישער געגנט, נאָר אין איינעם פון די געוועזענע רייכע פּוילישע קוואַרטאַלן, נישט ווייט פון די „אַלעיע יערוזאַלימסקיע".

די גאַנצע געביידע, 4 אָדער 5 גאָרנס, איז פאַרנומען דורך דעם „אידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד" — דער צענטער פון אידישן ישוב אין פּוילן. דאָ הויזן אויך אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס: די רעדאַקציע פון דער טאָג־צייטונג „פאָלקס־שטימע", די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי, דער פאַרלאַג „אידיש בוך", די רעדאַקציע פון דער ליטעראַרישער צייטשריפט „יידישע שריפטן", דאָס ביוראָ פון „אָרט" א. אַ. דאָ ווערן אויך, דוכט זיך, אויסגעטיילט די אונטערשטיצונגס־געלטער פון דער „דזשאָינט"־אָפּטיילונג אין וואַרשע.

אין האָל, ביי דעם איינגאַנג, זיינען אויסגעלייגט אידישע

ציַיטונגען און ביכער. אין בופעט און אין די אַרומיקע צימערן קענט איר באַגעגענען אַרטיקע אידישע שרייבער, עסקנים, אַרטיסטן פון אידישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן. עס ווערן דאָרט אָפּגעהאַלטן זי־צונגען פון קאָמיטעטן און קאָמיסיעס. אין אַ גרויסן זאַל אויפן צווייטן גאָרן ווערן געפּראַוועט אַרבעטער ימים־טובים, וואו מען קען הערן רעדעס אויף אידיש.

אין קליינעם רעסטאָראַן האָב איך זיך גליַיך דערפילט היימיש. באַלד האָב איך זיך צערעדט מיט מענטשן. אַן עלטערע פרוי האָט געוואָלט וויסן, צי כ׳וואָלט געקענט אויפזוכן דעם אַדרעס פון איר אָנקל אין ניו־יאָרק — ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע אין 1906 און זינט דעמאָלט האָט ער בלויז איין מאָל געשריבן, גליַיך נאָכן לאַנדן. כ׳האָב באַשטעלט אַ פּאָרציע געהאַקטע לעבער, שוואַרץ ברויט און אַ גלאָז טיי (ס׳איז געווען ערב אַ פּראָלעטאַרישן יום־טוב און אין בופעט זיַינען שוין געווען בלויז שיריים. דרך־אגב, דאָס איצטיקע פוילן עקס־פּאָרטירט קיין מערב־אייראָפּע, צווישן אַנדערע זאַכן, געפילטע פיש אין קענדלעך, אונטער דער מאַרקע „ריבאַ פּאָ זשידאָווסקו״). אַ יונגער־מאַן האָט זיך מיט מיר אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען ביים דאַוונען אין שול; אויך ער האָט זיך אינטערעסירט מיט קרובים אין אַמעריקע.

* * *

„נאָוואָגראָדזקאַ 5״ איז אָבער ניט סתם אַ קלוב. דער „אידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד״ איז אַ מין האַלב־אָפיציעלע רע־פּרעזענטאַנץ פון אידישן ישוב אין פוילן, בכל אופן דינט ער ווי אַ צענטראַלע פאַר אידישע קולטור־ענינים. ער פאַרמאָגט 24 אָפּטיילונ־גען איבערן לאַנד. ער האַלט־אויס דעם פאַרלאַג „אידיש בוך״, ער אָרגאַניזירט אידישע ביבליאָטעקן, לעקציעס, שולן, פייערונגען — און ער האַלט די השגחה איבער זייער אינהאַלט. ער איז אויך דער משגיח איבער דעם רעפּערטואַר פון אידישן מלוכה׳שן טעאַטער אין פוילן און אַלע אַנדערע אידיש־וועלטלעכע קולטור־אויסדרוקן אין לאַנד.

ער ווערט משמעות אומדירעקט קאָנטראָלירט דורך דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. די טאָג־ציַיטונג „פאָלקס־שטימע״ ווערט אָפיציעל אַרויסגעגעבן דורך דעם אַלגעמיינעם פאַרלאַג „פּראַסאַ קראַיאָוואַ״ („לאַנד־פּרעסע״). הגם דער „קולטור־פאַרבאַנד״ האָט בלויז עטלעכע און צוואַנציק אָפּטיילונגען, גייט אָבער די ציַיטונג צו אידן אין אַרום 80 שטעט און שטעטלעך. עס זיַינען מסתמא פאַראַן ישובים, וואו עס לעבן בלויז איינצלנע אידישע משפחות.

וויפל אידן לעבן נאָך היינט אין פוילן? קיין אָפיציעלע פוילע סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל איז ניטאָ. די צאָל אידן האָט זיך כסדר

געביטן: דורך דעם צושטראָם פון רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטנפאַר־באַנד, פון איין זייט, און דורך דער עמיגראַציע, ספּעציעל קיין ישראל, פון דער אַנדער זייט. אין „קולטור־פאַרבאַנד" ווערט אָנגעגעבן די צאָל פון 35 טויזנט אידישע איינוואוינער אין לאַנד. אַנדערע קוועלן שאַצן, אַז די צאָל דערגרייכט ניט מער ווי צו 25 טויזנט נפשות. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז אין פוילן לעבט נאָך אַ גרויסע צאָל „פאַרשטעלטע" אידן, וואָס האָבן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע און טיילמאָל אויך שפּעטער, געענדערט זייערע נעמען, און זיי גייען אָן ווי סתם פּאָלאַקן. אַ טייל פון זיי האַלט־אָן אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט אידישער קולטור־טעטיקייט; זיי כאַפּן זיך אַמאָל אַריין אויף אַ לעק־ציע, אין אידישן טעאַטער, אָבער אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פיגורירן זיי ניט ווי אידן.

אין די גרויסע שטעט זיינען מערערע אידן באַשעפטיקט אין מלוכה־אַפּאַראַט, אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע און פון האַנדל, וואָס זיינען נאַציאָנאַליזירט און געפינען זיך אין די הענט פון דער רעגירונג. אין די קלענערע צענטערן זיינען פאַראַן קאָאָפּעראַטיוון פון אידישע האַנטווערקער, שוסטער, שניידער, סטאָליאַרעס א. אַ. איינצלנע אידן אַרבעטן אין דער אינדוסטריע און ביי אַלערליי מלאכות.

* * *

הערש סמאָליאַר און דוד ספאַרד זיינען זיכער גוטע קאָמוניסטן, אָבער בעת דעם שמועס מיט זיי האָב איך זיך געפילט ווי ביי אַ באַ־געגעניש מיט אידישע שרייבער אָדער קולטור־טוער אין פּאַריז אָדער בוענאָס איירעס. אַ געוויסע ראָליע שפּילט דערביי זיכער די אַטמאָספער אויף דער אַלגעמיינער פוילישער גאַס. פוילן איז ניט אָפּגעריסן פון דער מערב־וועלט. מערערע פון די דאָרטיקע אָפיציעלע אידישע עסקנים האָבן באַזוכט מערב־אייראָפּע און מדינת־ישראל. אין די ביבליאָטעקן קומען־אָן ביכער פון אידישע שרייבער איבער גאָר דער וועלט.

דרך־אגב, כ'שטעל זיך פאָר, אַז עס קומט זיי אָן שווער, צוליב פינאַנציעלע סיבות, צו קויפן אידישע ביכער פון מערב. ס'וואָלט גע־ווען אַ יושר אַז אידישע שרייבער זאָלן צושיקן זייערע ווערק. „מיר האָבן אַ גאַנץ גרויסע צאָל גוטע אידישע לייענער" — האָט מיר גע־זאָגט איינער פון די ביבליאָטעקאַרן — „אונזערע אַבאָנענטן לייענען טאַקע".

מיר האָבן זיך באַגעגנט ניט־אָפיציעל, אין איינעם פון די צימערן פון „קולטור־פאַרבאַנד". ס'איז ביי זיי געווען ערב אַ זיצונג. עס זיי־נען אַריינגעקומען נאָך עטלעכע חברים, און באַלד זיינען מיר געווען מער ווי אַ האַלבער מנין אַרום אַ טיש. מען האָט געשמועסט וועגן

אידישן לעבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אידישער ליטעראַטור, פּרעסע, אַנטיסעמיטיזם, אַסימילאַציע, סתם רכילות וועגן דעם אָדער יענעם שרייבער. זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס עס מאַכט לייוויק. מיט ספּאַרד׳ן האָב איך געשמועסט וועגן די מעלות און חסרונות פון יעקב גלאַטשטיין ווי אַ דיכטער און אַ ליטעראַטור־קריטיקער. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן פּראַקטישער טעטיקייט, וועגן באַשלוסן, וואָלטן מיר זיכער געהאַט שאַרפע חילוקי־דעות ביי יעדן פּונקט. אָבער וואָס שייך דעם שטח פון פאַראינטערעסירונג אין תחום פון קולטור, סתם אַזוי, אַבסטראַקט — איז ער דער זעלביקער. די געשעענישן פון דער צייט האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויף יעדן איינעם פון אונז, און מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז אויך אידישע קאָמוניסטן אין פּוילן האָבן איצט אַ מער אינטימע באַציאונג צו אידישער קולטור ווי זיי האָבן געהאַט אַמאָל: ערב דער מלחמה און פאַר דעם חורבן.

אַ פאָלק דאַרף האָבן שרייבער, אָבער אפשר נאָך מער מוזן שרייבער האָבן אַ פאָלק. קעגנער פון דער פּאָליטישער ליניע פונעם „קולטור־פאַרבאַנד״ האַלטן, אַז די אָפיציעלע קאָמוניסטישע פירער פון אידישן ישוב אין פּוילן זיינען קעגן „עליה״ פון פּוילן קיין ישראל ביט אַזוי צוליב אידעאָלאָגישע סיבות, ווי דערפאַר וואָס זיי האָבן מורא, אַז זיי וועלן בלייבן אָן אַ „קנעלונג״ — אָן מאַסן.

אָבער די אָפיציעלע ליניע פון דער פּוילישער רעגירונג איז צו דערלויבן די „עליה״ פון אידן קיין ישראל. צווישן אידן זאָגט מען, אַז גאָמולקאַ זאָל האָבן דערקלערט, אַז: די ערד פון פּוילן איז אָנגעזאַפּט מיט אידיש בלוט — און אַזוי לאַנג ווי ער וועט זיין ביי דער מאַכט וועט ער באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד און וועט געבן די אידן די ברירה עולה צו זיין קיין ישראל.

דוד ספּאַרד איז אין די פופציקער. ער איז אַ בן־הרב און ער קען גוט העברעאיש. ער איז אויסגעבונדן אין דער אידישער ליטעראַטור און וויסט וועגן די לעצטנס דערשינענע ביכער און די ניי־אויפגעקומענע נעמען אין דער אידישער ליטעראַטור. זיין נאָמען האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט בעת אַ באַזוך אין פּוילן, אין 1936. ער איז שוין דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער צווישן דער לינקער אידישער יוגנט — אַן עכט „פּראָלעטאַרישער שרייבער״. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך דעמאָלט געמאַכט אַ נאָמען מיט דערציילונגען פונעם לעבן פון אידישע אַרבעטער — שילדערונגען פון אידישער נויט און אָרימקייט אין פּוילן. אַצינד שרייבט ער בעיקר לידער און ליטעראַטור־קריטיק.

* * *

אַ צווייטער וויכטיקער אידישער אַדרעס אין וואַרשע איז דער „אידישער היסטאָרישער אינסטיטוט". ער געפינט זיך אויף דער אַמאָ־ליקער טלאָמאַצקע (איצט: „געגעראַלאַ שוויערטשעווסקיעגאָ"). דער אינסטיטוט איז אַן איוו"אָ הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג: ער פאַר־מאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון „יודאַאיקאַ", זאַמלונגען פון אידישע צייטונגען און צייטשריפטן פון גאַר דער וועלט; ער פאַרנעמט זיך מיט פאָרש־אַרבעט, ספּעציעל מיט פאָרשונג פון אידישן לעבן אין פוילן און דער געשיכטע פון חורבן. אין אינסטיטוט זיינען צוערשט דערשיינען אויף אידיש עמנואל רינגלבלום'ס טאָגביכער פון וואַרשע־ווער געטאָ, וואָס זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן.

דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט, בער מאַרק, איז געווען קראַנק. כ'האָב געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך מיט איינעם פון די וויכטיקע מיט־אַרבעטער, אַדאַם רוטקאָווסקי. ער האָט גראָד געאַרבעט אויף אַ נייער קאָמפּלעטער אויסגאַבע פון רינגלבלום'ס טאָגביכער. אַ יונגע זשורנאַ־ליסטקע, רות פופס, האָט מיך אַרומגעפירט איבער דער אויסשטעלונג פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס געפינט זיך אין אינסטיטוט. זי פאַרנעמט מערערע צימערן: בילדער פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין געטאָ, פאָטאָ־גראַפיעס פון עקזעקוציעס און דעפּאָרטאַציע, דאָקומענטן, צייכענונגען, אַ מאַקעט פון בונקער, וואו עס האָט זיך געפונען דער שטאָב פון אויפ־שטאַנד. אַ באַזונדער אויף דער אויסשטעלונג אין משך פון לאַנגע שעה'ן, אין שכנות פון דער געוועזענער אידישער וואַרשע, וואָס איז מער גישטאָ, איז איינע פון די דערשיטערנדיקסטע איבערלעבונגען, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן.

וועגן אינסטיטוט בכלל דאַרף מען שרייבן באַזונדער און אויספיר־לעכער.

אין אידישן מלוכה־טעאַטער

צווישן פובליקום אין אידישן טעאַטער אין וואַרשע בין איך אין יענעם אָוונט משמעות געווען דער איינציקער איד. דער זאַל איז געווען באַזעצט פון ברעג צו ברעג. אַלע אַנדערע צושויער זיינען געווען פוי־לישע יוגנטלעכע, שילער פון די העכערע קלאַסן פון פאַרשידענע גימ־נאַזיעס אין וואַרשע (אפשר זיינען צווישן זיי צופעליק געווען אויך גע־ציילטע אידישע יוגנטלעכע?). אַנצוקוקן דעם דאָזיקן עולם פון פוילי־שע שקצים און שיקסעס אין אַ אידישן טעאַטער, איז שוין פאַר זיך אַליין געווען אַ שטיקל דראַמע.

די דראַמע גופא, אויף דער סצענע, איז אַנגעגאַנגען אויף אידיש (טאַקע אין אַ ריינעם אידיש, אפילו געמישט, צוליב דעם אינהאַלט, מיט למדנ'ישע, לשון־קודש'דיקע ווערטלעך). די יונגע צושויער האָבן

אַלע געטראָגן טרובקעס איבער די אויערן און האָבן געהערט די גע־שפּרעכן אין פּוילישער איבערזעצונג. די הויפּט־העלדן אויף דער סצע־נע: ס׳רוב גביריש־יחוס׳דיקע אידן, די אידישע מאַמע, רבנים, כּלי־קודש, געקליידעט אין פּויליש־אידישן טראַכט פון פאַריקן יאָרהונדערט.

די האַנדלונג איז געווען אינטערעסאַנט, פון דעסטוועגן האָבן מיינע אויגן זיך אָפּט אָפּגעווענדעט פון דער סצענע און באַטראַכט דאָס פּובלי־קום. טיפּיש־פּוילישע פּנים׳ער, אַ סך פלאַקס־בלאָנדע קעפּ, מיידלעך מיט פאַרריסענע נעזלעך. זיי האָבן זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, מיט שפּאַנונג. מען האָט ניט געהערט קיין געררויש אין זאַל, קיין שאָרך. ס׳רוב פּנים׳ער אינטעליגענטע. הלמאי זאָלן מיר לייקענען? מיר האָבן זיך ניט צופיל ליב געהאַט; מיר זיינען געווען (בלויז געווען?!) פול מיט קעגנזייטיקע פאָראורטיילן. די אידישע וואַרשע האָט געמוזט אונ־טערגיין, טייכן בלוט האָבן געמוזט פאַרגאָסן ווערן, אַז די יונגע שכנים זאָלן קומען אין אידישן טעאַטער?

די פּיעסע איז שוין פריער געגאַנגען אַרום זעכציק מאָל, אין וואַר־שע און אויף דער פּראָווינץ, און דער אידישער עולם האָט זי שוין געהאַט געזען. דער „אידישער מלוכה־טעאַטער״ אין פּוילן ווערט סוב־סידירט פון דער פּוילישער רעגירונג, אַזוי אַז די טרופּע האָט ניט קיין פינאַנציעלע זאָרגן, אָבער די צאָל אידן אין פּוילן האָט זיך פאַרקלע־נערט (ספּעציעל בעת דער גרויסער עמיגראַציע קיין ישראל מיט עטלע־כע יאָר צוריק) — און וואָס וועט ווייטער זיין? דאָס אָריענטירן אַ פּוילישן פּובליקום אין טעאַטער האָט, אויסער אַ דערציערישן, אויך אַ פּראַקטישן ציל.

געשפּילט האָט מען אין יענעם אָוונט „מאיר עזאָפאָוויטש״ — אידאַ קאַמינסקאַ׳ס אַן אינסצעניזאַציע פון עליזאַ אָזשעשקאָוואַ׳ס באַ־קאַנטן ראָמאַן. די פּוילישע שרייבערין אָזשעשקאָוואַ איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ אידן־פריינדין, און האָט אין די אַמאָליקע צייטן פון שטאַרקן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם אָנגעשריבן מערערע אידן־פריינטלעכע ווערק. כ׳האָב דעם ראָמאַן ניט געלייענט, אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז אידאַ קאַמינסקאַ האָט אים געגעבן פיין „צוגעפּיקסט״ אין דער אינסצעניזאַציע, אַרויסהויבנדיק געוויסע מאָמענטן, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צום גייסט פון איצטיקן פּוילן.

די אַקציע האָט זיך געדרייט אַרום צוויי „אַקסן״: דער לאַנגער קאַמף (אין משך פון העכער אַ יאָרהונדערט) צווישן אַ משפּחה פון פאַנאַטישע רבנים, די טאָדרעס׳עס, און צווישן די עזאָפאָוויטש׳עס, וואָס זייער עלטער־זיידע האָט שוין געוואָלט איינפירן רעפאָרמען צווישן די פּוילישע אידן: אויפקלערונג, ערד־אַרבעט, אינטעגראַציע אין אַל־

געמיינעם פוילישן לעבן; און צוויטנס, די געהיימע, פאַרבאָטענע ליבע צווישן דעם יונגן מאיר עזאָפּאָוויטש און אַ קאַראַאימער מיידל.

די גאַנצע לאַנגע רייד וועגן אויפקלערונג און וויסן, וואָס וועלן פאַרברידערן די מענטשן פון אַלע פעלקער און ראַסן, האָבן אָפּגע־קלונגען היפּש־נאַאיוו אין וואַרשע. האָבן די פוילישע יוגנטלעכע אין ואַל געטראַכט אויך וועגן זייער אייגענעם „קלער", אָדער ס'איז ביי זיי געבליבן אין זכרון בלויז אַ בילד פון ווילד־פאַנאַטישע רבנים, וואָס טרעטן אַרויס קעגן טאָלעראַנץ, קעגן וועלטלעכן וויסן, קעגן די קאַראַ־אימער, קעגן יעטווידן פרייהייטלעכן געדאַנק?

ניט אַלע אויפפירונגען פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע פּאָלעמישע ענינים. און פון טעאַטראַלן שטאַנדפונקט איז אויך די „עזאָפּאָוויטש"־אויפפירונג געשטאַנען אויף אַ זייער הויכן ניוואָ. עכט, ריין, קינסטלע־ריש טעאַטער. אַ ציכטיקע שפּראַך און ערנסטע אַרבעט. אין ניו־יאָרק וועט איר אַזאַ טעאַטער אויף אידיש ניט געפינען, אפשר אין ערגיץ אויף דער וועלט ניט — היינט־צו־טאָג. מערערע פון די אַרטיסטן זיי־נען מענטשן מיט אַ נאָמען אין דער אידישער טעאַטער־וועלט: אידאַ קאַמינסקאַ, מאיר מעלמאַן, חבל בוזגאַן, רבקה שילער א. אַ. פאַראַן אָבער אויך יונגע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער קאַריערע אין „אידישן מלוכה־טעאַטער" אין וואַרשע. די הויפּט־אַרטיסטקע צווישן די אינגערע, אַ יונג מיידל נאָך, איז אַריבער פון דער פוילישער בינע צום אידישן טעאַטער.

דער אידישער טעאַטער פון פוילן איז מערערע מאָל געפאָרן אויף גאַסטראָלן אין מערב־אייראָפּע און איז אויך געווען אויף אַ לענגערן באַזוך אין ישראל. זיי וואָלטן געוואָלט קומען אויף אַ באַזוך אין אַמע־ריקע, האָט איינער פון די אַרטיסטן מיר דערציילט, אָבער די אידישע אַרטיסטן־יוניאָן פון ניו־יאָרק איז אַרויסגעטראָטן קעגן זייער באַזוך און זיי האָבן דערפאַר ניט באַקומען קיין דערלויבעניש — האָט ער זיך באַקלאָגט. פאַרוואָס מעגן קומען קיין ניו־יאָרק סאָוועטישע טענ־צער, זינגער און אַרטיסטן, און אידיש טעאַטער פון פוילן איז טריף? — האָט ער גע'טענה'ט.

פאַראַן דערביי איין שטיקל „טרייסט": מיר דאַכט זיך, אַז אויך קיין מאָסקווע לאָזט מען זיי ניט אַריין.

יאַנינאַ

— אויפן וועג וועט איר זיך אויך פאַרהאַלטן אין וואַרשע?
— יאָ, עטלעכע טעג נאָר.
— איז אפשר וועט איר מיטנעמען 2 פּאָר ניילאָן־זאָקן פאַר עמיצן דאָרטן?

ניילאָן־זאָקן? מיטנעמען?... קיין וואַרשע האָב איך געדאַרפט אָנקומען ערשט נאָך תל־אביב און מאָסקווע, אַריבערגיין נאָך אַנדערע גרעניצן, דורכגיין צאָל־רעוויזיעס. און ווי קומען צו מיר ווייבערשע זאָקן?

— ס׳איז פאַר אַ פּוילישער פרוי אין וואַרשע. זי האָט געראַטעוועט מיין טאָכטער, אין יענע יאָרן... איר ווייסט דאָך... — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

מיר האָבן זיך געקענט פון דער אַרבעט. אַ גוטער בעל־מלאכה, איז ער תמיד געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַן ערנסטער, אַ שווייגנדיקער. עפּעס האָב איך יאָ געוואוסט, אַז ער איז אין די מלחמה־יאָרן געווען דאָרטן: אין געטאָ, אין די לאַגערן. אָבער ווער געדענקט עס היינט אַזעלכע זאַכן? מען רעדט ניט וועגן דעם. מען רעדט וועגן חורבן, מיליאָנען — אָבער דער מענטש וואָס שטייט לעבן איך ביי דער אַרבעט, וואָס איר באַגעגנט אָפט פּנים אל פּנים —

— אייער טאָכטער? אַליס?

כ׳האָב זי געקענט. זי האָט אים עטלעכע מאָל באַזוכט ביי דער אַרבעט. אַ יונגע פרוי. זי האָט חתונה געהאַט אין אַמעריקע. זי האָט שוין אַ קינד.

— דעמאָלט איז זי נאָך אַליין געווען אַ קינד — האָט ער געזאָגט — זי איז נאָך ניט אַלט געווען קיין דריי יאָר, ווען יאַנינאַ האָט זי גענומען צו זיך. אַזוי הייסט זי, די פּוילישע פרוי: יאַנינאַ. איר ווייסט דאָך וואָס די דייטשן האָבן געטאָן מיט אידישע קינדער. מיר האָבן

געאַרבעט אין אַ וואַרשטאַט אין דער „ווילדער געגנט", צווישן געטאָ און דער פּוילישער שטאָט. ליאַדע אַ טאָג האָט מען אונז געקענט ערגיץ אַוועקפירן. און וואָס וועט זיין מיטן קינד? דעמאָלט האָט יאַנינאַ זי גענומען. מיר האָבן זי ניט געקענט פון פריער, און מיר האָבן ניט געהאַט קיין געלט...

— און איר האָט די גאַנצע ניט געזען אַליס'ן?

— איין מאָל. מיר האָבן שפּעטער געאַרבעט אין ראַדאָם. יאַנינאַ איז דאָרט געקומען מיטן קינד און האָט שפּאַצירט לעבן דער פאַבריק. מיר האָבן געזען אַליס'ן פון דער ווייטנס, דורכן פּאַרקאַן. ערשט נאָך דער מלחמה האָבן מיר זי ווידער געזען.

— יאַנינאַ האָט אייך גלייך צוריקגעגעבן דאָס קינד?

— יאָ, אָבער ס'איז ניט געווען אַזוי פּשוט. פאַר דער צייט האָט זי אָפּגעגעבן דאָס קינד צו אַ קרובה אין אַ דאָרף. אין וואַרשע איז געווען געפערלעך. די קרובים האָבן אַדאָפּטירט אַליס'ן. אָבער יאַנינאַ איז אַהינגעפאָרן און זי צוריקגעבראַכט.

— אויב אַזוי... כ'וועל זיך שוין אַן עצה געבן אויף די גרעניצן. שיקט מיר צו די זאַכן. שיקט „ספּעשל דעליווערי", ווייל מאָרגן פאַר־נאַכט פליט־אָפּ מיין עראָפּלאַן.

ער האָט אָנגעשריבן דעם אַדרעס אויף אַ צעטל: „יאַנינאַ יאַמיאָל־קאָווסקאַ, וואַרשע־פּראַגע, אַבוואָדאָוואַ 16, פּוילן".

אין צען וואָכן אַרום האָב איך געטראָפן יאַנינאַ'ן אין וואַרשע.

* * *

זי האָט ניט טעלעפאָנירט אין האָטעל, ווי כ'האָב געהאַט אָפּגע־רעדט מיט אַדאַמ'ען — דעם פאָטער פון קינד. אפשר איז זיין בריוו פאַרלאָרן געגאַנגען? צענזור? די 2 פּאָר זאָקן זיינען געווען מיין וויכ־טיקסטע מיסיע אין וואַרשע, אפשר אויף דער גאַנצער רייזע. ווי זוכט מען אַ גאַס ערגיץ אין פּראַגע? כ'בין איינגעשטיגן אין אַ טאַקסי. אפילו דער פּוילישער שאָפער האָט ניט געוואוסט וואו דאָס געסל געפינט זיך. ער האָט געפרעגט אַ פּאָליציאַנט. דער פּאָליציאַנט האָט לאַנג גע־זוכט אין אַ ביכל און האָט אונז געגעבן אַלגעמיינע אָנווייזונגען. דער שאָפער איז געווען זיכער, אַז כ'פאָר טאָן גרויסע ביזנעס. וואָס פאָרט עפּעס אַ איד פון אַמעריקע אַזש קיין פּראַגע? שוין די טאַקסי אַליין וועט אויסמאַכן אַ מאַטניאַ מיט געלט!

ער איז עטלעכע מאָל שטיין געבליבן און זיך נאָכגעפרעגט. די געגנט איז אָרימער געוואָרן. מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייט־טיקן געסל, אָן אַ ברוק. פון ביידע זייטן האָבן זיך געהויבן הילצערנע

צוגעפּאַרבטע כאַלופּעס; אויף פרייע פּלעצער איז געוואַקסן ווילד גראָז. אַ ביסל ווייטער האָט זיך געענדיקט די וועלט — אַ הויכער געמויער־טער פּאַרקאַן, און הינטער דעם פּאַרקאַן: ביימער.

— אָה, דאָ איז דאָך דער אידישער בית־עולם אויף ברודנע! — האָט געזאָגט דער שאָפער — ווען איך ווייס...

ס'איז געווען נאָך אַ רעגן און אָפּגעריסענע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין די ריטשקעס און בלאָטע. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם אויטאָ, נייגעריקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון די פאַרשמירטע צורה'ס.

— וואו וואוינט דאָ יאַנינאַ יאַמיאַלקאָווסקאַ?

— אָט־דאָ! — האָבן זיי אויסגערופן אין כאָר און אָנגעוויזן אויף אַן אָפּגעבלאַקעוועטער כאַטע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען מע־רערע דירות. זיי זיינען אַלע מיטגעגאַנגען ביז צו דער טיר. אַ יונג בלאָנד מיידל איז דערשינען אויפן שוועל. כ'האָב געפרעגט אויף יאַ־נינאַ'ן.

— איר קומט פון אַמעריקע? וואָס מאַכט די טיאָטיע יוליאַ? פּונקט היינט איז אָנגעקומען אַ בריוו. די מאַמע איז אַקאָרשט אַוועקגעפאָרן אין זען. קומט אַריין!

די דירה איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער און אַ קיך. איינ־פאַך, אָרים און זויבער. אינמיטן צימער — אַ גרויסער טיש מיט הויכע שטולן אַרום. אויפן טיש — ביכלעך און העפטן.

— איר גרייט־צו די לעקציעס פאַר דער שולע?

— יאָ. מיין נאָמען איז אורשולאַ. וואָס מאַכן אָנקל אַדאַם און טיאָטיע יוליאַ? און וואָס מאַכט אַלושאַ?

— גוט. זיי שיקן גרוסן. איר געדענקט זיי?

— אָה, ניין, כ'האָב זיי קיינמאָל ניט געזען — האָט זי אַ שמייכל געטאָן — ווען זיי זיינען דאָ געווען, בין איך אַלט געווען עטלעכע חדשים.

מיין בליק איז געפאַלן אויף אַ ווינקל פון צימער. די פּאָדלאָגע איז דאָרט געווען ווי אויפגעשניטן און צוגעדעקט מיט אַ פיר־עקיקן דעקל. אורשולאַ האָט נאָכגעפאָלגט מיין בליק:

— דאָרט האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן. אונטן איז אַ טיפע לאָך, אַ מין קעלער.

— ווער? אַדאַם און יוליאַ?

— כ'ווייס ניט... אידן... אַנדערע אידן, דאַכט זיך. דעמאָלט איז דאָרט שטענדיק געלעגן אַ טעפּיך פון אויבן און איבער דעם טע־פּיך איז געשטאַנען אַ בענקל.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אינסטינקטיוו אַ שאַר געטאָן אַ שטול אין יענעם ווינקל. זי האָט זיי קיינעם ניט געקענט, זי איז

אָבער אויפגעוואַקסן ווי מיט אַ לעגענדע פון יענער צייט. דאָס לאַך אונטער דער ערד און דאָס פּאַדלאָגע־ברעטל פון אויבן זיינען געווען ווי עדות, אַז ס'איז ניט געווען קיין לעגענדע.

* * *

צומאָרגנס גאַנץ פרי האָט יאַנינאַ אָנגעקלאַפּט אין טיר פון מיין צימער. אַ טונקעלע, אַ שטשופּלע, האָט זי געטראָגן אַ גרויען ביליקן רעגן־מאַנטל — איר זונטיק־מלבוש אוודאי. זי האָט אויסגעזען פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק; ס'הייסט אַז דעמאָלט איז זי נאָך געווען ווייער יונג, אין די צוואַנציקער. זי האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דער משפחה אין ניו־יאָרק.

— כ'האָב געהערט, אַז אַלושאַ האָט שוין חתונה געהאַט — האָט זי געזאָגט. זי האָט אַרויסגענומען אַ בילד פון האַנט־טאַש און מיר געוויזן. צוויי קליינע קינדער: איר אינגל, יאַנוש, און אַלושאַ (אַליס), אַ אידיש קינד און אַ פּויליש קינד, פאָטאָגראַפירט אין יענע יאָרן, ניט ווייט פון געטאָ־מויער, פון דער געסטאַפּאָ, פון...

— זיי פלעגן זיך שפּילן צוזאַמען — האָט זי צוגעגעבן — יאַנוש וואָלט זי נאָך אַמאָל געוואָלט זען.

— אַלושאַ איז ניט געווען ביי אייך די גאַנצע צייט, אמת?

— ניין. זי איז געווען בלאַנד און האָט גערעדט פּויליש. מיר האָבן אַלעמען דערציילט, אַז זי איז אַ פּוילישע, אַ יתומה, פון ווייטע קרובים. ס'איז דאָך געווען מלחמה־צייט. אָבער איינמאָל האָט אַ שכנה־טע זי אַ פרעג געטאָן, ווי ס'האָט געהייסן איר פאָטער. „מיין פאָטער האָט געהייסן אַבראַם", האָט זי געענטפערט. גלייך האָבן אַלע שכנים געוואוסט, אַז ביי מיר באַהאַלט זיך אויס אַ זשידאָווסקע קינד. איר ווייסט דאָך: די דייטשן האָבן געצאָלט פאַר מסר'ן אַ באַהאַלטענעם אידן. מען האָט ניט געטאָרט וואַרטן אפילו איין טאָג. ס'איז געווען ווינטער, אַ ביטערע קעלט. אינמיטן נאַכט האָב איך איינגעוויקלט דאָס שלאָפנדיקע קינד אין אַ קאָלדרע און זיך געלאָזט אין וועג. ערגיץ ווייט, אין אַ דאָרף ביי קאַטאָוויץ, האָב איך געהאַט אַ קרובה. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פאָלקס־דייטש. כ'האָב אַהינגעבראַכט דאָס קינד, דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע: אַ יתומה... דער פאָטער געפאַלן אין קריג... זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער, האָבן זיי זי אַדאָפּטירט.

— און נאָך דער מלחמה?

— כ'בין אַהינגעפאָרן. דער פאָלקס־דייטש האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ: אַ זשידאָווסקע קינד האָט ער גאָר געראַטעוועט! ער איז געווען בייז, הלמאי כ'האָב אים אָפּגענאַרט, אָבער פון דער אַנדער זייט האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט אַ זאַשוויאַדטשעניע, אַז ער האָט

אויסבאַהאַלטן אַ אידיש קינד. דעמאָלט איז עס שוין געווען אַ שטיקל יחוס, בפרט פאַר אַ פאָלקס־דייטש...

רעדנדיק האָט זי זיך לייכט געריבן די הענט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט דערוואַרימען. אירע פינגער האָבן אויסגעזען פאַרשטאַרט, ווי פאַרגליווערט.

— וואָס איז מיט אייערע הענט?

— אַריטראַיטיס...

— איר האָט נאָר צוויי קינדער?

— יאָ. אורשולאַ׳ן האָט איר דאָך געזען, און יאַנוש, ער איז שוין איצט אַ גרויסער בחור. ער האָט געוואָלט לערנען, אָבער ער האָט גע־מוזט אָנהויבן פרי אַרבעטן.

— ביי וואָס אַרבעט אייער מאַן?

— ער איז געווען אַ באַן־אַרבעטער, אָבער לעצטנס איז ער קראַנק געוואָרן, עפּעס ניט אין אָרדענונג מיטן האַרץ, איז געלעגן אין שפּי־טאָל. ער קריגט אַ קליינע פּענסיע פון דער רעגירונג, ווי אַ צוריקגע־צויגענער אַרבעטער.

— און ווי לעבט מען?

— מען לעבט. פאַראַן ברויט און מילך צום פרישטיק פאַר די קינדער. אויף מיטאָג קאָכט מען אָפּ אַ זופּ. אַמאָל איז אויך פאַראַן אַ שטיקל פלייש.

זי האָט זיך ניט באַקלאָגט — ניט אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע און ניט אויפן רעזשים. זי האָט געהאַט אמונה, אַז עס וועלן קומען בעסערע צייטן — פאַר אַלעמען.

— זאָגט מיר, יאַנינאַ, אויסער אַלושאַ׳ן האָבן זיך ביי אייך אויס־באַהאַלטן אויך אַנדערע אידן?

— יאָ... עטלעכע...

כ׳האָב גענומען מיין נאָטיץ־ביכל. זי האָט זיך פאַמעלעך דערמאָנט:

— געווען איינער אַ פאַן גאָלדבערג און מיט אים איז געווען אַ פאַני רובינשטיין. ער האָט איבערגעלאָזט אַ מאַנוסקריפּט, אַ טאָגבוך. כ׳האָב עס אַוועקגעגעבן אין אַ היסטאָרישן אינסטיטוט. זיי זיינען דאַכט זיך אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע.

— און ווער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דער פאָדלאָגע? אין קעלערל?

— אַה, דאָס זיינען געווען די פאַמיליע פּערמאַן: חיים, דער פאָ־טער; אַ זון, איזאַק, און די מוטער; זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אונז אַרום אַנדערטהאַלבן יאָר.

— איר הערט עפּעס פון זיי?

— נייך, גאַרניט. נאָך דער מלחמה זיינען זיי, דאַכט זיך, אַוועקגעפאָרן קיין ישראל.

— אין ישראל איז אַ האַרט לעבן — האָב איך געזאָגט — בפרט פאַר נײַ־געקומענע. זיי האָבן אַוודאי געהאַט פיל זאָרגן, שוועריקייטן זיך איינצואָרדענען.

— אָבער אַ בריוול האָבן זיי דאָך געקענט אָנשרייבן — האָט זי גערעדט שטיל, אָן פּרעטענזיעס — כ'פאַרלאַנג פון זיי גאָרניט, אָבער עטלעכע ווערטער... ווען ניט אַדאַם און יוליאַ וואָלט איך פאַרלאָרן די אמונה אין מין מענטש. יוליאַ שרייבט אונז, זיי שיקן אויך פון צייט צו צייט אַ פּאַקעט, אויך מעדיצין פאַר מיין מאַן. ס'איז אָבער ניט די זאַכן, דער עיקר איז די פריינטשאַפט... וואָס זיי האָבן ניט פאַרגעסן...

— ווי האָט איר געקענט אויסבאַהאַלטן דריי פערזאָן אין אַזאַ קליינער דירה? אַזאַ לאַנגע צייט?

— די פּערמאַנ'ס? אַוודאי, ס'איז ניט געווען לייכט. ביינאַכט פלעגן זיי טיילמאָל אַרויפקומען אין צימער, אַמאָל אויך ביי טאָג. ווען מען האָט געהערט שריט אין דער נאָענט, האָבן זיי געמוזט שנעל אַראָפּלויפן אין קעלערל. מען האָט זיך געמוזט היטן פאַר די שכנים. אין דער פינסטער פלעג איך שטילערהייט אַרויסטראָגן די „נאַכט־טעפּ", קיינער זאָל ניט באַמערקן. זיי האָבן דאָך ניט געטאָרט אַרויסגיין אין דרויסן, אפילו ניט ביינאַכט. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען טאָג נאָך טאָג, חודש נאָך חודש.

— פאַרוואָס האָט איר עס געטאָן, יאַנינאַ?

— ווייל... מיין מאַן איז געווען אין דער „פּאַרטיי", און מען האָט אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן העלפן וויפל מיר קענען. אָבער ניט דאָס איז געווען דער עיקר. כ'האָב שטענדיק געהאַלטן פון מענטשלעכקייט און גוטסקייט, אַז מען דאַרף העלפן אַ מענטשן אין נויט, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך. און אַזוי האָב איך אויך דערצויגן די קינדער: יאַנוש'ן און אורשולאַ. כ'בין געבאָרן געוואָרן אין אַ דאָרף, אין אַן אָרימער פאַמיליע. אין שטוב זיינען געווען 7 קינדער, ס'האָט געהערשט נויט, טיילמאָל איז אפילו קיין שטיקל טרוקן ברויט ניט געווען. צו 12 יאָר בין איך אַוועק אַרבעטן. דערנאָך האָב איך געאַרבעט ווי אַ דינסט אין וואַרשע, ביי אידן, אין דער געגנט וואו ס'איז שפּעטער געווען די געטאָ.

איר דערקלערונג האָט ווייניק־וואָס דערקלערט. נויט אין דער קינדהייט און אַרבעט ווי אַ דינסט קענען אויך אַרויסרופן קנאה און שנאה, פאַרביטערונג און רשעות. זי איז, משמעות, אויך געווען אינטעליגענט. כאָטש זי איז אַזוי יונג אַוועק אַרבעטן, האָט זי גערעדט אַ גוטן פּויליש, האָט ווי געהעריק אויסגעדריקט אירע געדאַנקען און האָט, קענטיק, געלייענט צייטונגען. זי האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט:

— פאַרוואָס זייַנט איר אַזוי אויפגערעגט?

כ׳האָב אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און געשוויגן. כ׳האָב געוואוסט פאַר־וואָס: ווייל איך וואָלט ניט געהאַט דעם כוח עס צו טאָן. מסירת־נפש־טאָג־איין טאָג־אויס, אין משך פון הונדערטער טעג, יעדע שעה פון טאָג, פאַר פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן. און דערצו די מאָראַלישע מוט: זיך קעגנשטעלן דעם דרוק פון דער אַרומיקער אַטמאָספער, דער דורות־לאַנגער טראַדיציע פון פאַראַכטונג און שנאה. וואו האָט די דאָ־זיקע פשוט׳ע פרוי גענומען דעם כוח אַנצוהאַלטן איר גלויבן אין מענטשלעכער גוטסקייט, בעת אַרום האָט געבושעוועט אַ ים פון שנאה און רשעות?

— איר קענט וולאַדקע׳ן? — האָט זי מיך געפרעגט.

ווער האָט ניט געהערט פון וולאַדקע׳ן? זי איז געווען אין וואַרשע אויף דער „אַרישער" זייט. זי איז געווען אַ געהיימער קוריער, האָט געשמוגלט געווער פאַרן געטאָ, האָט געהאָלפן די באַהאַלטענע קינדער. שפּעטער, אין אַמעריקע, האָט זי אָנגעשריבן אַ בוך וועגן יענע יאָרן.

— כ׳קען זי ניט פערזענלעך, אָבער כ׳האָב געהערט וועגן איר.

— כ׳בין עטלעכע מאָל מיטגעפאָרן מיט איר אין די לאַגערן. גיט איר אָפּ אַ גרוס. זי געדענקט מיך אפשר.

זי האָט זיך אויפגעהויבן. די ווייטיקן פון אַרטעראַיטיס זייַנען קענ־טיק געווען אויך אין איר גאַנג.

— איר האָט באַקומען הילף פון אידישן קאָמיטעט? — האָב איך זי געפרעגט.

— ניין, גאָרניט.

— פאַרוואָס? ווי קומט עס?

— די ערשטע צייט, גלייך נאָך דער מלחמה, האָב איך זיך געווענ־דעט. ס׳איז אָבער דעמאָלט געווען אַ גרויסער אָנגעלאָף פון אַלערליי מענטשן. עס זייַנען געקומען פּאַלאַקן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאָלפן קיין אידן. מען האָט מיך גענומען אויספרעגן, פאָרשן. כ׳האָב עס ניט געקענט פאַרטראָגן און בין מער ניט אַהינגעגאַנגען.

דער „פּוילישער האָנאָר!"... כ׳האָב זי אָבער פאַרשטאַנען.

— איך גיי איצט אין אַ אידישן קאָמיטעט, קומט־מיט!

מיר זייַנען אַוועק צוזאַמען אויף „גאָוואָגראָדזקע 5". זי האָט גע־וואַרט אונטן, אין קליינעם בופעט. אין יענעם פאַרמיטאָג האָב איך זיך באַגעגנט מיט סמאָליאַר׳ן, ספּאַרד׳ן א. אַ. פאַר איין וועג האָב איך זיי געפרעגט, צי זיי וואָלטן עפּעס געקענט טאָן פאַר יאַנינאַ׳ן. זיי האָבן ניט קיין פאָנדן — האָבן זיי מיר דערקלערט — און דער „דזשאָינט" אין פוילן העלפט נאָר אידן. אָבער אויב איך וועל פאַר איר באַקומען

אַ צייגעניש פון „היסטאָרישן אינסטיטוט״, וועט אפשר דער „דזשאָינט״ איר געבן אַן איינמאָליקע שטיצע.

כ׳האָב מער ניט געהאַט קיין צייט צו גיין אין „אינסטיטוט״. די דאָקומענטן האָב איך סיי־ווי געדאַרפט באַקומען אין ניו־יאָרק. מיין באַגעגעניש מיט די שרייבער האָט געדויערט עטלעכע שעה. כ׳האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר יאַנינאַ׳ן.

— ס׳מאַכט ניט אויס! — האָט זי געזאָגט — כ׳האָב דערווייל געשמועסט מיט די מענטשן אין בופעט. זיי האָבן אַלע געמיינט, אַז כ׳בין אַן אייגענע.

מיר האָבן זיך געזעגנט. זי איז צוריקגעפאָרן אַהיים, איר איר דירה אויף אַבוואַדאָווע, וואָס איז פול מיט זכרונות און שאָטנס פון יענער צייט. איך בין געפאָרן צום מאָנומענט פאַר די קדושים און קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ.

* * *

צוריק אין ניו־יאָרק. ווען איר קומט אַהיים פון אַ נסיעה, פאַלן אויף אייך אַרויף טויזנט ענינים. כ׳האָב אַ נדר געטאָן ניט צו פאַרגעסן יאַנינאַ׳ן. באַלד האָב איך זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יוליאַ׳ן און וולאַדעקע׳ן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן לויטן ניו־יאָרקער שטייגער: עד־היום האָב איך זיי ביידן ניט געזען; מיר האָבן בלויז גערעדט טע־לעפאָניש.

— מען וואָלט געדאַרפט אויפזוכן דעם גאָלדבערג אין אַרגענטינע — האָב איך געזאָגט צו יוליאַ — אפשר וואָלט ער עפּעס געהאָלפן. די משפחה פון די פּערמאַנ׳ס, דער פאָטער, די מוטער און דער זון, זיינען דאָך אין ישראל, און זיי האָבן אפשר אַליין ניט צופיל...

— וואָס פאַראַ ישראל? — האָט זי געזאָגט — זיי זיינען אין ניו־יאָרק!

— אין ניו־יאָרק?

— יאָ, אין וואַשינגטאָן־האַיטס. זיי האָבן אפילו געביטן דעם נאָ־מען. זיי האָבן אַן אייגן פאַבריקל און זיינען גאַנץ פאַרמעגלעך. דער זון האָט שוין מיט מזל חתונה געהאַט.

— און זיי העלפן ניט יאַנינאַ׳ן? שרייבן אפילו ניט קיין וואָרט?

— איר זעט דאָך!... יאַנינאַ האָט פונקט געשוואַנגערט מיט אור־שולאַ׳ן, ווען זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי איר. זי איז געגאַנגען „מיטן בויך״ גראָבן קאַרטאָפל אין פעלד, כדי זיי צו ברענגען עפּעס צום עסן. טיילמאָל האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט אין פעלד, כדי צו גע־פינען אַ מערעלע, אַ בוראַק פאַר זייערטוועגן. זיי האָבן איר ניט גע־צאָלט, בלויז צוגעזאָגט, אַז נאָך דעם קריג וועלן זיי זי פאַרגיטיקן, און

— — — איך בין געקומען צו יאַנינאַ׳ן גלייך פון לאַגער, כ׳האָב אויס־געזען ווי אַ סקעלעט, שמוציק, קראַנק. זי האָט מיך אַריינגענומען אין דער קליינער דירה און מיר געגעבן אַ בעט, וואַסער זיך אָפּצואוואַשן, אַ שטיקל ברויט צום עסן.

— אָבער וואָס זאָגן זיי פּאָרט, די פּערמאַנ׳ס?

— די מיסיס טענה׳ט, אַז יאַנינאַ האָט זיי שלעכט באַהאַנדלט: אַז זי האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן אין אַ פינסטערן לאָך, אין וויל־גאָטש; אַז זייער אינגל האָט זיך דאָרט אפילו פאַרקילט.

— נאָך מאָסקווע וועל איך זיך שוין מוזן אַריבערכאַפּן אויך אין וואַשינגטאָן־האַיטס — האָב איך געזאָגט. צומאָרגנס האָט יוליאַ מיר צוקעשיקט דעם נויטיקן דאָקומענט פאַר דעם „היסטאָרישן אינסטיטוט״ אין וואַרשע: אַז יאַנינאַ האָט אין יענע יאָרן געראַטעוועט זייער קינד.

אויך וולאַדקע האָט גוט געדענקט יאַנינאַ׳ן. זי האָט אויך געקענט די פּערמאַנ׳ס — פון וואַרשע און פון ניו־יאָרק. און זי האָט געוואוסט, אַז יאַנינאַ האָט זיי אויסבאַהאַלטן אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר אָדער מער.

— אָבער ווי איז עס מעגלעך, אַז זיי ווילן לחלוטין ניט העלפן אַ פרוי, וואָס האָט ריזיקירט מיט איר אייגענעם לעבן, כדי זיי צו ראַטע־ווען? ס׳איז דאָך אומפאַרשטעלבאַר!

— פאַראַן פאַרשידענע מענטשן אויף דער וועלט — האָט זי געזאָגט.

איינער פון מיינע פריינט האָט פּרובירט דערקלערן די פירונג פון די פּערמאַנ׳ס על־פּי פרויד׳ס טעאָריע: אַז זיי ווילן פאַרגעסן דעם עבר זייערן, זיי ווילן אויסמעקן יענע יאָרן פון זייער זיכרון.

אין עטלעכע טעג אַרום איז וולאַדקע אָפּגעפאָרן אויף אַ לאַנגער נסיעה, אָבער פאַר איר אָפּפאָר האָט זי מיר צוגעשיקט עטלעכע קאָ־פּיעס פון נויטיקן דאָקומענט, אין וועלכן זי האָט גאַנץ אויספירלעך געשילדערט יאַנינאַ׳ס טעטיקייט אין יענע יאָרן. זי האָט דאָרט אפילו אָנגעגעבן יאַנינאַ׳ס אַדרעס. האָט זי אים געדענקט נאָך אַזויפיל יאָרן? איז ער ביי איר געווען פאַרשריבן?

כ׳האָב איבערגעשיקט די דאָקומענטן אין „אידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע״. ס׳האָט נאָך אַ ביסל געדויערט. יאַנינאַ האָט מיר געשריבן, אַז פון „אינסטיטוט״ האָט מען זי געשיקט אין אַ צווייטן קאָמיטעט (אין „דזשאָינט״, מסתמא). דאָרט האָט מען פון איר פאַר־לאַנגט דאָקומענטן. גוט וואָס כ׳האָב גלייך צוגעגרייט מערערע קאָפּיעס. כ׳האָב זיי געשיקט דירעקט צו יאַנינאַ׳ן. וולאַדקע האָט אויסער דעם

דאָקומענט געשיקט אַ גרוס און אַ רעקאָמענדאַציע צו אירן אַן אַלטן חבר, וואָס אַרבעט אַצינד אין דער „דזשאָינט"־אָפּטיילונג אין וואַרשע.

* * *

מיט אַ צייט צוריק האָב איך באַקומען אַ בריוו פון יאַנינאַ'ן. זי שרייבט מיר צווישן אַנדערן: „כ'בין געגאַנגען צום 'דזשאָינט' אויף נאָוואָגראָדזקאַ 5. כ'האָב אָנגעגעבן אַ ביטע און בייגעלייגט די דאָקו־מענטן... אַלץ האָט זיך דערליידיקט גוט... מען האָט מיר אָנערקענט דריי הונדערט זלאָטיס אַ חודש... כ'האָב שוין באַקומען אויסגעצאָלט פאַר סעפּטעמבער און אָקטאָבער... כ'דאַנק אייך אַלעמען..."

* * *

יעדע זאַך דערגייט צו אַ סוף — אפילו רייזע־באַשרייבונגען. כ'ווייס ניט, צי מיינע באַאָבאַכטונגען זיינען געווען גענוג אָביעקטיוו, כאָטש כ'האָב זיך געסטאַרעט צו זיין אָרנטלעך; כ'ווייס ניט, צי ס'איז מיר געלונגען איבערצוגעבן מיינע איינדרוקן דעם לייענער. אָבער אין איין זאַך בין איך זיכער: אַז די קליינע פּענסיע פאַר יאַנינאַ'ן, איז אַ גרויסע זאַך — און דערפאַר אַליין האָט זיך געלוינט די נסיעה.